STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09774

GEKLIBENE SHRIFTN

Pinye Kats

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קאַץ

געקליבענע שריפטן

באַנד VIII

אַרויסגעגעבן פון א
געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
ביים פאַרלאַג „איקוף"

★

בוענאָס-איירעס
1947

אויף ליטעראַרישע און קולטור־טעמעס

די וועגן פון דער אידישער ליטעראַטור

דער היסטאָרישער זין פון דער אידישער ליטעראַטור און דוד בערגעלסאָן

וואָס אזוינס מיין איך מיט היסטאָרישן זין פון דער אידישער ליטעראטור?

ס'איז נישט קיין מוז צו פארלייקענען אָדער צו פארזען דאָס לעבן פונעם אידישן פאָלק ביז דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראטור, וואָס איז אויפגעקומען אינמיטן דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט און צו נעגירן דעם אינטערעס פאר דער קינסטלערישער פארוועררטונג פון דער לײַדנרײַכער אידישער געשיכטע, די אידייען און באוועגונגען אין די פארשידענע צײַטן און לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט — און אָט די פארוועררטונג גייט לעצטנס אָן מער אָדער ווייניקער געלונגען אין דער אידישער ליטעראטור, סײַ דורך די אמעריקאנער, סײַ דורך די ראטנפארבאנדישע אידישע שרײַפטשטעלער — אויף צו קאָנסטאטירן, אז דאָס וואָס מען רופט אָן די אידישע ליטעראטור, אלס סאָציאלער בנין, אלס אינסטיטוציע, האָט אלס אורשפרונג א באשטימטע קולטור־געזעלשאפטלעכע באוועגונג אינעם אידישן פאָלק אויפן שטח פון זײַן מאסן־לעבן, אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט זיך גענומען באפרײַען פון איר פעאָדאלער פארגליווערטקייט. דאָס איז די באוועגונג וואָס טראָגט דעם העבראישן נאָמען „השכלה", אויפקלערונג, און האָט געטראָגן אין זיך די אידייען פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אין זייער אָנווענדונג צו דער אידישער ווירקלעכקייט

פון יענער צייט, אָנהויב די זעכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט.

אָט די אידייען, וואָס מיר באַטיטלען זיי אַלס די אידייען פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, כאָטשע אין טייל לענדער זייַנען זיי אויפגעקו־מען נאָך אינעם אכצנטן אָדער נאָך פריער — די דעמאָקראַ־טיזירונג, פאַרוועלטלעכונג און אינ־דוסטריאַליזירונג פון די פעלקער — ליגן אינעם גרונד נישט בלויז פון דער אידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אינעם גרונד פון דער ליטעראַטור ביי אַנדערע פעלקער, און וואָס אונדז אינטערעסירט דאָ אמערסטן אָנצואווייזן — פון דער רוסישער. די היסטאָריקער, פון דער רוסישער ליטעראַטור, אַלצאיינס מאַרקסיסטישע אָדער נישט, אָווסיאַניקאָ קוליקאָווסקי, אָדער קראָפּאָטקין (זיין בוך „די אידעאַלן און ווירקלעכקייט פון דער רוסישער ליטעראַטור" איז באַקאַנט די שפּאַניש-לייענער פון ש. רעזניקס איבערזעצונג) שטעלן אַוועק אַלס אָנהויב אירן די באַוועגונג פון די דעקאַבריסטן (1825), די ערשטע מאָדערנע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געוואָלט אריינפירן די צאַרישע אימפּעריע אין דער ספער פון דער מערבדיקער ציוויליזאַ־ציע, און דער געראַנגל פאַר און קעגן אָט די אידייען, דער אויפשטייג און פאַלן פון דעם געראַנגל, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז מען דאַרף פון איר אַרויסוואַרפן אָדער אָפּשניידן יענע צווייגן אירע, וואָס אינטע־רעסירן זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט איר קינסטלערישער פאַרווערטונג אָדער די באָהעמע־ליטעראַטור, וואָס אָפּערירט מיט די פּראָבלעמען און שטימונגען פונעם איבערזעטיקטן בירגער, וואָס זעען נישט פאַר זיך קיין אַנדערע „אידעאַלן" און האָט נישט קיין אַנדערע אינטערעסן ווי די עראָטישע אָדער אינדיווידועל פּסיכישע".

איך ווייז אָן אויף דער רוסישער ליטעראַטור אַלס מוסטער, ערש־טנס, מחמת זי איז ווינציקער ווי אַלע אַנדערע פאַרוואָקסן געוואָרן מיט דעם באָהעמיש־עראָטיש־אינדיווידועל־פּסיכישן אָנוואוקס אָדער ווילדגראָז, וואָס די בורזשואַזע ווירקלעכקייט פון דעם נייַנצנטן יאָר־הונדערט האָט מיט זיך געבראַכט, כאָטש דער אָנוואוקס איז קול־

טיווירט געווען פון אַזעלכע טאַלאַנטן ווי אַנדרייעוו, בונין, קופּרין, גיפּיוס און זייערע חברים און כאָטש זי האָט אַזעלכע ממש געניאַלע פאַרגאַנגענהייטס שרייבער ווי מערעזשקאָווסקי, און דעריבער זעען זיך קלאָר אַרויס אירע מעכטיקע שטאַמען, אירע קלאַסיקער, וואָס האָבן קולטיווירט די פריער דערמאָנטע סאָציאַלע אידייען: טאָלסטאָי, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, די דעמבעס פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווי עס רופט זיי אָן געאָרג בראַנדעס, צו וועלכע מען דאַרף צוגעבן גאָנטשאַראָוו, גאָגאָל און די וואָס פאַר זיי: פאָן וויזין, גריבאַיעדאָוו, די דיכטער, פּושקין און לערמאָנטאָוו, די פּובליציסטן און האַלב־פּובליציסטן הערצען, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין און די גאַנצע פּלעיאַדע רוסישע קריטיקער פון די זעכציקער, זיבעציקער און אכציקער יאָרן וואָס האָבן געגעבן דעם טאָן אין דער רוסישער ליטעראַטור און זי געפירט אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג. צווייטנס, איז די רוסישע ליטעראַטור געווען די וואָס האָט אַמשטאַרקסטן באַיינפלוסט אונדזערע קלאַסיקער, די אידישע, און איר ווירקונגס שטח האָט דאָך אויך אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אָדער כמעט דעם גאַנצן שטח פון דעם אידישן מאַסן־לעבן אין דער צווייטער העלפט פונעם נייננצנטן יאָרהונדערט, ווען זי האָט אַמשטאַרקסטן געווירקט: אוקראַינע, פּוילן, ליטע, ווייס־רוסלאַנד און רעפלעקטיוו אויך רומעניע און גאַליציע.

די דעמאָקראַטיזירונג, פּאַרוועלטלעכונג און פּראָדוקטיוויזירונג, וואָס האָט אין מערב־אייראָפּע געבראַכט מיט זיך די אָפּשאַפונג פון די אידישע געטאָס, האָט אויך געבראַכט מיט זיך פאַר די מערב־אייראָפּעאישע אידן, קליינע אין צאָל, א שאַרפן און שנעלן אַסימילירונגס־פּראָצעס, א שפּראַכלעכן צוערשט און דערנאָך קולטורעלן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די גבירישע הייזער און פון דאָרט זיך אויסגעשפּרייט אויף די אָרימסטע שיכטן א דאַנק זייער שנעלן אַריינשפּרינגען אין דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָצעס. אַנדערש איז עס געווען אין מזרח־אייראָפּע, וואו דער דעמאָקראַטיזירונגס פּראָצעס איז געגאַנגען לאַנגזאַמער און האָט געהאַט קעגן זיך דעם גוואַלדיקן ווידערשטאַנד און די מורא פון דעם רוסישן פעאָדאַלנטום מיט די צאַרן און דער קירכע אין דער שפּיץ. דאָרט האָט די דעמאָקראַטיזי־

רונג, פאַרוועלטלעכונג און פּראָדוקטיוויזירונג געמוזט ברעכן דאַמ־בעס, אַלטע ווי נייע, נישט נאָר האָט מען דאָרט נישט געעפנט די אי־דישע געטאָ,וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם שטעטל, מיט זיין אָרימער פּאַרמיטלער־פונקציע צווישן דעם פּריץ און די פּאַראָרימטע פּויערים פון די דערפער, נאָר מען האָט דאָרט די געטאָ נאָך ענגער געמאַכט, נאָך מער באַגרעניצט די ספערע פון אידישן וואוינרעכט, מען האָט אַרויסגעטריבן די אידן פון די דערפער, פון די הויפּט־שטעט, פון די גרויסרוסישע פּראָווינצן, באַשרענקט זייערע באַשעפטיקונגען. און פּונקט ווי דער קאַמף פון דער רוסישער פּאָרגעשריטענער אינטע־ליגענץ קעגן די דאַמבעס, האָט געשאַפן די רוסישע ליטעראַטור, אַזוי האָט דער קאַמף פון דער אידישער פּאָרגעשריטענער אינטעליגענץ, געשאַפן די אידישע ליטעראַטור, צוערשט אין העברעאיש און אין רו־סיש, די קולטור־שפּראַכן פון דער אידישער אינטעליגענץ, און דערנאָך אין אידיש — אין דער שפּראַך פון די אידישע מאַסן, ווידער אַמאָל אונטער דער ווירקונג פון די רוסישע פאָלקס באַוועגונגען, די „נאַראָד־ניטשעסטוואָ", וואָס האָבן זיך אויסגעוויקלט פון די מערב־אידייען, אונטער דער ווירקונג פון די רוסישע פאָלקס־שרייבער, מיט זייער סענטימענט פון ליבע צום פּויער און מיט זייער שטרעבונג אים צו וועקן און אויפקלערן. די ערשטע אידישע שרייבער, די שרייבער אין אידיש, ווי מענדעלע, לינעצקי, גאָטלאָבער, אקסענפעלד, עטינגער און שפּעטער שלום עליכם, ספּעקטאָר און זייערע נאָכגייער, האָבן דערי־בער ליב געהאַט זיך צו רופן „פאָלקס שרייבער".

אונדזערע קלאַסיקער, מענדעלע, שלום עליכם און טייללוויז, פּרץ האָבן זייער עקוויוואַלענט אין כאַראַקטעריסטישע רוסישע שריפט־שטעלער פון זייער צייט, מיט זייער טעמאַטיק, מיט זייער ליטעראַרי־שער ריכטונג, דער רעאַליסטיש־קריטיציסטישער, מיט זייערע סאָציאַ־לע סימפּאַטיעס און דער עיקר, מיט די גרונט־אידייען, וואָס לויכטן אַרויס פון זייערע ווערק: די דעמאָקראַטיזירונג, פאַרוועלטלעכונג און פּראָדוקטיוויזרונג פונעם אידישן לעבן, וואָס קומט ביי זיי צום אויס־דרוק דורך דער נעגאַציע פון דעם שטעטל, פון דער דאָזיקער אומגע־

זונטער סאָציאַלער קאַטעגאָריע, וואָס איז דער באשאף פון דעם פעאָ־דאַלן לעבנס־שטייגער.

ווען איך זאָג, דעריבער, היסטאָרישער זין פון דער אידישער ליטעראַטור, מיין איך אָט די גרונט־אידייען, וואָס זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין איר דורך אונדזערע קלאַסיקער אין איר אָנהויב און דער המשך זייערער, ווי זייער טראַנספאָרמאַציע אין פאַרלויף פון דער צייט און אין הסכם מיט דער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג, וואָס קומט אָדער דאַרף קומען אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי אין יעדער אנדער ליטעראַטור.

דערמיט וואָס מיר זאָגן, אַז דער המשך און די טראַנספאָרמאַציע פון די פריער געשילדערטע גרונט־אידייען אינעם אידישן לעבן ד א ר פ ן קומען אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער ליטעראַטור, מיינען מיר צו זאָגן, אַז דער המשך און די טראַנספאָרמאַציע פון די אידייען זיינען נישט כסדר געקומען אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער ליטעראַטור. זיי האָבן געליטן אָן איבעררייס, נישט אַזוי א לאַנגן ווי א טיפן, און ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך שווערע קאָנסעקווענצן. אַלנפאַלס איז דער המשך, ווי די טראַנספאָרמאַציע, געווען צו שוואַך, אויף גובר צו זיין אַן אנדער ריכטונג, אָדער אנדערע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך אין איר אריינגעריסן און אוועקגעפירט אויף אנדערע וועגן.

דער צווייטער דור אידישע שרייבער, געקומענע צו דער אידישער ליטעראַטור ערב דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן פון אָנהויב אריינגעבראַכט אין איר נישט נאָר נייע קינסטלערישע דערפאַרונגען, נייעם געלייטערטן סטיל און נייע פאָרפּולקאָמטע ליטעראַרישע פאָרמען, נאָר אויך דעם המשך און די עוואָלוציע וואָס די גרונט־אידייען פון דער אידישער, ווי פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָבן דורכגעמאַכט, די עוואָלוציע צום סאָציאַליזם, צו דער רעוואָלוציע, צו דער ראָל פון דעם ארבעטער קלאַס אין דער געזעלשאַפט. נאָכמער, דער ערב פון דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט זיינע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידייען, האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן

אויך אויף דעם עלטערן דור אידישע שרייבער, באזונדערס אויף שלום עליכם און פּרץ. דער ערשטער האָט געפּרואווט ארייַנפירן זיינע פּאַר־שוינען פונעם שטעטל אין דער נייער אידייען־וועלט; פּארהערלעכונג פון ארבעט און ארבעטער־באפרייאונג: טוביהם טעכטער, די פאמיליע פון מאיר שאלאנט אין „צעזייט און צעשפּרייט", דער „מבול"... דער צווייטער האָט גענומען אריינגעבן רעוואָלוציאָנערע אידייען און פּראָ־טעסט אין זיינע אידישע האָרעפאשניקעס און אפילו אין די גע־שטאַלטן פון דער רעליגיעזער אידישער וועלט, נישט אויפהערנדיק צו זיין, ווי פריער, דער ריטער־קעמפער פאר דער וועלטלעכקייט אינעם אידישן לעבן און פאר דער באפרייאונג פון דער אידישער פרוי. אפילו דער סענטימענטאלער דינעזאָן איז געוואָרן קעמפעריש און האָט אָנגע־שריבן א סאטירע אויף דער צארישער הערשאפט „שמשון שלמה און זיינע פערד". געדרוקט אין „פריינד" 1905. די נייע: דוד פּינסקי, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, א. וויסנבערג, שלום אש... האָבן דעמאָלט גענומען דירעקט אלס זייערע פארשוינען דעם אידישן ארבעטער און דעם וועלטלעכן מענטשן, דעם נייעם גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן דער אידישער יוגנט. אריינגעריסן האָט זיך שוין דעמאָלט אין צארישן רוסלאנד די ליטעראטור פון די אידישע סאָציאליסטישע עמי־גראנטן צוזאמען מיט דער נישט לעגאלער סאָציאליסטישער פּראָפּאַ־גאנדע, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאנד: מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, יוסף באָווּשאָווער און דוד עדעלשטאַט. זייער אודיטאָריע, אמת, איז מערסטנס געווען א נישט לעגאלע, די אונטער־ערדישע אידישע ארבעטער־באוועגונג, אָבער א באגייסטערטע, אַן ענטוזיאסטישע...

באלד אָבער קומט דער ריס אין אָט דעם המשך. דער דורכפאל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און די אנטוישונג וואָס דער דורכ־פאל האָט געבראכט מיט זיך צווישן דער אידישער אינטעליגענץ, צווישן דער אידישער יוגנט, האָט א בלאָז געטאָן אויף דער אידישער ליטעראטור מיט א קעגן־ווינט, וואָס האָט זי פארטריבן צוריק אין געטאָ און האָט זי אויך פארזייט מיט דעם ווילדגראָז פון דער מערב־דיקער דעקאדענץ, פון דער באָהעמע־ליטעראטור, מיט אירע שטימונ־

גען פון אומקום, פון מיסטיק און נירוואנא, פון אינזיכיסטישע גריב־לעניש, פון נאַרציסיזם און ערעטישן „שלא כדרכו“, ווי בערגעלסאָן רופט אָן די פּערווערזיטעט.

געווען איז דאָס א פּאַראַלעלע דערשיינונג צו די זעלבע שטי־מונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור מיט איר „גאָט זוכעניש“, מיט איר עראָטישער צערייצטקייט, אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע גריבלעני־שן, אנטלויפן פון דער קעגנוואַרט אא״וו. נאָר בעת אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט אזא ריז ווי מאַקסים גאָרקי איבערגעשריגן מיט זיי־נע אָפּטימיסטישע טענער און הומאַנישן און סאָציאַלן רעאַליזם, די יאוש־שטימונגען און דעם אינדיווידועל־מענטשלעכן סימבאָליזם און מיט אים האָבן געווירקט אזעלכע טאַלאַנטן ווי ווערעסייעוו און קאָראָ־לענקאָ, איז אין דער אידישער ליטעראַטור אזא כוח נישט געווען.

דער רבי גופא פון דעם נייעם דור, י. ל. פּרץ, איז אין יענ־נער צייט געשטרויכלט געוואָרן און גענומען רופן צוריק אין שול און גלאָריפיצירן די חסידישע ראָמאַנטיק. דער קלוגסטער פון זיינע תלמי־דים, נאָמבערג, האָט גענומען שרייבן קהלתדיקע דערציילונגען וועגן מענטשן וואָס האָבן קיין כוח נישט צו לעבן און גייען אליין צו זייער קבורה; דער קרעפטיקער שילדערער פונעם רויען קלאַסן־קאַמף איגעם באַלמעלאָכישן געסל, א. י. ווייסנבערג, האָט גענומען שרייבן אויף עראָטישע טעמעס; רייזען און פּינסקי זיינען אוועק קיין אויסלאַנד. דער ערשטער האָט זיך דאָרט אָנגעהאַלטן ביי די ערשטע טריט פונעם קוים אויפגעוואַקסן שטעטל אָדער איבערגעזעצט מאָדערנע ליטעראַ־טור אויף אידיש און דער צווייטער איז אויך אוועק צו עראָטישע טע־מעס; דער טאַלאַנטפולסטער פון זיי, שלום אש, איז מיט דעם גאַנצן אימפּעט זיינעם און דעמאָנסטראַטיוו, אוועק אין שול, אַרויסקומענדיק מיט זיין ערשטער דראַמע „מיטן שטראָם“ אָדער ווי ער האָט איר א נאָמען געגעבן אין דער העברעאישער ווערסיע אירער, „יצא וחזר“, (אוועק און צוריקגעקומען). א רבנישער זון וואָס איז אוועק צו וועלט־לעכקייט, צו סאָציאַליזם, קומט צוריק צום טאַטן דעם רב און צו זיין פרומען ווייב, וואָס בענקט נאָך זיין קול־תורה, צום בית־מדרש... באַלד דערויף איז ער ווידער אַרויסגעקומען דעמאָנסטראַטיוו מיט זיין

„שטעטל״, וואָס איז אַן אַפּלייקענונג פון דעם קלאַסישן נעגאַטיוון צו־גאַנג צום שטעטל און צום קריטישן רעאַליזם אין דער אידישער ליטע־ראַטור. מענדעלעס קאַבצאַנסק, גלופּסק און טונעיאַדעווקע, וואָס די נעמען זייערע אַליין זיינען שוין אַן אָנזאָג אויף זייער אָרימקייט, ניש־טיקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, דער קוויטיקער הימל זייערער און דאָס שטינקנדיקע טייכל, די עדה קבצנים, ווי אַ סטאַדע שעפּסן, צאן קדשים, וואָס ווערט געפירט פון די „צאַפּעס״, די הויטשינדערישע בעל־טאַקסעס, תקיפים און „קליינע מענטשעלעך״, דאָס געמויזעכץ, ווי ער רופט דאָס געוויינטלעך, וואָס דאָס מיינט אַ שטייענדיקער זומפּ; שלום עליכמס קאַסרילעווקע, דאָס קאָמישע, מיט זיינע קאָ־מישע פאַרשוינען און קאָמישע פּרנסות; ליניעצקיס „וץ וני״ (וועציוואָני) דאָס חסידיש־כניאַקישע און פאַנאַטישע שטעטל, וואו מען לעבט ווי „דער וואָרעם אין כריין״ און מען מיינט ס׳איז קיין בעסערס נישטאָ; פּרצעס פּוילישע שטעטלעך פון זיין „רייזע איבער דער פּראָווינץ״, וואָס זע־ען אויס ווי די בית־עלמינס, איז ביי שלום אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אידישער אידיליע, איבער וועלכע עס ציען זיך „חסידיש־ניגונדי־שע וואָלקנדלעך״ און דער גענאָד פון אַ הערלעכער פּאַטריאַרכאַלישער פיגור, דעם גביר, וואָס איז פון גאָט אַליין געשיקט צו הערשן איבער דער פרומער אידישער עדה... אַ אידישער האַר פעאָדאַל, אין דער גע־שטאַלט פון דעם סוחר אויפקויפער פון דער פּויערישער פּראַצע...

אָט דאָס שלום אשס „שטעטל״ האָט געמאַכט אַ שולע אין דער אידישער ליטעראַטור, די שולע פון דער אידישער נעאָ־ראָמאַנטיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה לויב און פאַרהערלעכונג פונעם אידישן שטעטל, פונעם אידישן גביר. אפילו קיין אַמעריקע האָט זיך די שולע אַריבערגעטראָגן. דאָרט האָט מען, פאַרשטייט זיך, בלויז געבענקט צום שטעטל. מיט דער נעאָ־ראָמאַנטיק האָבן זיך אָנגעשטעקט אפילו שרייבער — סאָציאַליסטישע פירער און פּאַרטיי־דיכטער, דער עיקר פון „בונד״, וואָס האָבן געשיקט זייערע העלדן אין שול תשובה טאָן, שוויינן, רייניקן זיך אין פייער און מתפלל זיין... (אַ. ווייטער, דוד איינהאָרן). און — ווער ווייס דורך וועלכע אַסאָסיאַציעס — צי נישט דערפאַר וואָס דער „בונד״ האָט באַטראַכט דאָס שטעטל פאַר דער

טעריטאָריע פון דער אידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס ער האָט געהאט אין זיין פּראָגראַם, איז שלום אש, אלס באַיאַער, אלס פּאָזיטיווערער פונעם שטעטל, געוואָרן די ליטעראַרישע פאָן פונעם „בונד".

מער און זיכערער ווי אלץ איז דאָס געשען א דאַנק דעם, וואָס די פּאָזיטיווירונג און פאַרהערלעכונג פונעם שטעטל איז געקומען איינ־געהילט אין א מאנטל פון קרעפּטיקער קינסטלערישער שילדערונג, אינעם אימפּעטיקן טאלאַנט פון שלום אש. די אידישע אינטעליגענץ, די פּאַרטייאישע נישט אויסגעשלאָסן, ריכטיקער, די פּאַרטייאישע איבערהויפּט, האָט געזוכט אן ערזאַץ־אידעאַל, וואָס זאָל איר פאַרבייטן דעם גלויבן אינעם סאָציאַליזם, אין וועלכן זי האָט זיך אנטוישט אָדער ער איז אַרוים פון דער מאָדע. און אָט דעם אידעאַל האָט זי געפינען אין דער קונסט. ריכטיקער, אין א קונסט, וואָס זאָל קיין שייכות נישט האָבן מיט קיין געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן: „ריינע קונסט", ווי מען האָט דאָס גערופן, אָדער „קונסט לשם קונסט". א קונסט, וואָס זאָל זיין ריין פון יעדער טענדענץ.

אין דער אמתן, איז כשר געווען אין דער קונסט יעדע טענדענץ, אויסער דער סאָציאַליסטישער: איבערהויפּט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר טענדענצלאָז די מיסטיק, די ראָמאַנטיק, דאָס בענקען צום אלטן, און פאַרוואָרפן געוואָרן איז דער רעאַליזם, איבערהויפּט דער סאָציאַ־לער, דער סאָציאַלער קאַמף. אלץ וואָס האָט אין דער ליטעראַטור געהאט דעם ציל צו אונטערשטרייכן סימפּאַטיע צו די ארבעטער, צו דעם אונטערגעדריקטן פאָלק און ארויסצורופן פּראָטעסט קעגן די הערשער פונעם לעבן, קעגן וועלכער עס איז יעראַרכיע אָדער רעאַק־ציע, איז געפּסלט געוואָרן מיט דעם שרעקנסוואָרט „טענדענץ", טענ־דענציעזע ליטעראַטור". דאָס וואָרט השכלה (אויפקלערונג) איז גע־וואָרן א טערמין, וואָס באַצייכנט דאָס פאַרקערטע פון קונסט און אלץ וואָס האָט געשמעקט מיט חסידיזם, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר קונסט. מערקווירדיק איז פאַר יענער צייט, ווען י. ל. פּרץ האָט גענומען גלאָ־ריפיצירן דעם חסידיזם, די מיסטישע באַוועגונג צווישן אידן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין מזרח־איירָאָפּע אינמיטן אכצנטן יאָרהונדערט אונ־

טער דער דערדריקנדיקער שטימונג פון די היידאַמאַקישע פּאָגראָמען, שפּעטער אַ דעגענערירטע צו שאַרלאַטאַנעריי און טפּשות און באַ־קעמפּט פון דער השכּלה, אַז געוויסע ליטעראַטור־קריטיקער אָדער פּסעוודאָ־קריטיקער, וואָס זיינען דעמאָלט ארויסגעוואַקסן ווי שוואָ־מען נאָך אַ רעגן, האָבן גענומען זיך באַנוצן מיט טערמינען פון דער חסידישער און רבנישער ליטעראַטור און וואָס אבסטראַקט־מיסטישער דער טערמין, אַלץ גרעסערער אַטעסטאַט איז ער געווען פאַר קונסט־מבינות.

געווען איז עס אַ צייט, ווען אין דער אידישער בעלעטריסטיק האָבן געהערשט שלום אַשס חסידיש־נגידישע וואָלקנדלעך, י. ל. פּרצ׳עס זוכעניש פון דער „נשמה יתרה" אינעם חסידיזם, וואָס אַ סך פון זיינע לייענער האָבן זי דעגראַדירט צו דער התפּעלות פאַר דעם גערער רבין, א. ווייטערס תשובה פונעם אידישן אינטעליגענט, דוד איינהאָרנס אידעאַל פון אַ בלאַסער אידישער טאָכטער, מנחמס "תפלות" און „שוואַרצע רויזן", פּרץ הירשביינס „וואַנדער־טרוימען"... און אין דער קריטיק האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן וועגן „עולם האצילות" און „לבוש", וועגן רוחניות און גשמיות. אין דער אַלגעמיינער ליטע־ראַטור האָבן דעמאָלט געהערשט קנוט האַמסונס און הערמאַן באַנגס אימפּרעסיעס, מעטערלינקס סימוואָליסטישע מיסטיק פון די בלינדע, פּשיבישעווסקים סאַטאַניש־עראָטישע וויזיעס, אַנדרייעווס קאַפּאַקאַל צווישן אַסקעטיזם און שיכּרות, קופּרינס „גרוב" און איבער אַלעמען אַרציבאַשעווס צעהפקרטער סאַנין... און אין דער קריטיק — אָסקאַר וואַיילד, דער פּאָטער פון דעם נאַרציסיזם און פון „קונסט לשם קונסט", וואָס האָט אַלץ געוויקלט אין שלייערן, אין סאַלאָמעס שלייער־ערן. איז ווי, מיט אַן אמת, האָט זיך געקלעפּט אַהער סאָציאַלער רע־אַליזם, סאָציאַלע אידייען: אַרבעט, דעמאָקראַטיע, וועלטלעכקייט!... אין זיין בוך וועגן שלום עליכמען, געשריבן אין 1912, איז זיך מודה דער גרעסטער פון די אידישע ליטעראַטור־קריטיקער, ש. ניגער, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" (1907), צוזאַמען מיט דעם בונדיסט א. ווייטער און דעם ציוניסט שמריהו גאָרעליק, — דער זשורנאַל וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַט

דער נייער ליטעראַרישער באַוועגונג — אַז ער האָט נישט געפונען פאַר פּאַסיק אַריינצוגעבן אין דעם זשורנאַל אַ דערציילונג פון שלום עליכם, מחמת... ער איז נידעריקער פון דעם קונסט־ניוואָ אויף וועלכן עס שטייט דער זשורנאַל...

ער האָט מורא געהאַט, קומט עס אויס, אַז שלום עליכמס וואַ־טאָווע כמארעס זאָלן נישט פאַרשטעלן שלום אַשס זיידענע און ס'זאָל זיך נישט אָפּטאָן דער כישוף און ס'זאָל נישט אַראָפּגעריסן ווערן דער שלייער, וואָס שלום אַש האָט פאַרצויגן איבער דעם געמויזעכץ פון מענדעלעס און שלום עליכמס פאַרמשפּטן שטעטל.

און... אויך בערגעלסאָנען האָט מען נישט געפונען פאַר פּאַסיק צו דרוקן אין דעם אָדער אין אַנדערע פון דעם מין זשורנאַלן און פאַר־לאַגן, ווי דאָס פאַרצייכנט זלמן רייזען אין זיין לעקסיקאָן און ער האָט געמוזט אַרויסגעבן דאָס ערשטע געדרוקטע ווערק זיינס, „אַרום וואָק־זאַל", אויף אייגענע הוצאות, ערשט אין 1910.

ווען מיר בלעטערן די קריטיק איבער דוד בערגעלסאָנס ערשטן ווערק, מיט וועלכן ער האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער ליטעראַטור, ווערט אונדז פאַרשטענדלעך דער דאָזיקער פאַקט וואָס אין אַזאַ קונסט־דורשטיקער צייט, ווען יעדע נייע דערציילונג און יעדעס ניי ליד, בפרט פון אַ נייעם שרייבער, איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ ליב־האַרציקער שיינער מחותן אויף דער אידישער קולטור־חתונה, ווי נאָך איין בויער פון דעם אידישן „רענעסאַנס", איז אַזאַ קרעפּטיקער שריפטשטעלערישער אָנפאַנג, אָפּגעשטויסן געוואָרן.

ערשטנס, האָט מען אים געקענט פון זיינער אַ דערציילונג אין העברעאיש, געדרוקט אינעם העברעאישן זשורנאַל „השלוח", וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ריקות" (פּוסטקייט, ליידיקייט) און איז געווען אין פולשטענדיקן דיסאָנאַנס מיט דעם בונדיסטישן קורס אויף דער פּאָזיטיווירונג פונעם שטעטל, פון דעם גלות, ווי מען האָט עס גערופן און וואָס דאַרף זיין דער גרונד פאַר דער אידישער נאַציאָנאַ־לער קולטור, קעגן די אַלערליי ציוניסטישע נעגאַטאַרס פונעם גלות, וואָס פאַרמיאוסן דאָס שטעטל צוליב זייערע פּאַלעסטינישע אָדער

טעריטאָריאַליסטישע אילוזיעס און חלומות... געווען איז די דערציי־לונג א סכעמע, אזוי צו זאָגן, פון זיין גרעסערער דערציילונג אין אי־דיש „ארום וואָקזאַל", און מען האָט די דערציילונג באטראכט ווי א קינסטלערישן פאמפלעט קעגן „בונד" און קעגן אידיש.

צווישנס, איז זיין ערשטע דערציילונג אין אידיש, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדט צו די אידישע רעדאקציעס און פארלעגער, גע־ווען „דער טויבער", א דורכאויס סאָציאַליסטישע דערציילונג, וואו עס ווערט ארויסגעשטעלט די שפּעקולאַציע פונעם מילנער, דעם גביר פון נעם שטעטל, אויפן חשבון פון דער שטעטלשער אָרימקייט; די ניש־טיקייט פון די קרעמער, וואָס זיינען פון אים אָפּהענגיק און פון זיינע משרתים און כלי־קודש; די עקספּלואטאציע פון די מיל־ארבעטער; דער מיסברויך מיט דעם אלטן טויב־געוואָרענעם ביי דער מיל־ארבעט טראַדיציאָנעלן ארבעטער; דער מיסברויך פון דעם גבירישן זון מיט דעם אלטן ארבעטערס טאָכטער; עס קומט צו א שטרייק. און דער סוף איז א הימלשרייענדיקער פּראָטעסט. און די דאָזיקע דערציילונג איז נישט געווען אינעם קורס פון דעם נאָך־רעוואָלוציאָנערן ליטעראַ־רישן „רענעסאנס". זי איז געווען הוילע „טענדענץ".

ווען עס איז דערשינען „ארום וואָקזאַל", האָבן די קריטיקער דעריבער פאר אלעמען זיך א לאָג געטאָן זוכן אין זיינע בלעטלעך די „טריפהנע" טענדענץ. ש. ניגער האָט זי געפאקט די טענדענץ: פאר־וואָס האָט ער אזוי פיינט גבירים? — האָט ער געטענהט אין זיין רע־צענזיע. — פארוואָס אזא ביטערע איראָניע איבער די ארויפגעאָר־בעטע עם־הארצים?.. פארוואָס עפּעס איינטיילן מענטשן אין גוטע און שלעכטע, אין גערעכטע און אומגערעכטע און דערביי נאָך ממש אָנווייזן: דער איז מיר סימפּאטיש און דער נישט?... שיר נישט ווי ביי שאָמערן, האָט ער געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך פארכאפּט... ניין, ביי מענדעלען... ס'איז סאָציאַלער צוגאנג — האָט ער זיך פארכאפּט. — ער איז אים אפילו נישט גורם, ש. ניגער, אָדער נישט סובל, דעם צוגאנג, נאָר ער פארקוקט דערויף צוליב דעם עסטעטישן נענוּם, וואָס ער האָט געהאט ביים לייענען דאָס ביכל. ס'איז ניי, א נייער סטיל, א נייע שפּראך א אידישע, ניין, אזא ראפינירטע און געשליי־

פענע שפּראַך, אַזאַ קאָנדענסירטע, זעט מען נישט אין דער אידישער ליטעראַטור פון זינט.... מענדעלען.

מען זעט בחוש ווען מען לייענט ווייטער ש. ניגערס נאָטיץ וועגן „ארום וואָקזאַל”, אַז נישט ער האָט געפּאַקט בערגעלסאָנען, נאָר בער־געלסאָן האָט געפּאַקט אים, ניגערן, און האָט אים שוין אויף אייביק פאַרקנסט צו זיך ווי אַ פאַרערער פון זיין פּראָזע, פון זיין סטיל, וואָס האָט קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער אידישער ליטעראַטור, און בזכות זה, פאַרגיט ער אים זיינע זינד מיט דער סאָציאַלער טענדענץ.

צו דער טענדענץ גופא, רירט זיך ניגער נישט צו, ווי צו אַ זאַך וואָס איז מוקצה, ווי צו אַן עבירה וואָס שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע עבירה. מיט אַן אמת, ער וואָלט נאָך געקענט אויסגעפינען אין „ארום וואָקזאַל” זיין אייגענע עסעסישע טעאָריע, פון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, די נעגאַציע פונעם שטעטל, וואָס איז שוין אויסגעליידיקט פון פּרנסה און אידעאַלן און דעם המשך און די טראַנספאָרמאַציע פון מענדעלעס תקיף און קליין מענטשעלע און פון שלום עליכמס מנחם־מענדל ,אין דער געשטאַלט פון וואָווע בורנעם און ביינעש רובינשטיין, ביידע אויסגעליידיקטע פון דעם ביסל פּאָזיטיוון וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין זיך, דער ערשטער פון זיין טראַדיציע און דער צווייטער פון זיין צעפּלאַמטער פאַנטאַזיע. און...

עס האָט אויך נישט געלוינט דער „עסטעטישער שולע אין דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק” אין דער געשטאַלט פון ש. ניגער, איר לידער, צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער אויף דער סאָ־ציאַלער טענדענץ פון דעם ווערק. זאָל דער לייענער בלויז געניסן דעם עסטעטישן איינדרוק פון דער פּוסטער, הבל הבלימדיקער וואָק־זאַל־שטימונג און הנאה האָבן פון דער קינסטלערישער אימפּרעסיע... און זאָל נישט געשטערט ווערן דער שלום־בית וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די אידישע פאַרטייען ארום דער אידישער ליטעראַטור...

אזוי ארום איז בערגעלסאָנס ערשטער שאָס אין דער שלום אש־פּעסטונג, זיין קינסטלערישער רוף צוריק צום סאָציאַלן רעאַליזם, צו־ריק צום היסטאָרישן זין, מיט וועלכן די אידישע ליטעראַטור איז אויף דער וועלט געקומען, אָפּגעווענדט געוואָרן דורך דער עסטעטי־

שער אידישער ליטעראַטור־קריטיק און וואָס נאָך מער: פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אַ מאַטעריאַל די אַנטי-סאָציאַלע פּעסטונג צו באַקרעפטיקן.

אמת איז, אַז די עסטעטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט ביי דער אָפּעראַציע קיין גרויס מי נישט באַדאַרפט אָנווענדן. בערגעלסאָן גיפּאַ האָט איר געגעבן די עלעמענטן דערצו: זיין אימפּרעסיאָניסטישן סטיל, וואָס שוואַכט אָפּ די רעאַליטעט און איר ווירקונג, ווי עס שוואַכן אָפּ די ווירקונג אויף דער ערד די זון־שטראַלן וואָס גרייכן צו איר נישט דירעקט נאָר פון אַ זייט אָדער דורך אַ נעפּל; זיין ראַפינירטקייט און סובּ־טעלקייט, וואָס איז ווי דאָס צו שאַרפע כירורגישע מעסער, וואָס שניידט אינעם לייב כמעט אָן ווייטיק. אויך האָט ער נישט געגעבן דעם אָפּגייענדיקן שטעטל קיין אָנווייז אויף אַן אויסוועג, אַוז עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק ווי ער וואָלט געזונגען די עלעגיע פונעם שטעטל אינעם טאָן פון די אַנדערע עלעגישע זינגער פון יענער צייט; ווי דאָס וואָלט געווען דער צווייטער רעלס, אויף וועלכן עס גייט דער צוג פון דעם טרויעריקן ליטעראַטור־רענעסאַנס.

וואָלט מען פריער געלייענט זיין דערציילונג „דער טויבער", וואו עס קומט צום אויסדרוק דער אָנהויב פון קלאַסן־קאַמף אַרום דער שטעט־לשער מיל, וואָלט מען אויך געוואוסט, אַז הינטער בערגעלסאָנס שאַרפער נעגאַציע פונעם שטעטל, שטייען די פּאָזיטיווע גרונט־אי־דייען פונעם אידישן לעבן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער דער נעגאַ-ציע פונעם שטעטל ביי די קלאַסיקער אָדער דער המשך פון די אידייען, דער סאָציאַליזם.

בערגעלסאָן, זעט אויס, האָט דאָס שפּעטער פאַרשטאַנען און אין זיינער אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן יוני 1930 אין וואַרשע, האָט ער זיך אויסגעדריקט: מען קען נישט געבן אין אַ ווערק בלויז פינצ־טערס, שוואַרצס. דאָס שוואַרצע, טונקעלע קען געגעבן ווערן בלויז דאַן, ווען מען זעט אַ ליכטיקן אויסגאַנג, ווען מען גלויבט אין אַ העלן אויסגאַנג". און געוואוסט האָט ער, ווי ער דריקט זיך אויס אין דער זעלבער רעדע, אַז „דאָס קליינבירגערטום וועט פריער שפּעטער אויך אַריינגעצויגן ווערן אין די אַרבעטס-מאַסן, וואָס שאַפן דאָס לעבן".

פריער אָבער, האָט בערגעלסאָן נישט געמערקט אפשר, ווי, קענן

זיין ווילן, מיט דעם גאַנצן ווידערווילן צו די וואָס באַזינגען דאָס שטעטל, איז ער געוואָרן אַ געוועהר ביי די עסטעטיקער קעגן די סאָציאַלע אידייען אין דער ליטעראַטור.

מער נאָך ווי „אָרעם וואָקזאַל" האָט געווירקט אין דער ריכטונג זיין ראָמאַן „נאָך אַלעמען". און ווידעראַמאָל קעגן די בפירושע כוונות פון דעם מחבר, וואָס האָט אים געשריבן ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אידיליזירונג און אידעאַליזירונג פונעם שטעטל.

דער הינטערגרונד פון דעם ראָמאַן איז די ירידה, די מאַטעריעלע ווי די גייסטיקע, פונעם שטעטל. פּונקט פאַרקערט ווי ביי שלום אַשן, איז דאָ דער גביר, דער אידישער פעאָדאַלער סוחר, דער מיוחס און למדן — אַ יורד, אַ באַנקראָטירטער. אַ נייער מין גבירים זיינען אויפגעשטאַנען, וואָס האָבן בלויז אַ ווייטע שייכות מיט דעם שטעטל, גראָב אסימילירטע, אָדער פּשוטע עם־הארצים. דער נייער דור. באַלעבאַטישע יונגעלייט און טעכטער, האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. מען האָט געלערנט, געלייענט, געקלעפּט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר איצט איז פּוסט. די מער פּראַקטישע האָבן זיך גענומען צו מסחר, צו אַ קאַריערע אין שטאָט, די פאַרבליבענע ווילן עפּעס און ווייסן נישט וואָס, מען טרעפט זיך, נאָר יעדער איז פאַרטיפט אין זיין וועלטל, אין זיינע טראַכטענישן און נאָכטראַכטענישן... דער צענטר פון דעם ראָמאַן איז דעם אָפּגעקומענעם גבירס טאָכטער, אַן איידל מיחוסדיק געוויקס, וואָס קען נישט פאַרליידן די נייע אַטמאָספער פון די אויפגעקומענע. פונעם פאָטער האָט זי געירשנט בלויז די פאַראַכטונג צו די נייע גבירים — אמעראַצים, און זיי גראַד זיינען דער המשך פון איר פאָטערס קלאַס, דעם סוחרישן און די וואָס שדכנען זיך צו איר, ווילן זיך איינקויפן יחוס, ווי מען קויפט זיך איין שיין מעבל, און זי אַליין... וואָס וועט ז י טאָן אין דער פלעבעאישער אַטמאָספער פון דעם אַרויפגעאַרבעטן סוחר?... די אַנדערע פּרעטענדענטן זיינען בטלנים, אינטעליגענטע בטלנים, אָן אַ צוקונפט... דער סוף איז אַז זי כאַפּט זיך אָן ווי אַ טרינקענדער אין אַ שטרוי, אָן אַ שטיקל צווייגל פון גבירישן יחוס, זי האָט חתונה, נאָר קיין דור פון

איר בלייבט נישט, זי ברענגט אים אום, נאָך איידער ער איז אויף דער וועלט געקומען...

אזא שארפער אורטייל, אזא מידת הדין, דאכט זיך, איבערן שטעטל, איבער זיין צענטראַלער פיגור, דעם פּעאָדאַלן אידישן גביר, וואָס מיט אים צוזאמען גייט אונטער די סאָציאַלע פונקציע פונעם שטעטל און דער שטעטלשער אידעאַל — דער יחוס און דאָך...

די בלויזע נעגאַציע, אָן דעם אָנווייז אויף דעם אויסוועג — וועלכער איז פּראָדוקטיוויזאַציע, דער איבערגאַנג פון דעם אידישן קליינבירגערטום צו ארבעט, וואָס בערגעלסאָן אליין רופט אים שפּעטער אָן דער „העלער אויפגאַנג"; די ראַפינירטקייט און סובטילקייט פון זיין פּראָזע און די אימפּרעסיאָניסטישע, נישט דירעקטע שיין, וואָס פאַלט אויף דער גאַנצער אַטמאָספער, האָט אָפּגעשוואַכט די כונה פון דעם מחבר און האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער אויף די פאָרמען, אויף דעם לבוש, ווי פּלעגט מען דעמאָלט זאָגן, און נישט אויף דעם אינהאַלט און אויף די אויספירן, פונעם ווערק. און דאָס איז געווען אויף דער האַנט פון דער עסטעטישער שול אין דער ליטעראַטור־קריטיק, אונטער וועלכע עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן די אַנטוישונג אינעם סאָציאַליזם, אין דער רעוואָלוציע.

דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן „אָפּגאַנג" איז א מין פאָרזעצונג פון „נאָך אַלעמען". דער הינטערגרונד איז דער זעלבער, נאָר דער צענטער איז דאָ נישט די איידעלע גבירישע טאָכטער, נאָר דער איידעלער אידישער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבן די אידעאַלן פונעם פאָלק, האָט זיך מקריב געווען פאַר זיי, און צום סוף פילט ער זיך אָן איבעריקער. זיין חבר האָט זיך גענומען דאָס לעבן און ער גייט אום א געשטאָרבענער.

אז מען ווייסט בערגעלסאָנס צוגעבונדנקייט צו די פּאָזיטיווע אידעאַלן פון דער אידישער ליטעראַטור, פונעם אידישן פאָלק, קען מען אויסטייטשן, אז מיט דעם ווערק פאַראורטיילט ער די אַבסטראַקטע רעוואָלוציאָנערישקייט (פונעם ראָמאַן קען מען אַבסאָלוט נישט וויסן פאַר וועלכע אידעאַלן דער איידעלער באַלעבאַטישער יונגערמאַן האָט געקעמפט און זיך מקריב געווען). מען קען אָבער אויך אויס־

טייטשן דעם ראָמאַן אַלס צוגאָב צו נאָמבערגס, י. ח. ברענערס, אַנוכים און זייער גלייכן „העלדן", וואָס זיינען אַזוי געווען אין דער מאָדע, די העלדן, וואָס גייען אליין צו זייער קבורה, וואָס דרייען זיך „אַרום דעם פינטעלע" און הענגען „צווישן הימל און ערד", באַלויכטענע מיט זיינע, בערגעלסאָנס, קינסטלערישע מיטלען.

צו אָט דעם אָפּשניט פון בערגעלסאָנס שאַפן, דאַרף מען אויך צורעכענען זיינע דערציילונגען, געזאַמלטע אונטערן נאָמען „דרויב", וואָס אַז מיר לייענען זיי איצט, אונטער דער שיין פון בערגעלסאָנס פּאָזיטיווע אידייען, זעען מיר אין דער נעגאַציע מיט וועלכער זיי זיי־נען פול, בערגעלסאָנען דעם וואָס ציט דעם פּאָדים פון די אידישע קלאַסיקער און איז געטריי דעם היסטאָרישן זין פון דער אידישער ליטעראַטור.

ד. בערגעלסאָן מאַכט אָבער אויך אליין דורך א קורצע צייט פון מורא, אַז די רעוואָלוציע וועט אָנשטאָט דערנענטערן די פאַרווירק־לעכונג פון זיינע אידעאַלן, זיי דערווייטערן אָדער צעשטערן. געווען איז עס אָנהויב דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און, מערקווירדיק, ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון איר, ראַטעווען פון איר די אידישע ליטעראַטור, צוזאַמען מיט די וואָס ער האָט אַזוי ביטער באַקעמפט און אויסגעלאַכט, צוזאַמען מיט די אַרויפגעאַרבעטע מלחמה־גבירים און צוזאַמען מיט דער אידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געזען אינעם אונטערגייענדיקן שטעטל די טעריטאָריע פון דער אידישער נאַציאָנאַ־לע קולטור, פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. ער ראַ־טעוועט זי צוערשט אין דעם „קולטור־מעצענאַטנטום" און אינעם שוץ פון דער „סאַמאָסטינע" באַוועגונג אויף אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, אָנגעפירט פון די אוקראַינישע און ווייסרוסישע באַלעגופים און דער־נאָך זוכט ער פאַר איר שוץ און זיכערקייט אינעם ניו־יאָרקער „פאָר־ווערטס".

צו יענער צייט געהערט זיין ראָמאַן „אין פאַרטונקלטע צייטן", וואו ער נעמט נאָנט צום האַרצן די איבערלעבענישן פון א אידישן גביר, אייניקע דערציילונגען פון זיין סעריע „צוגווינטן", וואו עס קומט צום אויסדרוק די שרעק פאַר דער רויער מאַכט פונעם האַמוין,

אין וועלכן עס מישן זיך חיהשער אטאוויזם און סאָציאַלער באוואוסט־זיין און אויך אַ צייט פון שווייגן און איבערקלערן, נאָך וועלכן ער כאַפּט ווידער אָן דעם פריערדיקן פּאַדים פון זיין שאַפן, אָבער שוין אַ באַפרייטער, נישט בלויז פון דער מורא פאַר דער רעוואָלוציע, נאָר שוין אויך באַפרייט פון דער מורא צו זינדיקן קעגן דער „עסטעטי־שער שולע אין דער ליטעראַטור־קריטיק".

בערגעלסאָן וואוינט דעמאָלט אין בערלין, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער פון ניו־יאָרק, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם אָרט פון „רואיקן" קינסטלערישן שאַפן. ער שטעלט זיך אָן דער שפּיץ פון דער אידישער „סמיענאָוויעכי" באַוועגונג (די באַוועגונג פון „בייטן די ווערסטן" די ריכטונג, הייסט עס, צווישן דער אַנטלאָפענער פון דער רעוואָלוציע רוסישער אינטעליגענץ צוריק צו דער רעוואָלוציע, האָט אויך געהאַט איר הויפּט־זיץ אין בערלין), ער גיט אַרויס דעם זשורנאַל „אין שפּאַן", וואו ער ברענגט צום אויסדרוק דעם קורס פון אַ גרויסער טייל אידישע אינטעליגענץ אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד און די דערגרייכונגען פון דער אידישער ליטעראַטור אין יענעם לאַנד און שרייבט דעמאָלט זיין גרויסע דערציילונג „מדת הדין", וואָס באַרעכטיקט די רעוואָלוציע און איר שטרענגן משפּט קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע אין אירע פאַרשידענע פאָרמען. אַלס האַנדלונג פאַר דעם ווערק נעמט ער אַ גרעניץ־שטעטל, וואו די צוויי וועלטן, די רעוואָלוציע און די קאָנטררעוואָלוציע, טרעפן זיך צוזאַמען און פירן צווישן זיך דעם געראנגל אויף טויט און לעבן.

אין 1930 קערט זיך בערגעלסאָן אום אין ראַטנפאַרבאַנד, ער באַזוכט דאָס ערשטע די אידישע ראַיאָנען, די קאָלאָניעס אין אוקראַינע, קרים און אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט ביראָבידזשאַן, די דאָנעצער קוילנגרובן, דאָרט וואו די אידישע לופט־מענטשן, די דעקלאַסירטע, בויען איבער זייער לעבן אויף די יסודות פון ערדאַרבעט און אינדוסטריע און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ סאָציאַליסטיש אַרבעטס־פאָלק, ווי עס האָבן געשטרעבט דאָס צו זען די אידישע קלאַסיקער, די גרינדער פון דעם בנין, וואָס רופט זיך אידישע ליטעראַטור, און קומט צום אויסדרוק ביי די בעסטע פאַרשטייער אירע, וואָס זיינען ווי בער־

געלסאָן צוריקגעקומען און האָבן צוריקגעפונען דעם היסטאָרישן זיין אירן.

דעמאָלט שרייבט ער אָן זיין בוך „בירָאבידזשאנער", וואָס איז אַ קינסטלערישער דאָקומענט פון דעם פיינפולן וועג פון סאָציאַלן איבערבוי, פון גערַאנגל צווישן שטעטלשן אומגלויבן און דערוועקטן ענטוזיאזם; „בירגער וואָלי ברענער", וואָס מען וואָלט דאָס געקענט אָנרופן: טוביה דער מילכיקער מיט זיינע טעכטער אין מאָסקווע, אויף סאָוועטישע שטעלעס און ענטוזיאסטישע אָנהענגער פון דער ראטנמאַכט; און אַרבעט אויף זיין גרויס ווערק „ביים דניעפּער", אַ טרילאָגיע, וואָס האָט די אויפגאַבע ווידער אויפצומישן די בלעטער פון דעם שטעטל און מיט נייע קונסטמיטלען, מער רעאַליסטישע, אויפדעקן יענע כוחות אין דעם, וואָס זיינען געווען דער אויפגאַב אויף דעם נייעם אידישן לעבן אינעם ראַטנפארבאנד.

געוויסע קריטיקער, צווישן זיי מאקס עריק, האָבן ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, אַז דוד בערגעלסאָן איז אַן אוניקום אין דער אידישער ליטעראַטור, אַז ער האָט נישט נאָך זיך קיין יורשים. ווען מען גייט צו צו בערגעלסאָנען ריין פאָרמאַליסטיש, שאַצנדיק אים בלויז לויט זיין קינסטלערישער פּראָזע און סטיל, איז עס אפשר ריכטיק, כאָטשע ער האָט באַוויזן אויך אויף דעם געביט צו שאַפן זיך אייניקע שילער: ש. מילער, אונדזער בערל גרינבערג א.א. שאַצט מען אָבער בערגעלסאָנען לויט זיין סאָציאַלן ווערט, איז ער דער געטרייער שילער און המשך פון די אידישע קלאַסיקער און האָט מיט זיך די גרעסטע צאָל חברים שרייבער פון זיין דור ווי פון די יונגערע דורות, וואָס ציען דעם היסטאָרישן פאָדים פון דער אידישער ליטעראַטור.

שלום עליכם דער הומאָריסט און בעל בטחון

געדאַנקען אין אַ יאָרצייט־טאָג נאָך שלום עליכמען

אין זיין צוואה האָט שלום עליכם געהייסן מען זאָל יעדן יאָר, אינעם טאָג פון זיין יאָרצייט, זיך צוזאַמענקומען און איבערלייענען זיינע אַ פריילעכע מעשה.

ביי שלום עליכמען אַ פריילעכע מעשה דאַרף מען נישט גיין זוכן. זוכן ביי אים דאַרף מען אַ מעשה אַ טרויעריקע. נאָר, ווי קומט מען זיך איצט צוזאַמען און ווי זעצט מען זיך איצט אַוועק לייענען אַ פריילעכע מעשה, אַ אויפן הארצן איז אַזוי נישט פריילעך!

ערשטנס איז נישט פריילעך, וואָס שלום עליכם איז איצט נישטאָ מיט אונדז. שוין אכט און צוואַנציק יאָר ווי ער איז נסתלק געוואָרן און נאָך ווייגען מיר ווי די קליינע קינדער, וואָס מען האָט ביי זיי דעם טאַטן צוגענומען. אַזאַ ליבער פריילעכער טאַטע געווען. ער וואָלט איצט ערשט אַן אַבציקער געווען און, אוי ווי ער פעלט אונדז איצט! נישטאָ ווער עס זאָל אונדז פריילעך מאַכן.

צווייטנס, ווי מעג מען גאָר זיין פריילעך, אַז ביי אידן איז איצט תשעה באב. שוין עטלעכע יאָר, טאָג נאָך טאָג, אַז מען קוילעט אידן. איינער זאָגט דריי מיליאָן האָט היטלער שוין אויסגעקוילעט אין די פוילישע און אוקראַינישע שטעט און שטעטלעך, אַן אַנדערער זאָגט

פיר מיליאָן. און תשעה באב לייענט מען קינות, איכה ישבה, און נישט קיין פריילעכע מעשיות! שוין יאָרן, אז דאָס שטעטל, דער קוואל פון שלום עליכמס הומאָר, איז אונטערגעגאנגען. ווי קען מען פריילעך זיין!

איז אָבער צוריק די אייגענע מעשה; ווען איז ביי אידן נישט געווען תשעה באב?

האָט דאָך שלום עליכם אָנגעהויבן שרייבן זיינע פריילעכע מעשיות פונקט דעמאָלט ווען אויף אידן האָבן זיך אָ שאָט געטאָן די באַרימטע גזירות פון דעם שונא ישראל איגנאַטיעוו, ימח שמו וזכרו, דעם מי־ניסטער פון דעם מלך טיפּש און צורר היהודים אַלעקסאַנדער דער דריטער, וואָס האָט איינגעפירט די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידישע סטודענטן און גימנאַזיסטן און האָט אַרויסגעטריבן די אידן פון די דערפער און פון די הייליקע רוסישע שטעט, און אידן האָבן זיך דע־מאָלט גענומען אַרומקוקן, אַז זיי הענגען אינדערלופטן, זיי מיט זייערע פּרנסות. און געווען איז דעמאָלט באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין באַלטע, אין אדעס, און אידן האָבן דעמאָלט גענומען לויפן, ווי פון אַ שרפה, קיין אַמעריקע.

און ווען האָבן דען אידן אין רוסלאַנד נישט געלעבט אין שרעק פאַר אַ פּאָגראָם, פאַר אַ בלוט־בלבול און ווען האָבן אידן זיך נישט געפילט אין רוסלאַנד, אונטער דער בילעריי פון „נאָוואָיע ווריעמיא״, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען צווישן אַ טשאַטע הינט אָנגערייצטע און ווען האָבן זיי זיך נישט געפילט דאָרטן ווי אין אַ שטענדיקער „בלינדער נאַכט״? אין אָט די „בלינדע נעכט״ פלעגט די ליכטיקייט אין די קלויסטערס אַזעלכע פינצטערע שאָטנס וואַרפן אויף די אידישע היי־זער און אידישע קינדער האָבן זיך איינס צום אַנדערן געטוליעט מיט די ציצות אין די הענט...

און, פונדעסטוועגן, האָט שלום עליכם פון איגנאַטיעווס גזירות אַרויסגעבראַכט „טוביה דעם מילכיקן״, דעם גרויסן בעל בטחון, כאָטש אויף אים שיטן זיך איובס צרות, וואָרום „טוביה איז נישט קיין אי־דענע״ . . .

און געבענטשט האָט ער אים מיט טעכטער, וואָס לייענען גאָרקין און גלויבן אינעם מענטשן און קיין זאַך שטעלט זיי נישט אָפּ אויף

דעם וועג צו זייערע אידעאַלן, און מיט אַן איידעם „פּעפּערל”, פון די אַרבעטאָרער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע...

פון די פּאַגראָמען האָט ער אַרויסגעבראַכט די מעשה „וחלקלקות” פון וועלכער עס גייט אויף אַ ליכטיקייט פון הומאָר און גוטמוטיקייט און שיקט אונדז אָפּ אין דער זעלבער צייט צום שורש פון די פּאָגראָמען, צום „פּריקאַז” פון „נאַטשאַלסטווע”. אַרויסגעבראַכט האָט ער פון די פּאָגראָמען די קאָמישע מעשה „זלאָדייעווקע און קאָזאָדאָיעווקע”, וואו אידן לויפן פון איין שטעטל אין צווייטן און באַגעגענען זיך אויפן מיטן וועג און די סצענע דערביי רופט ביי אונדז אַרויס נישט ווייניקער געלעכטער ווי דאָס אָנשלאָגן זיך פון די איילנדיקע מחותנים אויף רחלעס חתונה אין זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו”; „מייער און שנייער”, וואו קאָזאַקן האָדעוועט זייערע אידן מיט קאַשע און שלאָגן איינער דעם צווייטנס איד מיט דעם פּאַלאָניק. ס'איז צום וויינען, זאָגט איר, און איר לאַכט...

פון דעם פּאַרבאָטענעם „וואָוינרעכט” און פון דער „פּראָצענט־נאָרמע” האָט ער אַרויסגעבראַכט זיין „גימנאַזיע” און זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס”, וואָס איז דאָך שפּאַס טראָץ זיין בלוטיקייט.

פון דער אידישער פּרנסה־אומזיכערקייט און פּרנסה־זוכעניש, האָט ער אַרויסגעבראַכט מנחם מענדלען, וואָס מיר לאַכן אַזוי פון זיינע „מיליאָנען” און „פּאַפּירלעך”, פון זיינע אימעניעס און צוקער־זאַוואָדן... אַרויסגעבראַכט האָט ער פון דאַנען זיינע אַלע וואָיאַזשאָרן, די לעבעדיקע און די פרייליכע קבצנים, די ווערטל־זאָגער און אַנעקדאָטן־דערציילער.

פון דער בהלהדיקער לויפעניש קיין אַמעריקע, האָט ער אַרויסגעבראַכט „די בלאָנדזשענדע שטערן” און... „מאָטל פּייסי דעם חזנס”. אַזאַ הומאָרפולע באַאָבאַכטונג פון דער אַרומיקער וועלט, דער אַלטער און דער נייער, און אירע מענטשן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט ביי קיין אומה ולשון, וואָלטן מיר געזאָגט.

און אויסגעלאַכט האָט ער די „נאָוואָיע וורעמיאַ” מיט אַלע אַנדערע אַנטיסעמיטישע בילער, ווי שפּעטער פורישקעוויטשן און קרושעוואַנען, אַזוי אַז אונדז דאַכט זיך ביים לייענען, ווי מיר וואָלטן זיי

געהאַלטן אויף דער דלאָניע, ווי גוליווער האָט אויף דער דלאָניע זיינע ליליפּוטלעך און מיר באַטראַכטן זיי ווי קוריאָזע אומשעדלעכע באַשעפענישן, וואָס קענען אונדז בלויז קיצלען ביז צום לאַכן...

און וואו מיר „בלינדע נאַכט" מיט אירע שרעקן און וואו מיר דאָס שבת צו מנחהדיקע קלינגען אין די קלויסטערס, וואָס מיר פּלעגן דאָס אָנרופן דער גויאישער „לכו נרננה", להבדיל, און האָט אונדז פונדעסטוועגן געשראָקן מיט זיין פייערלעכקייט! אָנשטאָט דעם האָט ער אויפגעשטעלט פאַר אונדז די יום-טובדיקע וועלט פון אונדזערע קינדערשע יאָרן. א ליכטיקע פריידיקע וועלט.

און דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַלע זיינע פאַרשוינען, מיט זיינע קליינע מענטשעלעך און קליינע השגות, דאָס אָרימע שטעטל, וואָס איז עס ביי שלום עליכמען? —

א מאָנומענט פון הומאָר. אָרימע מענטשעלעכע לעבנס, וואָס הויבן זיך אָן אין וויגל און ענדיקן זיך ביים קבר מיט א גלייכווערטל. דער הומאָר, וואָס קוועלט פון ריינעם קינדישן געפיל און שטייגט ביז דער העכסטער חכמה פון די זקנים.

א מאָנומענט פון געמיט און בטחון, פון גרעניצלאָזן אָפּטימיזם, אין דעם עמק הבכא פון א געפּלאָגט און געטרודפט פאָלק.

א מאָנומענט פון פאָלקס-שפּראַך פון הונדערטער יאָרן אוצרות אָנגעלעבטע אינעם מויל פון יונג און אַלט, פון למדן און עם-הארץ, אין מאַרק און בית-מדרש, ביי שמחות און ביי טרויער, אין יום-טוב, אינדערוואָכן... אוצרות, גאָלד און דימענטן אויסגעשליפענע, נישט אין די פילאָלאָגישע אַקאַדעמיעס, נישט אין די גראַמאַטיקעס און ברעסטאָמאַטיעס און אויך נישט אין די ווערק פון דורות וואָרט-קינסטלער וואָס פאַר אים, נאָר דירעקט גענומען, זשמעניעס פולע, אַזש עס שיט זיך אַריבער און צונויפגעוואָרפן אויף דעם „גל עד", די פּיראַמידע פון אונדזער שטעטלשער שפּראַך.

און געווען איז עס דאָך דעמאָלט ווען ביי אונדזערע געבילדעטע איז אידיש געווען פע! און וואו ערגעץ א אינגל איז אַוועק אין גימ-נאַזיע לערנען, האָט ער געפונען פאַר זיין חוב פון א געבילדעטן מענ-טשן נישט צו קענען קיין אידיש. און וואו ערגעץ א „באַרישניע",

האָט זי זיך מיט אידיש געשעמט און האָט געצויגן אויף זיך אַ „קריסט־לעך פּנים". געווען איז עס דעמאָלט ווען אַ צייטונג אויף אידיש איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ ווילדער זאַך, שיר נישט ווי אַ חילול הקודש פון דער וועלטלעכער קולטור און העט שפּעטער נאָך האָט די ערשטע אידישע צייטונג אויף אידיש זיך פאַרענטפערט, אַז זי ווערט אַרויס־געגעבן פאַר ווייבער, עלעהיי די תחינה פון שרה בת טובים.

דאָס איז דאָך די צייט ווען שלום עליכם האָט אָנגעשריבן זיין פעליעטאָן „וואָס איז חנוכה"?, ווען ער גייט אום מיט פּאַנפּאַראָן פּאַ־ראָנאָוויטש יאָנטעוואָן ביי פלאַטאָן פאַנטאָלאָנאָוויטש לאָקשנ־טאָפּאָוו אין זאַל, פון איין קאָרטן־טישל צום צווייטן, פרעגן: וואָס איז עס פאַר אַ יום־טוב חנוכה? און מען קוקט אויף זיי ביידן ווי אויף משוגעים, ווי אויף מענטשן נישט פון דער וועלט. און איינער, אַ סטודענט, ביי אַ טיש מיט דאַמען, אַנטשולדיקט זיך גאָר: „פּראַוואָ ניע זנאַיו, יאַ ניע זדיעשני, יאַ אָדעסיט." כ׳לעבן, הייסט עס, איך וויים נישט, איך בין נישט קיין היגער, איך בין אַן אדעסער...

געווען איז עס דעמאָלט ווען נישט נאָר בילדונג, נאָר אויך סאָ־ציאַליזם, אַרבעטער־קאַמף, קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, קאַמף פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, איז נעגאַנגען געפּאָרט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט אַסימילאַציע. און אי־דישע פאַרטייען האָבן זייער ליטעראַטור געשריבן אין רוסיש און דיס־קוטירט האָט מען אין רוסיש. ס׳איז נאָך ווייט נישט אויסגעלופטערט געווען דאָס פרעדיקן פון דער השכלה אויסצובאַהאַלטן דעם אידן אונ־טער דעם מענטשן אין גאַס. און „מענטש און איד" איז געווען אַ זייער גאַנגבאַרע טעמע פאַר רעפעראַטן און דיסקוסיעס אפילו אין אַמעריקע און נאָך גאָר נאָענט צו אונדזער צייט, גלייך איינס דאָס אַנדערע וואָלט זיך סותר געווען.

וויפל ליבשאַפט צו אידיש, וויפל פאַרליבטקייט אין דער אידי-שער פאָלקס-שפּראַך, אַ פאַרשריגענע און באַשפּיגענע פון די „זיך מענטשלענדיקע" העברעאיסטישע און רוסיסטישע משכילים און אַסי־מילאַנטן, עס האָט באַדאַרפט האָבן אַט דער פערעיאַסלאַווער יונגער־מאַן, דער רוסיש-העברעאישער לערער, דער קאַזיאָנער ראַבינער, דער

סוחר אויף דער קיעווער בירזשע, אויף נישט בטל צו ווערן אקעגן אַט דער אטמאָספער פון פאראכטונג און גלייכגילטיקייט צו אים, צו דעם זשאַרגאָן.

וויפל ליבע צום פאָלק, צום אידישן שטעטלשן פאָלק, צום פאָלק פון קאַסרילעווקע און צום „גרויסשטאָטישן" אידן, דעם מנחם מענדל פון יעהופּעץ, עס האָט באַדאַרפט האָבן אָט דער איד מיט די קלוגע לאַכנדיקע אויגן, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן צו דער גרופּע אידישע סאַטיריקער און פּאַמפלעטיסטן בראש מיט דעם זיידן מענדעלע, אויף נישט בטל צו ווערן פון דער לייכטער באַציאונג צום הומאָריסט ווי צו אַ „פּאַרשלעפּטער קרענק", צו אַ בדחן און מאַרשאַלעק, צום האָצ־מעך פון אידישן טריאַטער!...

וויפל געמיט און געזונטע לעבנס דורשט, וויפל גלייכגעוויכט און חוש פאַר רעאַליטעט עס האָט געמוזט באַזיצן שלום עליכם אויף נישט צו לאָזן זיך באַהערשן פון דעם איכה־טאָן פון איין זייט און פון דער מליצה פון דער אַנדער זייט, אויף וועלכע אַ אידישער יונגערמאַן אַ העברעאיש לייענער פון זיין דור האָט זיך דערצויגן, און

וויפל בטחון, וויפל גלויבן אין די באַהאַלטענע שפּרודלדיקע כו־חות פונעם פאָלק, פון אַמכאַ דיין פאָלק, עס האָט זיך געניויטיקט אויף צו ווערן דער אומגעבראָכענער טרעגער פון דעם בטחון און אָפּטימיזם, אויף צו ווערן איינער פון די דריי הויפּט-זיילן אויף וועלכע עס שטייט אונדזער מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, אונדזער אָפּטימיסטישע, אין גערעכטיקייט גלויבנדיקע און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ גייענ־דיקע אידישע ליטעראַטור!

און זאָגט איר אַליין: האָבן זיי זיך געניאַרט, די בעלי־בטחון אונ־דזערע, די אָפּטימיסטישע אידישע שרייבער? ערשט אכציק יאָר איז אַוועק זינט דער זיידע מענדעלע איז אַרויסגעקומען מיט זיין „ווינטש־פינגערל", זינט ער האָט אָנגעהויבן זיין אַטאַקע אויף די תקיפים און באַלטאַקסעס, זינט ער האָט גענומען צערויען דאָס מיסט אין די הקדשים, צערודערן דאָס געמויזעכץ פון דער טונעיאַדעווקע און אויפ־דעקן אונדזערע הערשעלעך און בינימינס. ערשט זעכציק יאָר אַז שלום עליכם, דאָס אייניקל, האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיינע ערשטע אידישע

ראָמאַנען און געשטעלט צום משפט שאָמערן און פּרץ האָט גענומען צינדן די לאָמפּן מיט זיינע יום־טוב־בלעטלעך אין אידישע הייזער, און זעט סאַראַ פאַרמעגן!

פון יענעם דריילינג האָט זיך צעוואַקסן אונדזער איצטיקע מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, אין פּוילן, אין ראַטנפאַרבאַנד, אין אַמעריקע. מיט שלום אַש, מיט בערגעלסאָנען, מיט ניסטערן, מיט אָפּאַטאָשון און זינגערן, מיט לייוויקן און איציק פעפער, מיט דיכטער־פּלעיאַדעס גאַנצע, קרעפּטיקע און סובטעלע, ראָמאַניסטן, דראַמאַטורגן, קריטיקער, פּובליציסטן, פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלער, שפּראַך־קינסטלער און שפּראַך־פאָרשער.

און פון יענער עדה עברי־זאָגנדיקע אידן און תחינות-זאָגנדיקע ווייבער איז אויסגעוואַקסן דאָס אידיש לייענענדיקע און אין אידישן טעאַטער גייענדיקע פאָלק, וואָס האָט זיך זיינע פרעפערענצן און געשמאַקן, זיינע שרייבער, זיינע צייטונגען, זיינע אַקטיאָרן, פּונקט ווי זיינע פּאַרטייען, זיינע צוקונפטס אידעאַלן, זיינע באַליבטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. יאָ, אויסגעוואַקסן איז פון יענער עדה צאן קדשים די אַלוועלטלעכע אידישע קולטור-געמיינשאַפט.

אָבער, זאָגט איר, די קולטור־געמיינשאַפט אונדזערע, אונדזער אידיש פאָלק, שטייט אין די פלאַמען פון פּאַרטיליקונג. אַ האַלב פון אייראָפּעאישע אידן, די פּוילישע, אוקראַינישע, די ווייסרוסישע, די ליטווישע, די באַלטישע, די רומענישע און אונגאַרישע, די טשעכישע, די פראַנצויזישע פונעם בעלוויל און פונעם פּלעצל, די בעלגישע און האָלענדישע, ליגן שוין אויסגעשאָסענע או אויסגעשטיקטע אי די קאַנאַוועס און מיט וואַפנע פאַרגאָסן אָדער זיי דערציען זייערע לעצטע טעג אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס און אין די אַרבעט־לאַגערס און וואַרטן אויף דעם גרויסן נס. און מיר, די אַמעריקאַנישע, האַלטן זיך אַליין אין פאַרטיליקן, מחמת מיר קוקן ווי אונדזער קומענדיקער דור רעדט קיין אידיש נישט און מיר זיינען נישט מרעיש עולם. מיר רייסן נישט קיין קריעה און מיר לויפן נישט אויפן הייליקן אָרט קברים מעסטן.

צי איז נישט א זינד, זאָגט איר, ביי איצטיקער צייט צו רעדן וועגן בטחון און אָפּטימיזם!

יאָ, אויב בטחון און אָפּטימיזם מיינט לייגן זיך שלאָפן מיט דעם גלויבן, אז מאָרגן וועלן מיר אויפשטיין און זיך זעצן צו א טיש מיט כל טוב, איז עס א בפירושע זינד, א פאַרברעכן. נאָר אויב דער בטחון און דער אָפּטימיזם הייסט אונדז בויען שולן, אַרויסגעבן ביכער, פאַר־שפּרייטן צייטונגען, לייענען לעקציעס, שפּילן טעאַטער, רעציטירן אונדזערע קלאַסיקער און אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט די אידן פון דער גאָרער וועלט, איז בטחון דער געבאָט פון אונדזער צייט. וואָס גרעסער דאָס אומגליק, וואָס נענטער די געפאַר, אַלץ שטאַרקער דער בטחון!

און אונדזער יוגנט? זאָגט זי דען נישט „סאַי פּאָרטעניאָ”, ווי יע־נער סטודענט ביי שלום עליכמען „יאָ אַדעסיט”, אויף א פראַגע פון אידישער געשיכטע? אין פאַרגעסט דען נישט דאָס אידישע קינד נאָכ־דעם ווי ער קומט אַרויס פון דער שול, פון דער וועלטלעכער ווי פון דער תלמוד תורה, אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געלערנט, דאָס אידישע לידל, וואָס ער האָט געזונגען אָדער דעקלאַמירט, דאָס ביסל געשיכטע ביזן ערשטן חורבן און אפילו די ביאָגראַפיעס פון מענדעלע, פרץ און שלום עליכמס? קען מען וועגן זיי זיין אָפּטימיסטיש?

יאָ. אונדזער אָפּטימיזם דאַרף אונדז נאָר הייסן טון וואָס אונדזע־רע קלאַסיקער האָבן געטון: נישט וואַרטן ביז די יוגנט וועט קומען צו אונדז, נאָר צוגיין צו דער יוגנט און צו איר וועלט, זיך פאַרבינדן מיט איר און גיין מיט איר, שטעלן צו איר דיספּאָזיציע דאָס גרויסע אָנגעזאַמלטע גייסטיקע פאַרמעגן אונדזערס און זי רופן צו אחריות פאַר דעם און איר איבערגעבן די אויפגאַבע פון ווייטערדיקן אידישן באַוואוסטזיין.

אמת, קעגנאיבער דער יוגנט פון שלום עליכמס צייטן האָט אונד־זער יוגנט א גרויסן מינוס: זי רעדט ווייניקער אידיש ווי יענע. זי האָט אָבער אויך א גרויסן פּליוס קעגנאיבער יענער: זי איז נישט אַסימי־לאַנטיש. עס האָט שוין עמיצער געזאָגט, אַז אַן אַסימילאַנט איז נישט דער וואָס רעדט נישט קיין אידיש, נאָר דער וואָס **וויל נישט** רעדן קיין אידיש. אין איר אוניווערסאַלן געדאַנק — אַלע דענקען מיר

איצט מער אוניווערסאַל ווי נאַציאָנאַל — האָט זי אַ גרויס פּלאַץ פאַר איר אידישן וועזן און זוכט פאַר אים אַן אינהאַלט, אַ סובסטאַנץ.

און וואָס דאַרף מען נאָך מער אידישע סובסטאַנץ ווי די אחריות פאַר דעם עבר, פאַר דער קעגנוואַרטיקער פיזישער און גייסטיקער עק־זיסטענץ און פאַר דער צוקונפט פון דעם גייסטיק רייכן אידישן פאָלק?

אַזוי רעדט אין אונדז דער שלום עליכמדיקער בטחון.

2.

דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז פאַר דעם אָפּטימיסטישן כאַ־ראַקטער פון דעם אידישן פאָלק, ווי דער פאַקט, אַז מיר אידן האָבן אַזאַ אומפאַרגלייכלעכן הומאָריסט, ווי שלום עליכם?

דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז דערצו ווי דעם פאַקט, וואָס שלום עליכם האָט גענומען שרייבן זיינע הומאָריסטישע דערציילונגען באַלד נאָך די פּאָגראָמען אויף אידן אָנהויב די אַכציקער יאָרן און אין דער צייט פון די ערגסטע גזירות: טרייבן די אידן פון די דערפער און פון די גרעניץ־שטעטלעך און אָפּשניידן זיי דעם וועג צו אַרבעט און בילדונג?

און דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז דערצו ווי דאָס וואָס פון די דריי קלאַסיקער פון דער אידישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם — זיינען צוויי זייערע, מענדעלע און שלום עליכם, הומאָריסטן?

אמת דעם זיידן מענדעלעס הומאָר איז ביטערלעך און ער זעט אויך דעם אידישן הומאָר בכלל ווי אַ ביטערן — „אַ ביטער געלעכ־טער" — נאָר נישט קיין גאַלגען־הומאָר איז ער. נישט מענדעלעס „בינימין השלישי" איז דער געלעכטער פאַר דער תליה און אויך נישט זיינע הומאָריסטישע דערציילונגען אין העברעאיש: „בסתר רעם" (אין די באַהעלטענישן פונעם דונער), וואָס מיינט פון די פּאָגראָמען, „בימי הרעש" (אין די שטורעם־טעג), וואָס מיינט אויך דאָס אייגענע און „בישיבה של מעלה", וואָס אויף אידיש קען מען זי אָנרופן: די אסיפה אויפן בוידעם. די ערשטע פון די דערמאָנטע דערציילונגען

שילדערט אויף א גאַר פיינעם, סובטעלן הומאָריסטישן אויפן די די פעסטקייט און דעם ביטאָכן פון אן אלטן פרומען אידן, א קרבן פון די פּאָגראָמען אין די אכציקער יאָרן און די אנדערע צוויי שילדערן הומאָריסטיש די ווירקונג פון דער „חיבת ציון"-באוועגונג אויף די אידישע שיכטן פון פאָלק. „בימי הרעש" שילדערט דעם איינדרוק פון דער באוועגונג אין קאבצאנסק און גלופּסק, צווישן דער אָרימער אי־דישער עדה, וואָס האָט ערשט דורכגעמאכט די פּאָגראָמען, און די „אסיפה אויפן בוידעם", ווי מיר רופן אָן די לעצטע, ווייזט אָן אין א הומאָריסטישער שיין די רייכערע אידן און זייערע זין די בילויצעס, ד ערשטע פּיאָנערן אין פּאלעסטינע.

שלום עליכמס הומאָר, זיין געלעכטער, איז אינגאנצן א פרייער און א ליכטיקער, ער לאכט, ווייל אים לאכט זיך; ער לאכט אפילו דע־מאָלט ווען ער זעט זלאָדייעוועקער אידן זיך באגעגענען אין וועג מיט די קאָזאָדויעוועקער, ווען זיי אנטלויפן פארן פּאָגראָם אין זייערע שטעט־לעך און די זלאָדייעוועקער לויפן זיך ראטעווען קיין קאָזאָדויעוועקע און די קאָזדויעוועקער קיין זלאָדייעוועקע; ער לאכט ווען די קאָזאַקן האָ־דעווען צוויי אידן מיט קאשע און שלאָגן מיט די לעפלען קאשע איי־נער דעם צווייטנס איד; פול מיט הומאָר און בטחון איז טוביה, דער ארויסגעטריבענער פון דאָרף און באליידיקטער אין זיינע הייליקסטע געפילן און פול מיט הומאָר און בטחון אין מנחם-מענדל, דער לופט־מענטש, וואָס נעבעכטיקט נישט דאָרט וואו ער טאָגט און ווערט גע־דעט פון זיין ווייב און שווינער, וואָס ער קען זיי קיין פרנסה נישט געבן.

שלום עליכם לאכט און פרייט זיך מיט דער זון און מיט דער ליכטיקער וועלט, ווי דער יתום מאָטל פּייסי דעם חזנס, וואָס אים איז גוט, ער איז א יתום... און ווי דאָס בחורל פון „שיר השירים", ווען ער זיצט מיט זיין בוזין און דערציילט איר מעשות פון א פארכישופטער בת־מלכה.

אָט דער ליכטיקער געלעכטער טוט זיך נישט אָפּ פון שלום עלי־כמען ביז זיין טויט. ער לאכט מיט דעם גאנצן אידישן פאָלק, דעם אָרי־מען און פרייליכן, פונקט ווי ער רעדט מיט זיין שפּראַך און מיט זיינע

שפּריכווערטלעך; זיין געלעכטער און זיין בטחון שעפּט ער אין די אוצרות פון אָט דעם אָרימען און פריילעכן פאָלק, אין זיינע שפּרודלענ־דיקע אוצרות, וואָס ליגן זיך אָפּ, שיכט נאָך שיכט, אין זיין לע־בעדיקער אלץ וואַקסנדיקער שפּראַך.

און דאָס פאָלק? דאָס פאָלק האָט נאָך קיינמאָל אזוי פיל נישט געלייענט זיינעם א שרייבער ווי שלום עליכמען. דאָס פאָלק האָט מיט פארכאפּטן אָטעם געלייענט זיין ערשט דערשינענעם הומאָריסטישן שרייבער אפילו דעמאָלט ווען די אידישע לייענער־וועלט איז נאָך גאָר שטאַרק פארמיסטיקט געווען מיט די שונד־ראָמאַנען פון שאָמער, בוכבינדער, בעקערמאַן און אויזער בלאָשטיין, וואָס האָבן געגלעט די אָרימע אידישע לייענער מיט די גליקן, וואָס האָבן געטראָפן זייערע אָרימע העלדן.

שוין ווי נאָר שלום עליכם איז דערשינען האָט ער מיטאמאָל אריינגעבראכט אין דעם לייענער־וועלט פון אידיש א נייעם שיכט, דעם אידישן קולטורעלן שיכט, וואָס האָט פריער קיין אידיש נישט גע־לייענט, ווייל אידיש איז נישט נאָר די שפּראַך פון מארק און קיך נאָר אויך די ליטעראַטור שפּראַך פון די מארק־אידענעס און דינסטן... אָט דער נייער לייענער־שיכט, דער קולטורעלער, וואָס האָט פריער געזוכט זיין „גייסטיקע שפּייז" אין דער שווערער עברי פון די נישט־אידישע און לשון־קודשדיקע שרייבער און געכמורעט די ברעמען איבער זייערע ערנסטע ווערק, האָט מיטאמאָל אויפגעלויכטן, זיך צעשטראַלט, ווען ער האָט זיך דערפילט „ביי זיך אין טעלער", אין זיין אייגן אידיש שטעטל מיט די היימישע פארשוינען, וואָס ער זעט זיי פאַר זיך ווי לעבעדיק: אָט שטייען זיי, אָט גייען זיי, אָט האנדלען זיי און ווערטלען זיך... ער דערזעט זיך אליין, ווי ער באַזאלצט זיין פּיסנע לעבן מיט א גלייכווערטל... און שלום עליכם, וואָס רעדט זיין שפּראַך מיט זיי־נע תנועות, ווערט זיינער אן אייגענער, ממש א גוטער ברודער זיינער, מיט וועלכן ער איז זייער שטאָלץ.

שלום עליכם האָט נעהאַט נאָך איין אמביציע, נישט געגוג איז אים געווען וואָס ער האָט געוואונען פאַר זיך דעם העברעאיש־לייענער און אויפגעהויבן זיינע פארכמורעטע ברעמען, ער האָט אויך געוואָלט

האָבן פאר זיך אלס לייענער דעם באַלמעלאָכע און אלס לייענערנס, די ווייבער, די דינסטן און ער איז אַרויס אין קאַמף מיט שמ'רן און זיינס גלייכן, וואָס האָבן געהאלטן פארכאַפּט דעם לייענער־מארק. און ער האָט מנצח געווען.

מען דארף נאָר אָנמערקן דערצו, אז פון די וואָפן וואָס ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט אין דעם קאַמף, איז נישט אזוי ווירקזאם געווען זיין פּאמפלעט „שמ'רס משפט", וואָס איז געלייענט געוואָרן נישט פון די באַלמעלאָכעס, קיך-אידענעס און דינסטן, נאָר ווידער פון דעם קולוטרעלן עולם, ווי עס האָט געווירקט דאָס דערשיינען פון דער אידי־שער טעגלעכער צייטונג, וואָס האָט צו זיך קיין שונד־קאָנקורענטן נישט געהאט, און איז אריינגעדרונגען אין די קיכן, און אין די וואר־שטאטן, צוזאמען מיט שלום עליכמס מעשיות און פעליעטאָנען און האָבן דערהויבן דעם אלגעמיינעם אידישן קולטור־ניוואָ.

דאָס איז געווען זיין גרעסטע אמביציע און מיט דעם פולן באַ־וואוסטזיין, אז ער האָט זיינס דערגרייכט, האָט ער אליין אויף זיין מצבה אויפגעשריבן: דאָ ליגט א איד א פּשוטער, וואָס האָט געשריבן פאר דעם פּראָסטן פאָלק, פאר ווייבער...

די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, די אידישע ליטע־ראטור־קריטיק האָט פון דעסט וועגן דעם נצחון פון שלום עליכם נישט דערשאצט. באקומען האָט די אידישע ליטעראטור, א דאנק שלום עליכמען א צעוואקסענע, ליטעראַרישע פיינשמעקער, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין איר שפּיץ, קריטיקער וואָס האָבן געבראכט אויף דעם מארק פון דער אידישער גייסטיקער שפּייז אויסלענדישע דעליקאטעסן, מיט אזעלכע עטיקעטן ווי „מיסטיציזם", דעקאדענץ" און זיי אויסגעשטעלט אונטער א בלענדנדער שילד: „רענעסאנס" און אויף אָט דעם מאָדערנעם אידישן אָלימפּ, האָט מען שלום עליכמען נישט אריינגעלאָזט: ער איז דאָך נישט מער ווי א פאָלקס שרייבער...

און איצט? ווער ווערט דאָס איצט נישט נתפעל פון שלום עליכמס גרויסקייט, פאר דעם אומפארגלייכלעכן הומאָריסט אין דער וועלט־ליטעראטור! און אין וואָס באשטייט אָט די גרויסקייט? זי באַ־שטייט אין דער ליבטיקייט, אין דעם גרעניצלאָזן מענטשלעכן גלויבן,

אינעם בטחון, וואָס ער האָט אנטפּלעקט פאר אונדז גופא און פאר דער וועלט צווישן דעם געפּלאָגסטן פאָלק פון דער וועלט, צווישן די פּאָגראָמירטע, געטריבענע, געדריקטע און באליידיקטע אידן.

פאר אונדז, איז ער שוין לאנג איינער פון אונדזערע קלאסיסער, וואָס שטייט אויף אונדזער אָלימפּ צוזאמען מיט דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראטור — מענדעלע מוכר ספרים און מיט איר פייער־שפּריצנדיקן וואולקאן — י. ל. פּרץ. פאר אונדז איז ער שוין לאנג א קוואל פון בטחון, פון גלויבן אין אונדזערע אייגענע כוחות און אין אונדזער אויסערגעוויינלעכן לעבנס־כוח. ער ווערט דאָס אויך פאר אנדערע, פאר נישט אידן.

ווען מיר לייענען א ידיעה פון מאָסקווע, אז שלום עליכמס ווערק זיינען דאָרט איבערגעזעצט געוואָרן אין א גרויסער צאָל שפּראכן פאר די סאָוועטישע פעלקער און זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אין הונדער־טער אויפלאַגעס פון מיליאָנען עקזעמפּליארן גראָד אין די מלחמה־יאָרן, גיבן מיר זיך חשבון וועגן אונדזער שלום עליכמס ווערט אלס פלאנצער פון בטחון, אלס טרעגער פון דערמונטערונג און מוט.

אין אונדזער פינצטערער און אומגליקלעכער צייט, ווען דאָס הויז פון ישראל איז פארוויסט, איז אוודאי שווער צו לאכן, גיבער וויינט זיך און מקוננים שטייגן. נאָר וואָלט שלום עליכם איצט גע־לעבט — ער וואָלט איצט 87 יאָר אלט געווען — וואָלט ער זיכער א זאָג געטאָן מיט דער שפּראך פון זיין באליבטן פארשוין: טוביה איז נישט קיין אידענע!...

י. ל. פרץ און די פערזענלעכקייט אין דער אידישער ליטעראַטור

1.

פאראַן אין דער געשיכטע פערזענלעכקייטן, וואָס שטייען, דאַכט זיך אונדז, אין איר סאַמע מיטן — נישט געקוקט אין וועלכן צייטעלטער, אין וועלכן יאָרהונדערט זיי האָבן געלעבט און געווירקט — און האַלטן אין זייער אויפגעהויבענער האַנט אַ פאַקעל אָדער אַ זון אַ לויכטנדיקע, וואָס באַלייכט אַלע דורות, פריערדיקע און שפּעטערדיקע. מיר זעען זיי, נאַטירלעך, אין זייער פולער פּראַכט, אין זייער גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט, ווען מיר זײַנען אָפּגערוקט פון זיי אויף דער געהעריקער דיסטאַנץ. דערנענטערן מיר זיך צו זיי, אַזוי בלענדן זיי אונדז און בריען אונדז מיט זייער שאַפנדיקן פייער אָדער גאָר פארלירן מיר זיך קעגניבער דער פילפאַרביקייט, דינאַמישקייט און שפע פון זייער שאַפן.

פאר אונדז, מענטשן, וואָס אָטעמען מיט דער מאָדערנער אידישער קולטור, פארנעמט אָט דעם צענטראַלן פּלאַץ אין איר געשיכטע — אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור — די פערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ. באַזונדערס, זעען מיר אַזוי פּרצן איצט, דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט און נאָכמער, ווען פּרצעס לאַנד — מיר מיינען דאָ די פּויליש־אידישע אַטמאָספער, מיט דורות לעבן אָנגעזאַפּטע, וואָס

האָט פּרצן געדינט ווי רווישטאָף און ווי ברענשטאָף פאַר זיין קינס
לערישן אויסדרוק — איז שוין אויך נישטאָ מער און מיר הויבן א
אויף ווי א פּאָן, ווי די פּאָן פון אונדזער אידיש קולטור־לעבן, וואָס
איז געווען איינער פון אירע גרעסטע שעפער און ווי די פּאָן פון ד
ווידעראויפבוי פון א אידיש קולטור־לעבן אין דעם איצט חרובן פּוי

שווער איז זיך פאָרצושטעלן א מער דינאַמישע פיגור אין ד
מאָדערנער אידישער קולטור־וועלט, ווי יצחק לייבוש פּרץ, אזא או
אויפהערלעך און אלזייטיק ווירקנדיקע, און דאָך אזא הארמאָנ
גאנצע. אזא צעוואָרפענע אויף פארשידענע געביטן ליטערארי
ארבעט, אזא פארשידנקייט פון טעמעס און פון זשאַנערס, אזא כסז
דיקער איבערגיין פון איין ליטעראַרישער ריכטונג צו דער צווייט
ביי אָט דעם ליטעראַרישן ריז און דאָך איז ער אומעטום איינער ז
דער זעלבער — פּרץ.

איז עס דער סטיל, דער פּרצישער, די שפּראַך זיינע, וואָס שא
אָט דעם וואונדער? איז עס דער ברי פון זיין קורצער אינהאַלטס
לער פּראזע, אין זיינע דיכטערישע ווי אין זיינע פּובליציסטישע ז
בעטן, וואָס ציען ארויף דעם איינדרוק פון גאנצקייט און איינהיי
לעכקייט איבער דעם שלל ווידערשפּרוכן, מיט וועלכן עס איז
פּרצעס שאפונג? זיכער האָט פּרצעס שפּראַך און סטיל א חלק אין
דעם איינדרוק אונדזערן; דער סטיל איז דער מענטש, זאָגט מען ז
ער ריכטיק; אָבער, ווי קליין איז דער דאָזיקער חלק קעגניבער ד
גאנצער פּערזענלעכקייט פּרצעס, וואָס שטראַלט ארויס פון יעד
שורה זיינער, באזונדערס איצט, ווען מיר האָבן זי פאַר זיך א גאנ:

און דאָס איז דער סוד, וואָס שטעקט אין דעם כשוף. פּרץ א
מיט אלע זיינע ווידערשפּרוכן און איבערגענג, די שעפערישע אי
שע פּערזענלעכקייט. ווי א ברען־גלאָז האָט ער אריינגענומען אין
אלדאָס אידישע און אלדאָס מענטשלעכע פון אלע דורות און פון א
שטרעבונגען און באוועגונגען, האָט דאָס דורכגעלאָזט דורך זיין א
אויפהערלעך באַנייענדיקן און צו שלימות שטרעבנדיקן טעמפּעראַמ
און דאָס פון זיך ארויסגעבראַכט אין די קונסט־פאָרמען פון זיין צי
און אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק.

צי דען דוכט זיך אייך נישט אָפּט, ווען איר פירט דורך אייער אויג איבער אַלע ווערק פון יצחק לייבוש פּרץ, ווי די זון וואָלט אין טויזנטער פּריזמעס אירע שטראַלן געבראָכן? איר זעט פּרצעס שטראַליקייט און פאַרביקייט, זיין ברי און זיין שפּיל בעת ער רייסט אראָפּ מיט דער הילף פון דעם אַפּיקורסישן באַלמעלאָכע, בערל קאַלבאַס, דאָס „שטריימל" פונעם אידישן לעבן, דעמאָלט ווען ער רייסט אראָפּ פון דעם לעבן די „מאָראַל", וואָס מאַכט פאַרזעסן און פאַרוועלקט די אָרימע אידישע טעכטער אין זיין „נאָך קבורה", ווען ער בייטשט די עקספּלואַטאַציע אין די „צוויי ברידער", אין „פרעמדן חופּה־קלייד", — אין די אַלע „אָפּגעשמאַקטע משכילישע און פּרימיטיוו־סאָציאַליסטישע" זאַכן וואָס ער האָט געשריבן אין זיין „אידישער ביבליאָטעק" און אין זיינע „יום־טוב־בלעטלעך" — פּונקט ווי דעמאָלט ווען ער באַגייסטערט זיך מיט דעם אייביקן שבת־יום טוב פון דער חסידות; דעמאָלט ווען ער גייט צוזאַמען מיט די פאַרוועלטלעכער פונעם אידישן לעבן, ווי דעמאָלט ווען ער זוכט דעם אידישן אידעאַל אין דער אַלטער אידישלעכקייט.

2.

ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז געווען פּרצעס א מקורב, אן אָפּטער אריינגייער צו אים אין שטוב, אין אָט דער שטוב, וואו פּרץ האָט געפּראוועט ליטעראַרישע גוט־אידישקייט, וויל האָבן, אין איינעם פון זיינע ארטיקלען וועגן י. ל. פּרץ, אז פּרצעס איבערגאַנג פון איין וועלטאָנשויונג צו א צווייטער, זיין ארונטערפאַלן אונטער די השפּעות פון די אידייען, וואָס האָבן באַהערשט די מחות פון זיין צייט, איז א שטריך פון זיין דיכטערישער עמפּינדלעכקייט.

„אזוי פירן זיך קינדער, אזוי פירן זיך פרויען און אזוי פירן זיך דיכטער", פאַרענדיקט דער מחבר פון פליגלמאַן און דער איבערזעצער פון ראַיאַ מאַנאַ דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן ער דערציילט וועגן פּרצעס ארונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דעם מאָדערניזם און זיינע פאַרשידענע פאָרשטייער, ווי ניטשע, פּשיבישעווסקי און סטרינד־

בערג און ווי אזוי ער האט זיי מיטאמאל פיינט באקומען נאכדעם ווי ער האט באקומען צו לייענען א בענדל פון מאקסים גארקים נאוועלן, וואס זיינען פאר אים געווען ווי א צוריקגאנג צום געזונטן קרעפטיקן אפטימיזם, אלס א רוף צום לעבן.

פון דעסט וועגן, וויל ה. ד. נאמבערג האבן — אין א צווייטן ארטיקל, וואו ער פרואווט געבן א כאראקטעריסטיק פון פרצעס שאפן, אז פרץ איז געווען בלויז דיכטער און מער נישט, אז געווען איז פרץ א רעוואלוציאנער אין... דער קונסט, א רעוואלוציאנער און צעשטע-רער... אין דער ליטעראטור. אים איז זייער געפעלן די פרייליעכע ארבעט פון אברהם אבינו, צו צעשטערן געטער... דאס איז, הייסט עס, געווען אזא שפיל פון זיין שעפערישן גייסט, די גאב פון די געטער, וואס שפילן זיך מיט וועלטן ווי מיט באלעמס. און די גרויסע דיכטער, די קינסטלער, שטייען ווי די געטער, איבערן לעבן און אויסערן לעבן, ווייל נאר דעמאלט קענען זיי דאס עמפינדן אויפן שטארקסטן אופן...

קורץ, נאמבערג, דער מענטש פון דער נירוואנא, וואס האט גע-האלטן מיט שאפענהויערן, אז קונסט הויבט זיך אן דארט וואו עס ענדיקט זיך דאס לעבן און מוז דעריבער פריי זיין פון לעבן, וויל נישט אנדערש, אז פרץ געהער צו אט דעם מין קינסטלער, וואס שטייען אויסערן לעבן. אלנפאלס, האט פרץ דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קונסט, זאגט ער, דעמאלט ווען ער איז אוועק פונעם רעאלן לעבן, ערגעץ ווייט אין דער צוקונפט אדער צוריק ווייט אין דער פארגאנ-גענהייט. מער נישט, ער איז נישט דויערהאפטיק און דעריבער לאדט ער זיך אוים בליץ-ארטיק, שטארק און שנעל.

שווער איז אקעגנצושטעלן זיך א מענטשן, וואס רעדט אלס עד ראיה, וואס איז יארנלאנג געווען מיט פרצן און האט פון אים גע-הערט תורה און דערציילט איבער דערביי א מעשהלע, וואס דער גרוי-סער דיכטער פלעגט אפט דערציילן און וואס דער מוסר השכל דערפון שטימט מיט זיין, נאמבערגס טעאריע פון קונסט; אבער, דער שכל איז מחייב עפעס אנדערש:

אט איז נאמבערג, טראכט איר זיך, די נירוואנא אליין, זיינע

העלדן שטייען אויך פון יענער זייט לעבן, און דאָך איז ער, נישט אַלס דיכטער און נישט אַלס פּערזענלעכקייט געוואָרן דער צענטער פון דער אידישער קולטור־באַוועגונג, פון דער אידישער קולטור־בענקשאַפט און די פּאָן פון קולטורעלן ווידעראויפבוי נאָך דעם חורבן אירן אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע בכלל.

און גראָד ווייסן מיר מיט וואָס פּרץ איז עס יאָ געוואָרן. ער איז עס געוואָרן א דאנק זיין דינאַמיזם, וואָס איז פּונקט דער היפך פון נירוואַנאַ; ער איז עס געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט שטאַרק אינזי־נען געהאַט צו פּאַרוועלטלעכן און רעוואָלוציאָניזירן נישט נאָר די קונסט און די ליטעראַטור, נאָר דורך דער קונסט און דורך דער ליטע־ראַטור דאָס אידישע לעבן.

איין קלייניקייט: נאָמבערג הייסט אונדז, ער בעט זיך ממש ביי אונדז, אין נאָמען פון זיין מאָס, וואָס ער ווענדט אָן צו פּרצן, מיר זאָלן אָנערקענען פאַר עכט פּרציש ערשט זיינע „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן" און פון די פריערדיקע זאַכן זאָלן מיר אַרויסוואַרפן דאָס וואָס אים שטערט צו זיין כאַראַקטעריסטיק.

נאָמבערג דערלאָזט נישט, אז אויף פּרצן זאָל פאַלן א חשש פון השכלה און חסידות, ווייל ער האָט מורא דאָס זאָל שאַטן דער הוי־בער מדרגה פון ריינער קונסט, אויף וועלכער ער שטעלט אַוועק פּרצן, און מ י ר גראָד זעען אין פּרצן נישט נאָר די קינסטלערישע פּער־זענלעכקייט, נאָר אויך און דעריקער די קולטור־פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געמוזט דורכמאַכן די קולטור־אידייען פון זיין דור, די השכלה, ווי די חסידות, ווען אפילו די חסידות האָט ער דורכגעמאַכט שפּע־טער, נאָך דער השכלה און נאָך זיין פאַרכאַפּט ווערן פון סאָציאַליזם, אַלס רעאַקציע אין דער צייט פון דער אַלגעמיינער גאָט־זוכעניש, אָדער, ווי איך מיין צוליב גאָר אנדערע סיבות, ווי איך ווייז דאָס שפּעטער אָן.

פון דער השכלה איז פּרץ געקומען צום סאָציאַליזם און דורך דעם חסידיזם האָט ער דערבליקט דעם אידישן מענטשן, וואָס זוכט פּערזענלעכע דערהויבונג און שלימות מתוך קאָלעקטיווער עבודה. ער האָט די חסידישע לערע פון השלמה געשטעלט צו דינסט דער געזעל־

שאַפּטלעכער רעוואָלוציע און דעם סאָציאַליזם. נאָר דאָס איז אַ בּאַ
דער ענין, וואָס מיר וועלן צו אים קומען שפּעטער.

דאָ ווילן מיר בּלויז זאָגן, אַז פּרץ איז געוואָרן די לייכטנד
אידישע פּערזענלעכקייט דערמיט וואָס ער איז פאַרבּונדן געווען
דעם רעאַלן אידישן לעבּן, דורכגעדרונגען מיט זיין קרעפטיקן
אויסשעפּלעכן אָפּטימיזם און איז געשטאַנען מיט בּיידע פיס אין
קולטור-לעבּן פון דעם אידישן פאָלק. ער האָט נישט נאָר געשר
נאָר אויך געטאָן פאַר אידיש טעאַטער, פאַר אידישע קינדער־ע
פאַר דערהאַלטן אידישע קינדער בּיים לעבּן אין די מלחמה־יאָרן,
דער דער טויט איז צו אים געקומען...

3.

יאָ, פּרץ איז אַ גרויסע אידישע שעפערישע פּערזענלעכקייט.
אויך אַ דיכטער איז ער פון דער פּערזענלעכקייט, פון דער אידיי
פּערזאָנאַליטעט, .וואָלט איך געזאָגט, פון דער אידישער גייסטי
איינגנאַרט.

די געשיכטע-שרייבּער, וואָס גיבּן זיך אָפּ מיט אויסגעפינען
כאַראַקטער־שטריכן פון די פעלקער און זייער גייסטיקע פיזיאָנאָ
צייכענען נאָך היינט די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון די אידן ווי
ירושה פון זייער נאָמאַדן־לעבּן אינעם מעסאָפּאָטאַמישן טאָל;
דאָרט די אידישע וואַכזאַמקייט און אינטעליגענץ, פון דאָרט זי
מאָנאָטעיסטישער ראַציאָנעלער גאָט, וואָס האָט זיי געגעבּן אַ רי
גיע פון געזעצמעסיקן ערדישן לעבּן, וואָס ווייסט נישט פון קיין
נער־וועלט, פון דאָרט אויך דאָס פלאַמפייערדיקע וואָרט פון זיי
נביאים, בּיי וועלכע גערעכטיקייט מיינט די פּשוטע אָרנטלעכע
ציונג צווישן מענטשן און פעלקער, ווידער לויט די צען געבּאָט
דעם אידישן ראַציאָנעלן גאָט...

ראַסן־זשוליקעס שטעלן אַרויס די דאָזיקע מעלות ווי חסרונ
די קאַטוילישע טעאָלאָגיע ציט אָט דעם פאָדים און שילדערט די אַ
שע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע לויט דעם פורעם פון יהודה איש קריות,
מיטאָלאָגישע פיגור פון פאַראַט, דאָס אידישע נישט קענען בּאַגרי
די מיסטעריע פון מענטשלעכער אידענטיפיצירונג מיט גאָט און ני

קענען אויפלייזן דעם אייגענעם גוף אין דער ליבע צו גאָט, לויט דעם קריסטלעכן מאַנאַכן־קולט. און די אידעאָלאָגן פון דעם אייראָפּעישן פעאָדאַליזם זעען אין דעם אידן דעם גענוי פון דעם קאַפּיטאַליזם, מיט די אַלע סאַטאַנישע קאָנסעקווענצן זיינע: די דערשיטערונג פונעם גלויבן, פון דער פאַמיליען־מאָראַל, פון דער אדעלקייט; זיי זעען אים אַלס שיילאָק אין די ערגסטע פון זיינע קאָנצעפּציעס: געלט־גייציקייט, נקמה־דורשט און די נערעכטיקייט וואָס ווייסט נישט פון רחמנות.

באוואוסטזיניקערהייט אָדער נישט, נאָר אַלס אַ פּוילישן איד, וואָס לעבט צווישן די טיפע שפּורן פונעם מיטלאַלטער, אין דער געשטאַלט פון די קאַטוילישע שפּיציקע קאָשציאָלן און שפּיזנדיקע קסיאָנדזשי־שע אויגן, פאַראַכטלעכער פּריצישער באַציאונג צו אידן און אין דער אַטמאָספער פון די אַלע פאָרורטיילן קעגן דעם אידישן גייסט און אי־דישן וועזן, האָט פּרצן געצויגן ארויסצושטעלן דעם אידישן אייגנ־אַרט, דעם אידישן גייסט און וועזן, ווי ער קען אים און ווי ער זעט אים; ארויסשטעלן און אקעגנשטעלן.

ווי אזוי שטעלט מען ארויס אָט די אידישע אייגנאַרט? פּרץ האָט דאָס געפּרואווט טאָן אויף פאַרשידענע אופנים. ער האָט לכתחילה גע־זוכט ארויסצוברענגען די הכחשה פון די אַלטע פאָרורטיילן מיט אידי־שן שטייגער, מיט פאַרשווינען פון זיין נאָענטן ארום: נאָט, זעט, מיר האָבן צווישן אונדז מענטשן מיט נשמות, פאַראַן ביי אונדז ראָמאַנ־טיק, ליבע, פּונקט ווי ביי אייך, פאַראַן ביי אונדז פּאָעטן, קינסטלער; קוקט אָן דעם יונגן אידעאַליסטישן פאַרליבטן אידן מאָניש, זעט דעם אידישן קינסטלער און דיכטער יואל קלעזמער און די מוזע זיינע, די געליבטע זיינע; ווי אנדערש זי איז פון זיין אידענע, דער מרשעת, אַ דערשלאָגענע פון נויט. איר ווילט אַ תם, אַ שאינו יודע לשאול, וועלכן איר שטעלט ארויס אַלס דעם פאַרטרעטער פון דער העכסטער טוגנט, נאָט אייך באַציע שווייג, וואָס האָט נישט קיין גרעסערע השגה ווי אַ בולקע מיט פּוטער...

נאָר פּרצן האָט דאָס נישט צופרידנגעשטעלט. ס'איז קליין, ס'איז נישטיק, ס'איבערצייגט נישט. דאָס גאַנצע אידישע לעבן ארום, דאָס אידישע לעבן אין דעם מיטלאַלטערלעכן פּוילן, דער רעשט פונעם

אידישן מיטלאלטער, האָט ער דערזען ווי דעם אלטן מארק ביינאכ
וואו שאָטנס דרייען זיך ארום און צווישן די שאָטנס דעם לץ, אָט ד
משכילישן בדחן... צי איז עס נישט ער אליין, פרץ?...

ער האָט דאָס אָנגעשריבן, ווי גאָגאָל זאָגט, כדי פון זיך אליין
נישטיקייט ארויסצעווארפן, און ער לאָזט זיך זוכן עפעס העכערס, ד
גרויסן געדאנק, דעם גרויסן חלום, די גרויסע פערזענלעכקייט. ד
מאָלט איז עס ווען פרץ ווארפט פאָר מענדעלען: „ער האָט קיין מענט
נישט געזען, נאָר שטעטלעך, מארקן, הקדשים, בתי-מדרשים און דגל
„אָן איין גרויסן געדאנק, אָן איין גרויסן חלום, אָן איין פערזענלע
קייט".

פרץ ווייסט און זעט: די אידישע גאס האָט אויפגעלעבט, פאָ
אויפגעהויבן, בלוט האָט געפלאָסן, תפיסות זיינען פול געוואָרן ז
גרויסע חלומות זיינען געווען... האָבן זיי זיך אָפגעשפיגלט אין ד
אידישער ליטעראטור?"

האָט אָבער פרץ אליין דאָס ארויסגעבראכט אין דער ליטער
טור? ניין. פרץ איז גראָד פארכאפּט פון עפעס אנדערש. ער זוכט
אידישע פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט, די אידישע השלמה, וואָס ז
אין זיך פארקערפּערן דעם אידישן גייסט, דאָס אידישע וועזן, ווי
זעט עס.

ער האָט מורא, אז אָט די אויפגעלעבטע אידישע גאס מיט אי
פאָנען, די אידישע יונגעלייט וואָס פלאטערן אליין ווי די פאָנען ז
ערע אויף די סאָציאליסטישע מאניפעסטאציעס און פלאַטערן ווי
פייער-פליגלעך ארום די תפיסות, זיינען נאָרנישט אידיש, דאָס ז
נען מאָדערנע אייראָפּעישע יונגעלייט מיט מאָדערנע אייראָפּעישע ז
דעאלן. מיט זיי וועט ער נישט איבערצייגן דעם פוילישן קסיאָנדז ז
מיוחסדיקן אינטעליגענט, די היטער פון דער פוילישער טראדיציע ז
פוילישער אידן-שנאה.

און דאָ איז אים, ווי אברהמען דער באראָן אין די דערנער,
די הענט געקומען דער חסידיזם, די לערע פון התרוממות הנפש,
געלייטערטן גלויבן, אָן אויפגעקומענע אינעם מיטלאלטער און פא
שפּרייטע איבער דעם גאנצן שטח פון געדיכטן אידישן ישוב, און ס

ווי אַלץ אין פּוילן. אוצרות מיט דערהויבונג און לויטערקייט און אַ שלל מיט פּערזענלעכקייטן האָט די חסידות ארויסגעבראַכט. דאָס מוז איבערצייגן!

און פּרץ האָט גענומען זאַמלען מעשהס פון חסידים און גוטע אידן און האָט זיי איבערגעדיכטעט, ווי ער האָט געקענט. און וואָס וועט איצט זאָגן דער פאַן קסיאַנדז ווען ער וועט איבערלייענען די מעשה מיט דעם מתנגד וואָס האָט זיך אַרונטערגעגאַנוועט אונטערן רבינס בעט און געזען ווי דער רבי שטייט אויף פאַרטאָג און גייט אַוועק אין וואַלד אַריין אָנהאַקן האָלץ, פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער, און קלאַפּט אָן אין טיר צו דער אָרימער אלמנה מיט דעם בערעם האָלץ אויף די אַקסל!... ער וועט מוזן זאָגן: אויב נישט נאָך העכער!..

און צווישן צוויי בערג? — האָבן דען די נישט־אידן אַזאַ עקס־טאַטישן טאַנץ אַרום דער תורה, וואָס גלייכט אויס אָרים און רייך אין דעם גלאַנץ פון דער שכינה, וואָס רוט אויף זיי?... און האָבן זיי אַזעלכע ריזן פון גייסט ווי דער בריסקער רב און דער ביאַלער רבי!... האָבן זיי אַזעלכע מקובלים, וואָס גייען אויס ווי די ליכט ביים לערנען און שטאַרבן בנשיקה!...

דאָס אייגענע זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. וועט זיך אויך אַ נישט־איד, ווי דער פאַרגרעבטער פּישער סאַטיע, אינשטעלן דאָס לעבן און זיך אַוועקלאָזן אויפן שטורמישן ים כאַפּן אַ פיש פון גאָטס כבוד וועגן!... און די מתנות, וואָס די פאַרוואָגלטע נשמה האָט אויפגעקליבן אויף דער זינדיקער ערד פאַר דעם כסא הכבוד וועגן? איז פאַראַן אַזוי פיל צניעות ביי זיי, ביי די אומות העולם? אַזוי פיל קידוש השם צו־ליב אַ קאַפּל, וואָס פאַלט אַראָפּ פון קאָפּ אינמיטן גיין קאַסטרוי?...

עס איז, נאַטירלעך, אומעגלעך, אַז פּרץ אַליין זאָל נישט געווען פאַרכאַפּט ווערן פון דער גייסטיקייט, וואָס ער האָט געזען אַרויס־שטראַלן פון אָט די פּערזענלעכקייטן און אויך פון דעם קהל חסידים, וואָס האָבן געפונען דערהויבונג אין זייער קאָלעקטיווער באַהעפטונג צום רבין, צו זייער אידעאַל פון שלימות. און עס איז אויך נאַטירלעך געווען ער זאָל זיין אייגענעם אידעאַל פון דערהויבונג אָנקליידן אין

די עקסטאַטישע ווערטער פון דעם חסידישן רבין, וואָס זיינען היינט געוואָרן דער קולטור-לאָזונג פון אַלע וועלטלעכע אידן:

און מיר, שבת-יום-טובדיקע אידן...

אַזוי גייען מיר, איבער חורבות גייען מיר!... זינגענדיקע, טאַנצנ־דיקע, צום כסא הכבוד גייען מיר!

.4

יאָ, פּרץ איז אַ צענטראַלע אידישע קולטור-פּערזענלעכקייט, וואָס באַלייכט און באַשיינט אונדזער קולטור־לעבן. צי קענען מיר אָבער אַריינשטעלן פּרצן אינעם סדר הדורות פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי אַ רינג, וואָס וואָלט אין איר געפעלט, ווען מיר נעמען אים פון דאָרט אַרויס?

איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז פּרץ שטייט אָן אַ זייט פון אָט דעם סדר הדורות, וואָס מיר הויבן אָן ציילן פון מענדעלען און זיינע בני דור — ליניעצקי און גאָטלאָבער, און מיר גייען באַלד איבער צו שלום עליכמען און זיינע בני דור, ספּעקטאָר און דינעזאָן, רייזען און פּינסקי, און צו דעם ווייטערדיקן דור: דוד בערגעלסאָן און פּרץ הירש־ביין, און נאָך ווייטער: אָפּאַטאָשו און י. י. זינגער, ראַבאָי, גרשון איינבינדער און זייערע חברים אין אַמעריקע; בורשטיין און זיינע חברים אין פּוילן און אַלבערטאָן, קיפּנים, שקאַראָווסקי, מאַרקיש, לור־ריע און פעפער און זייערע צענדליגער חברים פון דער סאָוועטישער שרייבער-פּלעיאַדע.

ווען איך זאָג סדר הדורות פון דער אידישער ליטעראַטור, מיין איך דעם נישט איבערגעריסענעם המשך, די פּאַרויסגייענדיקע עוואָ־לוציע פונעם אידישן לעבן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער אידי־שער ליטעראַטור, און די דורות שרייבער, וואָס היטן די טריט פון דעם אידישן לעבן איבער דעם דרך המלך, וואָס פירט דאָס אידישע פאָלק צו דעם באַשטימטן פאַר אים אָנגעצייכנטן וועג.

דאָס איז דער וועג פון אידישן סאָציאַלן אויפקום, וואָס גייט איבער דעם חורבן פונעם אַלטן אידישן לעבן אין דעם הענדלעריש־באַלמעלאָכישן שטעטל, דורך די אויסוואַנדערונגען און איבערוואַנ־דערונגען, דורך צאַרישע פּאָגראָמען און ענדעקישע בויקאָטן — דורך

די סאָציאַלע איבערקערענישן, וואָס קומען אויפן שטעטל ווי א מבול און — צו אונדזער גרויסן אומגליק — אויך דורך נאַציִשע שחיטות, צו אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע, צו מלוכיש־אָרגאַניזירטע ישובים פון באַפרייטער אַרבעט.

פונקט ווי מיר ווילן האָבן א סדר, א היסטאָריש אָנגעצייכנטן וועג אין דעם אידישן לעבן, נישט געקוקט אויף אַלע אַקצידענטן און קאַטאַסטראָפעס, וואָס טרעפן אונדז אויף דעם וועג — א וועג וואָס פירט אונדז צו א באַשטימטן סאָציאַלן ציל — א וועג וואָס איז אָנ־געצייכנט דורך דער געשיכטלעכער עוואָלוציע פון דער וועלט, דורך דער געשיכטע פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען און דורך אונדזער אידישן וועג אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון די פעלקער, אַזוי מוז האָבן א סדר, א היסטאָריש־אָנגעצייכנטן וועג און זין די אידישע ליטעראַטור.

פונקט ווי מיר ווילן נישט זיין קיין צופעליק פאַרוואַלגערטע אידן צווישן די אָדער יענע גויים, אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אָן א גע־זעלשאַפטלעכער שייכות צווישן אונדז גופא און צווישן אונדז מיט זיי, אַזוי ווילן מיר אויך נישט, אַז אונדזער אידישע ליטעראַטור זאָל זיין א צוזאַמענגעוואָרפענער קאַסטן מיט צופעליקע ספרים, אָן א היס־טאָרישער שייכות צווישן זיי, אָן אָט דעם היסטאָרישן זין, וואָס פאַר־בינדט זיי פון דור צו דור.

מיינט דאָס, אַז מיר שטרייכן אויס פרצן פון דער אידישער לי־טעראַטור, ווי דאָס האָט שיר נישט געטאָן מ. ליטוואַקאָוו, ווען ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אָט דער האַרבער פּראָב־לעם פרץ? מיינט דאָס, אַז מיר לאָזן אים איבער אין דער אידישער לי־טעראַטור בלויז ווי א „בליץ־דערינערונג", לויט ליטוואַקאָווס אויסדרוק, ווי א „זכר פון דעם אַז אַמאָל איז געווען א מלך", אַז „געלעבט האָט א זוכנדיקער גייסט מיטן נאָמען פרץ — אָבער נישט אַלס פאַקטאָר פון לעבעדיקער שאַפונג, וועלכע פליסט איצט? מיינט דאָס, אַז מיר באַגעגענען זיך בלויז מיט דעם דרך־ארץ און מיט דער באַוואונ־דערונג פון אָט דער קולטור־היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, וואָס איר צויבער ווערט נישט אָפּגעטאָן פון אונדז אויף לאַנגע דורות, אָבער

נישט ווי א שאפער פון אָביעקטוויע קונסט־ווערטן?

מיינט דאָס, אז מיר טוען ווי ה.. ד. נאָמבערג, וואָס שטעלט ארוים פּרצן ווי א פאָטער — דערציער פון א ליטעראַרישער משפחה, וואָס גיט דערנאָך יעדן פון זיינע זין זיין פאָטערלעכע ברכה און זיי גייען זיך פונאנדער יעדער זיין באַזונדערן וועג, און בלויז באַגלייט מיט אָט דער ברכה, אָן שום אַנדער שייכות מיט זיי ווי נאָר דער אַבסטראַק־טער גלויבן אין זייערע שעפערישע פאָטענצן?

ניין, מיר קענען נישט מסכים זיין, נישט מיט דעם ערשטנס עקסקלוזיוויסטישער באציאונג צו פּרצן ווי צו א בלאָנדזשענדיקן מע־טעאָר, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט אָן א וועג, אויסער דער קאָנס־טעלאַציע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור און אויך נישט מיט דעם צווייטן, וואָס האָט דאָס געזען ווי א לויכטנדיקע זון, נאָר אָן א זון-סיסטעם, אָן די פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך ארום איר און אָן די סאַטעליטן, וואָס דרייען זיך ארום די פּלאַנעטן.

מיר וואָלטן גיכער פארגליכן פּרצן צו יענע אנטראָפּאָלאָגן, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן אויף אויסצוגעפינען און דערזעצן די רינגען אין דער קייט פון דער מענטשלעכער קערפּערלעכער אויספו־רעמונג, וואָס האָבן געפעלט דער אנטראָפּאָלאָגישער וויסנשאפט אויף צו קענען דערשיינען הארמאָניש און גאַנץ.

דער אידישער ליטעראַטור, וואָס מיר זעען זי אזא הארמאָנישע שפּאַנען איבער דעם אָקצידענטפולן דרך המלך פון מענדעלען ביז בור־שטיינען, אַלבערטאָנען און איזבאַנען, ביז ראַבאָי, בערל גרינבערג, פּנחס ביזבערג און הערץ בערגער, פון טונעיאַדאָווקע און די פּוילישע שטעט־לעך ביי דער מאָזאָוויע, ביז בירָאָבידזשאַן און תל-אביב, ביז די אידישע ישובים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ארגענטינע און אויסטראַליע, האָבן געפעלט די רינגען ביז מענדעלען, ביז דער צערודערונג אין דער ממשלה פון די טונעיאַדעוועקער תקיפים און באַלטאַקסעס און ביז דער דעגענע־ראַציע פון דעם חסידיזם אין ליניעצקים ווערציוואַני, און פּרץ האָט די ארבעט פון דערגאַנצן די קייט גענומען אויף זיך.

צי נישט דערפאַר האָט פּרץ זיין גרעסט ווערק אויף דער טעמע פון חסידיזם, אָנגערופן „די גאָלדענע קייט"? און גראָד ווייזט ער

דאָרט דעם חסידיזם אַזוי אין דער צייט פון אַפּאָגיי, ווי פון זיין אָפּגאַנג, אין די דראַמאַטישע מאָמענטן פון זיין עקזיסטענץ, אין זיין קאָנ־פליקט מיט דער אויפגעקומענער השכלה, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אינעם צדיקס הויז און דאָס חרוב געמאַכט.

.5

פּרץ האָט געשטויסן, באַוואוסטזיניקערהייט אָדער נישט, אויס־צופילן די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור מיט דער פּאַנאָראַמע פונעם אידישן מיטלאַלטער, וואָס האָט אין איר געפעלט. און קיינער האָט דאָס נישט געקענט טאָן אַזוי ווי ער, דער פּוילישער איד, דער איד פון יענע אַלטע פּוילישע שטעט, וואָס האָבן איינגעהיט דעם שימל פון דער געטאָ און אירע שאָטנס, פון אירע קפּדנישע לומדים און כלות הנפשדיקע מקובלים, צוזאַמען מיט אירע אפּיקורסים און לצנים, מיט זייערע שילן, אין וועלכע עס האָבן נאָך געקלונגען די בייזע חומרות פונעם רמ״א און די דערלייזונגס בשורות פון די פאַלשע משיחים, ווי די קייט אינעם פאָליש פאַר די זינדיקע און די ברייטע מערק, אי־בער וועלכע מען האָט געטריבן אידן קאַסטרוי צווישן די רייען לאַנד־קנעכט מיט זייער אַלעבאַרדעס און געלעכטערס פון די ריטער און זיי־ערע דאַמען, צעפּוצטע אין סאַמעט און בראָקאַטן.

גראָד אין די דאָזיקע אַלטע פּוילישע שטעט, אויף דעם ראַנד פון דעם מערב, האָט אויף די מיסטן פון די געטאָס און צווישן די שימלדיקע ווענט פון זייערע געוועלבטע מויערן, צוערשט גענומען אויפבליען אידישע פאַבריקאַציע: וועבערייען, בערשטערייען, גאַר־בערייען, און צוערשט גענומען אויפקומען דער קאַמף צווישן געזעל און מייסטער, צווישן אַרבעטער און פאַבריקאַנט און פּרץ האָט דאָס גאַנץ גוט געזען און געזען האָט ער אויך דעם פּלאַטער פון זייערע פאָנען און זייער גרייטקייט אויף אומקום צוליב זייער רעכט און צו־ליב זייערע אידעאַלן און אפילו די ליבע זייערע האָט ער געזען, די וועבער־ליבע און דעם גאַנצן געראַנגל צווישן אַלט און ניי אין די גע־מאַרקן פון אָט די אַלטע שטעט.

אַט דאָס אויפקומענדיקע נייע לעבן צווישן אידן אין די שטעט האָט אפשר געשטערט פּרצן זען דעם אָפּגאַנג אין די שטעטלעך און געווען זיינען אויך שטעטלעך, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער פאבריקאציע דורך דעם היים-ארבעט, דורך די לווינקענטיקעס און כאלופניקעס, וואו מע האָט געארבעט צארישע מיליטערישע באשטע־לונגען און אויך דאָס שטעטל, י. מ. ווייסנבערגס שטעטל, האָט גע־קעמפט; ממש זיך געשלאָגן, געפירט דעם קלאסן-קאמף מיט געשלעג אין די שילן. דאָס האָט אים געשטערט זען דאָס וואָס די אוקראַינער אידישע שרייבער האָבן דערזען פון ערשטן אויגנבליק.

פּרץ האָט נאָר נישט געזען צווישן דער קעמפערישער אידישער יוגנט די העלדן, די פּערזענלעכקייטן נאָך וועלכע ער האָט זיך גע־יאָגט ווי נאָך די מאָדעלן פאר זיין קינסטלערישן שאפן, און ער האָט זיי געזוכט, ווי שוין געזאָגט, אין דער אלטער שטאָט. ער איז נישט דער איינציקער ביי אידן, ווי ביי נישט אידן, וועמען עס געלינגט נישט צו מאָלן די יוגנט און זייער גאנצער כוח ליגט אין מאָלן די עלטער.

„נישטאָ קיין פּרץ־שול אין דער ליטעראטור, זאָגט ה. ד. נאָמ־בערג. מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן א צווייטן, וואָס זאָל קומען נאָך פּרצן, ווי א שטייגער שלום עליכם, וואָס איז געקומען נאָך מענדע־לע מוכר ספרים". און דאָס איז אמת נאָר אין א געוויסן זין. אין סטיל האָט ער נאָך זיך קיין יורשים נישט איבערגעלאָזט; אָבער זיין דרך, דעם דרך צו זוכן אין דער פארגאנגענהייט זיינע העלדן, די פּערזענלעכ־קייטן וואָס זאָלן פאַרקערפּערן דאָס וואָס ער האָלט פאר דעם וועזן פון אידישקייט, פאר דעם אידישן געניוס, האָבן איבערגענומען א ריי נאָכ־גייער זיינע.

דער ערשטער האָט דאָס געטאָן שלום אש. דער תלמיד איז גע־גאנגען א סך ווייטער אין דער פארגאנגענהייט זוכן אידישע טוגנט, ווי זיין רבי. אָנגעהויבן האָט ער מיט דעם גביר פונעם שטעטל, איז אוועק צום תהילים־איד, צו שבתאי צבי, צו דער כישוף-מאכערן פון קאסטיליע און איצט האלט ער שוין ביי ישו הנוצרי און ביי זיין אפּאָסטאָל שאול פון תרשיש.

נאָך אים איז לייוויק אוועק קיין פּראג זוכן משיחן און עס מאכט

אמאָל א שפּאַציר אין דער פאַרגאַנגענהייט אויף אַפּאַטאַשו, געגאַנ־גען איז ער צוערשט קיין רעגנשפּורג און איצט צו רבי עקיבה. אפילו דוד בערגעלסאָן האָט לעצטנס זיך אוועקגעלאָזט אויפזוכן דוד הראו־בני מיט שלמה מולכו. עס ווענדט זיך, נאַטירלעך, וואָס איינער ברענגט מיט זיך פון יענע מרחקים. אָבער, קיין שאָדן דער אידישער ליטעראַ־טור ברענגט ער נישט דערמיט. פאַרקערט, ער באַרייכערט זי, ער דער־גאַנצט זי, ווי שוין געזאָגט.

6.

איין זאַך נאָך; אַנשטאָט מיט איין שאַפּע, מוזן זיך אונדזערע ביבליאָטעקן באַזאָרגן מיט צוויי: אין איינער די אידישע ליטעראַטור, וואָס פאַרצייכנט קינסטלעריש דעם וועג פון דעם אידישן פאָלק פאָ־רויס, זיינע עטאַפּן אויפן וועג צו דער אידישער צוקונפט, און אין דער צווייטער די ווערק וואָס זוכן דעם שורש פון דער אידישער איי־גנאַרט, פון דעם גייסטיקן אידישן וועזן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

איבער דער ערשטער פון די שאַפּעס זאָל הערשן דער דורכ־דרינגענדיקער בליק פון דעם זיידן מענדעלע, וואָס האָט געלערנט אין די געצעלטן פון די גרויסע רוסישע מייסטער, וועלכע האָבן געזוכט זייערע העלדן צווישן פשוטן פאָלק און, ווי זיי, האָט ער פון דאָרט ארויסגעבראַכט בינימין השלישי, אלתר יכנה'ז, פישקע דעם קרומען וכדומה.

איבער דער צווייטער זאָל הערשן יצחק לייבוש פּרץ, וועלכער האָט געלערנט תורה ביי די חכמי פוילן: ביי וועספּיאַנסקי און פּשי־בישעווסקי און ביי די גדולים פונעם מערב: ניטשע, איבסען און סטרינדבערג און זייערס גלייכן און האָט, ווי זיי, געזוכט זיינע העלדן אויף די שפּיצן פון די בערג, אין דער הויך. אויב נישט נאָך העכער...

דער וועג פון שלום אַש אין דער אידישער ליטעראַטור

— 1 —

אין זיין בראָשור „אין וואָס איך גלויב”, רעדט שלום אַש וועגן אַ זוימען, וואָס פאַלט צופעליק אינעם קערפּער פון דער פרוי, וואָס גאַרט צו ווערן באַפרוכפּערט און דער זוימען באַקומט די ברכה פון גאָט און עס ווערט פון אים דער הערלעכסטער באַשאַף זיינער: דער מענטש. אַ משל צו די אידן, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן צו זיין די באַפרוכפּערער פון דעם אחדות הבורא געדאַנק. אינעם קינסטלער, לאָמיר זאָגן, פאַלט אויך אַ זוימען, וואָס ווערט אין אים באַפרוכפּערט און פון אים קומט אַרויס דעם קינסטלערס שאַפונג.

וואָס איז דער זוימען אין שלום אַשן דעם קינסטלער? — זיין פאַרליבע צו דער פּשטות און תמימות פון דעם גלויביקן אידן, וואָס טרינקט די זאַפט פון דער ערד און די ברכה פון הימל און איז גאַנץ מיט זיך, מיט זיין פאָלק און מיט זיין גאָט. פּאַראַלעל מיט דעם מין אידן, גייט זיין אידעאַלער טיפּ אידישע פרוי, דאָס ראָמאַנטישע וועזן, וואָס אין איר תמימות און גלויביקייט פאַרלירט זיך די גרעניץ צווישן הייליקייט און זינד.

עס איז כדאי נאָכצופאָלגן אָט די רעאַלע געשטאַלטן, שטענדיק אידעאַליזירטע און מיט אַ שלייער פון אידיליע און ראָמאַנטיק פאַר-

צוויגענע, אין זיינע ערשטע ערדיש־זאַפּטיקע דערציילונגען, אין זיין פּרעזענטאַציע־ווערק „דאָס שטעטל" און אין „שלמה נגיד", ווי אין זיינע אַזוי גערופענע היסטאָרישע ראָמאַנען און איבערהויפּט אין זיין „תהילים איד", וואו אָט די געשטאַלטן דערהויבן זיך צו ממש סימבאָלישע פיגורן און שטרייכן אונטער דעם מחברס אידייע: דער כוח פון גלויבן.

שלום אַשס דראַמען האָבן בכלל אַלס טעמע דעם גלויבן. מען קען איצט זאָגן מיטן פולן מויל, אַז נישט די מאָדע פון גאָטזוכעניש, וואָס האָט אין יענער צייט פאַרכאַפּט די ליטעראַטור, נאָר אַן אינערלעכער דראַנג האָט אים געפירט אָנצושרייבן זיין ערשטע דראַמע „צוריקגעקומען", וואו ער פירט דורך אַ געראַנגל צווישן דעם גייסט פון כפירה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יוגנט און דעם אַלטן איינגעוואָרצלטן גלויבן און איבערגעגעבנקייט צו דער תורה און עס איז גובר דאָס לעצטע. דאָס אייגענע זיין דראַמע „משיחס צייטן", וואו ער שטעלט אַקעגן די נייע אויפגעקומענע אידישע אידעאַלן, די איינגעוואָרצלטע פעסטע און גלויביקע אידישקייט. אין „גאָט פון נקמה" דערגייט דער גלויבן ביז געצנדינסט. אין „שבתי צבי", ווי שוין דערמאָנט, באַשטייט די דראַמע אינעם נישט דערגלויבן.

גיט צו צו אָט דער שלום אַשישער אידייע זיין טאַלאַנט, זיין כוח אַראָפּצובויגן דעם הימל צו דער ערד און זיי פאַרייניקן און איר האָט שלום אַשן דעם קינסטלער, וואָס האָט אין זיין לעצט ווערק „דער מאַן פון נצרת" אַנטוויקלט זיין אידייע אין די געשטאַלטן פון דעם קריסטלעכן עוואַנגעליום, כדי אָנצוּווייזן אויף דעם אַלטן ארץ־ישראלדיקן, כמעט ביבלישן שורש פון זיינע האַלב מיטלאַלטערלעכע און מאָדערנע אידישע פאַרשוינגען.

וואָרום נישט נאָר פאַן וויאַדאָמסקי, דער יעזואיט און אַנטיסעמיט, דער היינטיקער פאַרביסענער קאַטאָליק, איז אַ גלגול פון דעם אַמאָליקן רוימישן העגעמאָן איבער דער ירושלימער פעסטונג, אַ גלגול פון רוים, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די לערע פון דעם אידן פון נצרת וועגן ליבע און פאַרגעבונג אין אַ געווער פון שנאה און פאַרפאָלגונג קעגן אידן, און נישט נאָר זיין אידישער סעקרעטאַר, וואָס רעדט אין

ערשטער פּערזאָן, איז אַ גלגול פֿון אַ תּלמיד ביי די ירושלימער פּרושים פֿון בית הלל, אין וועלכן יעזוס זאָל זיך האָבן אינספּירירט. איר טרעפֿט צווישן די פֿרומע און גוטע ירושלימער גבירים, וואָס רייבן זיך צווישן תּלמידי חכמים, די אַלט באַקאַנטע ר׳ שלמה נגיד און יחזקאל קאַנסקאָוואַליער. יעזוס גופא איז נישט מער ווי אַ גאָך העברער תּהילים־איד, וואָס האָט זיך דערהויבן צו גאָט פֿון זיין טאַטנס טישלער־וואַרשטאַט און דעם פֿישער שמעון בר יונה — דער שפּעטערדיקער אַפּאָסטאָל פּעטער — דערקענט פּאַן וויאַדאָמסקי אויף דעם ערב פּסחדיקן געטאָ־מאַרק.

גיט אייך די מי און איר וועט דערקענען צווישן דער גרויסער גאַלעריע פּאַרשוינען פֿון שלום אַשס „מאַן פֿון נצרת" כמעט זיין גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן פֿון זיינע פֿריערדיקע ווערק. איך שטעל מיך אונטער צו זאָגן, אַז אין זיין יהודה איש קריות דערקענט מען די וויכטיקסטע שטריכן פֿון זיין שבתאי צבי, דעם מענטשן וואָס האָט געגלויבט און נישט דערגלויבט. וואָרום שבתאי צבי איז ביי שלום אַשן נישט אַ פֿאַלשער משיח, נאָר אַ נישט דערגאַנגענער, אַ געפּאַלענער אינמיטן וועג, ווי יהודה איש קריות איז יעזוסעס אַ געפּאַלענער אַפּאָסטאָל, וואָס זיין גלויבן אינעם רבין, דעם משיח, איז אויסגעפֿלעקט מיט ספֿיקות.

דער פֿאַרגלייך וואָס איך באַריר דאָ פֿאַרדינט אַ באַזונדער שטודיום, וואָרום איך האַלט, אַז נישט אומזיסט האָט שלום אַש אָפּגעגעבן יהודה איש קריות אַזאַ חשוב אָרט אין זיין ראָמאַן. די דריי טיילן פֿונעם „מאַן פֿון נצרת", קען מען אָנרופֿן, מיין איך, דריי עוואַנגעליומס: דער ערשטער, אַ צעזאַרישער, לויט דעם העגעמאָן קאָרנעליוס, המכונה פּאַן וויאַדאָמסקי; דער צווייטער לויט דער דראַמאַטישער פֿערזענלעכקייט יהודה איש קריות און דער דריטער לויטן יוחנן, המכונה שלום אַש, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ תּלמיד פֿון בית הלל, פֿון רבי יוחנן בן זכאי, פֿון דעם בעל שם טוב און וויל נישט אַנדערש נאָר אַוועקזעצן יעזוסן לעבן אליהו הנביא און זיין תּלמיד אלישע.

נאָר דאָס איז אַ באַזונדער ענין. דער עיקר בין איך אויסן אָנצוווייזן אויף שלום אַשס וועג אין דער אידישער ליטעראַטור אָדער ווי

ער אַליין זאָגט, זיין וועג צו גאָט. איך וויל אָנדייטן, וויינִיקסטנס, אַז דער „מאַן פון נצרת" איז נישט קיין צופעליק ווערק ביי שלום אשן, נישט ער האָט זיך מיטאָמאָל איבערגעקערט, חלילה, נאָר ער איז אויף דעם וועג געגאַנגען פון אָנהויב אָן און איז דערגאַנגען אַהין וואוהין ער האָט געמוזט דערגיין. פון אָנהויב אָן איז זיין אידעאַל געווען דער פישער שמעון בר יונה — און אים האָט שלום אש געמיינט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם הייליקן פעטער, אין זיין ענטפער אויף דער פראַגע פון דעם רעדאַקטאָר פון „קריסטשען העראַלד", ווער פון די קריסטלעכע הייליקע וואָלט געקענט זיין דער „פּאַטראָן" פונעם אידישן פאָלק, און בשום אופן נישט יענער הייליקער פעטער, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט אים געקרוינט פאַר איר ערשטן פּויפּסט — און פון דעם תלמיד איז ער דערגאַנגען צום רבין, אָדער פון דעם טיפּ צו דער אידייע.

און צי דען איז אָט־די אידייע — אַז יעזוסעס לערע איז אַ אידישע און אַז זיין לעבן און טויט, זיינע ליידן, זיינען דורכאויס אידישע — אַ נייע ביי שלום אשן? נאָך אין 1909 האָט ער אָנגעשריבן זיין דער־ציילונג „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט" (געדרוקט אין זשיטאָמירער זשורנאַל „דאָס נייע לעבן"), וואו יעזוס ווערט פאַרשמיסן און פאַר־שפּיגן אַלס איד, וועלכן דער צעהוליעטער קריסטלעכער המון אין אַ רוימישער קאַרנאַוואַל־נאַכט האָט געכאַפּט און אים געטריבן „קאָס־טרווי". איטשע מאיר אין זיין לעצטער דערציילונג פון דער וואַרשע־ווער געטאָ, איז אַ פּאַראַפראַזירונג פון אָט דער דערציילונג, וואָס וואַרפט די קריסטן אין פּנים אַריין דעם אמת, אַז פּייניקנדיק אידן, פּייניקן זיי יעזוסן, זייער גאָט.

— 2 —

עס וואָלטן אונדז צו וייט פאַרפירט און נישט אין דער געהערי־קער ריכטונג די קשיות: ווי קומט עס וואָס ביז איצט האָט קיינער פון די, וואָס רייסן זיך איצט די האָר אויפן קאָפּ און זיצן שבעה נאָך שלום אשן דעם אידישן שרייבער און אויך די וואָס וואַרפן איצט אין

אים שטיינער אָדער רייצן אויף אים די הינט ווי די שקצים אויף אַ אידן אַ גייער אין דאָרף, נישט געזען, וואוהין שלום אַש צילט, רחמנא ליצלן? די אַלע, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, האָבן פאַרקערט, געהאַלטן שלום אַשן פאַר אַ דורכאויס זייעריקן, שיר נישט פאַר זייערן אַ פּאַר־טיי־מענטשן, אַ אידישן סאָציאַליסט. איצט שרייבט איינער פון זיי אין אַ ליד: „ער האָט פון מיר אַ בייט געמאַכט אויף אַ צעקרומטן יויזל און אַ גרוזין". מיט דעם לעצטן וואָרט האָט אייגנטלעך דער איינער אַרויסגעלאָזט די קאַץ פונעם זאַק. עס גייט אים נישט אַזוי אין שלום אַשס סימפּאַטיעס צו יעזוסן, ווי צו דעם מענטשן, וואָס פירט אָן מיט דעם פאַרהאַסטן ראַטנפאַרבאַנד, און ער האָט שוין די קשיות אומדירעקט פאַרענטפערט.

מער אָבער וואונדערט וואָס עס שרייבט מיט אַזאַ ביטערקייט קעגן שלום אַשן איינער, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ סך מער „קריסט", וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין דער אידישער ליטעראַטור דעם קולט פון מאַרטירערישקייט, פון געקרייציקטקייט, פון דעם „בן הנעקד", וואָס ליגט אינעם גרונט פון קריסטנטום און איז פרעמד דעם גייסט פונעם אידנטום, ווי עס האָבן אים פאָרמולירט דער רמב"ם און די חכמי ישראל. און שלום אַש וואָלט באמת געקענט אויסרופן: אויך דו, לייוויק?

נאָר ווידער דאָס אייגענע, איך גיי מיך דאָ נישט אָננעמען די קריוודע פונעם אידישן פילאָזאָפישן געדאַנק קעגן דעם קריסטלעכן, כאָטש, דעם אמת געזאָגט, איז ער, דער אידישער, מיר נענטער אָדער טאַקע גאָר נאָענט מיט זיין הויפּט־פּרינציפּ „וחי בהם", וואָס מיינט, אַז די אידישע תורה איז די לערע פון לעבן און אַפילו די חסידות, וואָס האָט אין זיך אָן שום ספק קריסטלעכע השפעה, כאָטש אַ סך ווייניקער ווי די „קבלה", איז אַ לערע פון פרייד און פון לעבן, בעת דער קריסטנטום פאַרהערלעכט דעם אַסקעטיזם און זיינע סימבאָלן זיינען פּיין און טויט. אַ חוץ דעם ווייס איך אַז אין דער פּראַקטיק איז גאַנץ אַנדערש ווי אין די לערעס. אין ערגעץ האָט מען זיך אַזוי פיל נישט געפּייניקט און געפאַסט ווי אין די אידישע ישיבות און אין ערגעץ פירט זיך נישט אַזאַ אַפּיקורסיש לעבן ווי אין די קאַטוילישע

מאָנאַסטירן. קיין שום פאָלק האָט נישט אַזאַ קידוש השם, אַזאַ מאַר־מיראָלאָג ווי דאָס אידישע, און אינקוויזיציעס האָבן איינגעאָרדנט גראָד די קריסטלעכע פעלקער.

וואָס שייך שלום אַשן, מוז איך מודה זיין, אַז ווי שטאַרק ער ווירקט אויף מיר קינסטלעריש, ממש ביז פיזישער דערדריקונג, בין איך קיינמאָל נישט געווען באַגייסטערט פאַר זיינע אידן, וואָס טראָגן דאַכט זיך אַלע — סיי אָרים און סיי רייך — וואַטע אין די אויערן און האָבן אויסגעלאָשענע אויגן, טאַקע ווי אידן וואָס זאָגן שטענדיק תהי־לים. זיי זיינען נישט מיין אידעאַל, ווי עס איז נישט מיין אידעאַל דער פּראַטאַטיפּ זייערער, דער גלוביקער פישער שמעון בר יונה און זיין רבי, דער „תהילים-איד" פון הורדוסעס צייטן, ווען ארץ ישראל האָט געזאָטן מיט דער מרידה פון די זעלאָטן און געטראָגן אין זיך די זוימען פון שפּעטערדיקע אידישע אויפשטאַנדן.

נאָמבערג פון „ניל"י"

.1

ה. ד. נאָמבערג האָט זיך זיכער געהאַלטן פאַר איינעם אַן איינ־געשטאַלטיקן און געוואָלט מיר זאָלן אים אויך פאַר אַזעלכן האַלטן. דאָך איז פאַראַן אין ה. ד. נאָמבערגס ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן ווערק אַזוינס, וואָס דערלאָזט נישט, אויפן ערשטן בליק, אַלנפאַלס, אים פאַר אַזעלכן צו באַטראַכטן.

פאַר אונדז, אַרגענטינער אידן, האָט ער זיך, אגב, אַנטפּלעקט פון אַזאַ זייט, וואָס האָט ווייניק צו טון מיט ה. ד. נאָמבערג, דעם מחבר פון פליגלמאַן. מיר האָבן דאָ געזען מער ווי אַלץ דעם געשטאַלטער פון עליאַש, פון דעם ליכטיקן אָפּטימיסטישן און אַקטיוון פּאַרשוין פון זיין דראַמע „די משפּחה", דער גרינדער פון ה. ד. נאָמבערגס אויסגעחלומטער אָרגאַניזאַציע „נצח ישראל לא ישקר" (די אידישע אייביקייט וועט קיין ליגן נישט זאָגן, אָדער ריכטיקער: דער אידישער לעבנס כוח וועט נישט גענאַרן).

די אָרגאַניזאַציע „נילי" האָט ה. ד. נאָמבערגן געדינט אַלס אי־דעאַלער מוסטער פאַר זיין פּאַרטיי, דער פאָלקיסטישער, וואָס ער האָט געגרינדעט צוזאַמען מיט נח פּרילוצקי אינעם פּילסודסקישן פּוילן. עליאַש, אגב, האָט זיין אידייע צו גרינדן די „נילי"־אָרגאַניזאַציע גע־בראַכט קיין פּוילן פון אַרגענטינע, ווי נאָמבערג ווייזט דאָס אָן אין זיין

דראמע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אויף זיין רייזע איבער די אידישע ישובים, אין ארץ ישראל און אַמעריקע.

וויפל אונדז זאָל זיך נישט מאָלן פאַר די אויגן ה. ד. נאָמבערג דער נאָוועליסט פון דער סקעפּטישער אידישער האַלב-אינטעליגענץ, וואָס לעבט מיט דעם קאָפּ און דער קאָפּ אירער איז פול מיט ספקות, וואָס פּענטען זיי דעם ווילן און די לעבנס קראַפט און דערביי זיך מאָלן דעם מחבר גופא ווי איינעם פון זיי, אַלנפאַלס ווי אַ מין נחום פון אנדרייעווס „אַזמדאי", וואָס ווייסט אַז אַ מענטש דאַרף געניסן פון דער וועלט, דאַרף טאַנצן, דאַרף זיין יונג... וויפל מיר זאָלן זיך נישט פאָרשטעלן ה. ד. נאָמבערג דעם באָהעם, דעם ליטעראַט און זשורנאַליסט פונעם קאַפע-הויז, וואָס לאָזט אַוועק מיט דעם רויך פון די ציגאַרעטן אוצרות גייסטרייכע רייד און אינספּירירט זיך אין דעם זעלביקן ציגאַרעטן-רויך; דעם ליטעראַט, פאַר וועמען ליטעראַטור איז אַ שפּיל פון דעם לעבן און לעבן איז נישט מער ווי אַ חלום, אַ פאָרשטעלונג פון דעם מוח און אוודאי שוין פון דעם דיכטערישן מוח, קענען מיר נישט פועלן ביי זיך צו באַטראַכטן זיין דראַמע „די משפחה" ווי אַן עפּיזאָד אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע און עליאַשן ווי אַן עפּיזאָדן-ראָל אין אָט דער דראַמע.

צו גרויס איז די אידייע פון דער אידישער פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס ליגט אינעם גרונד פון דער אידישער ליטעראַטור און האָט געבוירן אַזעלכע גראַנדיעזע באַוועגונגען ביי אידן, אַזעלכע גוואַלדאָווע פּלענער, פּרואוון און אונטערנעמונגען, אַז זי זאָל נישט האָבן באַווירקט אַ שרייבער, ווי נאָמבערג, וואָס זיין ניכטערער קלוגער קאָפּ שטעקט נאָך אין דער וועלט פון אונדזערע קלאַסיקער. און צו שטאַרק איז ה. ד. נאָמבערג פּובליציסטיש און פּאָליטיש פאַרבונדן מיט דער אידייע, אַז זי זאָל נישט געוועזן ווערן ווייניקסטנס אַ טייל פון זיין גייסטיקער פיזיאָנאָמיע.

אַ באַזונדער רעכט האָבן מיר אַזוי צו דענקען, מיר, וואָס האָבן אים דאָ געהאַט צו גאַסט און געזען ווי ערנסט ער האָט דאָ גענומען זיין ראָל אַלס קאָמבאַטאַנט קעגן די עוולות וואָס איקאָ איז דאָ באַ־

נאַנגעז קעגן דעם ווערק פון באַראָן הירש, קעגן דער גרויסער אידייע און אירע פאַרווירקלעכער.

ה. ד. נאָמבערג פון „נילי״ זעט אין ארבעט, באַזונדער אין ערד־ארבעט, די מאָראַלישע דערלייזונג און דערהויבונג פון דעם אידן, וואָס איז אריינגעטון אין זיין געלט־וואָכעדיקייט. אין ארבעט זעט ער דעם שבת, וואָס פאַרוואַנדלט אים, אַזוי ווי אין היינעס שבת־ליד, פון אַ הונט אין אַ פּרינץ.

.2

אָט אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע באַווייזט אונדז נאָמבערג אין זיין „משפּחה״. ער באַווייזט אונדז די לעצטע שטופע פון דער אידישער הינטישער וואָכעדיקייט און דערנאָך דעם אידן באַפרייט פון זיין וואָכעדיקייט און דערהויבן ביז דעם אידישן שבתדיקן לעבן אין אייביקייט און געטלעכקייט.

די משפּחה פון גדליה פינקלגרין איז אינגאַנצן אַ וואָכעדיקע, וואָכעדיק ביז ציניזם. דער אַלטער גדליה איז פאַרנומען מיט געבן געלט אויף פּראָצענט, מיט פאָדריאַדן און בויגט זיך און נויגט זיך פאַרן פּריץ, ער פאַרקוקט ווען דער פּריץ גיט אַ גלעט דאָס ווייבל זיינס, ווען זי איז נאָך יונג און שמייכלט צו ווען דער פאָלקאָווניק מאַכט אַ ציניש קאָמפּלימענט דער טאָכטער. די גאַנצע שטוב, אפילו די עלף יאָריקע עטאַ, גייען אויף די שפּיץ פינגער ווען עס איז דאָ אַ „מענטש״ אין סאַלע און רעדט מיטן טאַטן וועגן געשעפטן; מען דערלאַנגט נישט דעם סאַמאָוואַר צום טיש אויך דערפאַר וואָס מען וואַרט אַז אַ „מענטש״ זאָל אַוועקגיין. סאָניאַ, די עלטערע טאָכטער דינגט זיך מיטן טאַטן איבער אַ פּאָר רובל וואָס זי דאַרף פאַרן שניידער, וואָס זי רייסט קוים אַרויס ביי אים. נחום, דער זון, וועלכער האָט שטודירט אין אויסלאַנד, אַז ער פלעגט דאַרפן געלט, פלעגט ער נאַרן דעם טאַטן אַז ער איז קראַנק, און איצט סטראַשעט ער אים אַז אויב ער וועט אים נישט געבן 5.000 רובל אויף צו פאַרן אין אויסלאַנד „ענדיקן״, פּאָרט ער קיין קיעוו און שמדט זיך. ביי גדליהן אַליין זיינען די 5,000 רובל

חשובער ווי דער זון. עס איז דאכט זיך נישטא קיין הייליקייט ביי קיינעם. אין א באהאלטן ווינקעלע ביי גדליהן ליגט א רעספעקט צו דער גמרא, צו די אלטע ספרים וואס אזוינע גאונים און חכמים האבן געשריבן, עס ליגט אים אין זינען דער גערער רבי, די מקוה... ביי סאניאן, ביי דער טרוקענער, צינישער סאניא, וועלכע האט זיך באקאנט מיט דעם אידישן אינטעליגענט עליאש און רופט ביי אים ארוים ליבע, כדי צו ערגערן דאס שניידער-מיידל דבורה די בונדיסטקע, און איז גרייט צו שרייבן תנאים מיט דעם אנגעפרעסענעם אפטייקער, איז אין דער אמתן פאראן א טיפע אכטונג צו עליאשן, און נחום, דער ציניקער, וואס איז גרייט צו שמדן זיך צוליב א קאריערע, וואס איז זיך מודה פאר זיין שוועסטער, אז זיינע קראנקהייטן וואס ער האט געהאט אין אויסלאנד זיינען נאר געוועזן א שיינע פראנצויזקע, א שיינע שווארצע, אט דער זעלבער נחום פילט א טיפע אכטונג צו דער שווינדזיכטיקער דבורה, וועלכע איז פונקט דער היפך פון אים, מיט אירע פעסטע איבערצייגונגען און טרייהייט צו דער „באוועגונג". די דאזיקע אלע פונקען פון ליבע און איבערגעגעבנקייט זיינען אבער באגראבן אונטערן אש פון דער וואכעדיקייט, פון ציניזם, וועלכער דערגרייכט אין צווייטן אקט צו זיין העכסטן שפיץ, אדער צו דער נידעריקסטער מדרגה. נחום איז אוועק צו דער באן קיין קיעוו זיך שמדן... און דער פאטער וועלכער האט אים געקענט אפהאלטן דערפון מיט 5.000 רובל, האט דאס נישט געטון. נאר ער האט געמסרט זיין זון ביי דער פאליציי און מען האט אים ארעסטירט. געקומען אהיים, פארדרייט אים דער פאטער מיט א פאלשן וועקסל, ווי א שפין אין געוועב, אן אמת שיילאקיש שטיקל ארבעט; מיט דעם חלוק וואס אנשטאט דעם „פונט פלייש" פארנעמט דא דאס פלאץ „קאטארגע" פאר א פאלשער חתימה, קאטארגע פאר זיין אייגענעם זון, און אלץ ווערט געטון אזוי קאלט, אויסגערעכנט... דאס איז די העכסטע שטופע פון ציניזם. דאס איז דער הונט אין זיין הינטישער פעל.

נאר אט פירט אונדז נאמבערג אריבער אין אן אנדער אידישער ספערע. פון די „הינט" פירט ער אונדז אריבער צו די „פרינצן", צו די אידישע טרוימער, כאטש אין זייער א שרעקלעכן מאמענט, אינעם מא-

מענט פון פאַרצווייפלונג נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע אין 1905. ער פירט אונדז אין דער וואוינונג פון דעם אידישן אינטעליגענט עליאש און דער אידעאַליסטישער דבורה. סאָניאַ און נחום האָבן דערפילט ווי „הינטיש" געפאַלן זיי זיינען און עס האָט זיי אַ צי געטון דאָס יום-טובדיקע, צו עליאש און דבורה, וואו זיי זוכן דערלייזונג. אַלע באַשליסן אַפּצופאָרן. סאָניאַ באַשליסט אַפּצופאָרן מיט עליאשן, וועלכער נעמט אונטער אַ רייזע קיין ארץ ישראל, קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, ער וויל זיין מיט די אידן וואו זיי זיינען, און דבורה באַשליסט אָפּצופאָרן מיט נחומען וועלכער האָט באַקומען די 5.000 רובל און ווילן פאָרן אין דער שווייץ. ער איז טאַקע געקומען אהין זיך געזעגענען. נחום ברייטגט שאַמפּאַניער און אין דעם מאָמענט פון בגלופינקייט, פון פאַרגעסן זיך, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דאָס מענטשלעכע הארץ פון די דאָזיקע העכט אינטערעסאַנטע פּערזאָנען אינעם געמיש פון טומאה און קדושה. עס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדז אַ מין סצענע אינעם גייסט פון נאָמבערגס ליד, „אוי וויי, אוי אוי און כאַ, כאַ, כאַ!..." פון האָפנונג און פאַרצווייפלונג. אין דעם מאָמענט קומט אָן גדליה, ווי אַ מין אויפלייזונגס קערפּער אין כעמישן געמיש און די עלעמענטן צעפאַלן זיך... נחום און סאָניאַ גייען אהיים, צו זייער טאַטן, צו זייער משפחה... און עליאש, און דבורה, אַ באַליידיק-טע, בלייבן...

די ווירקונג פונעם קודש אויף דעם חול איז אָבער נישט פאַר־לוירן געגאַנגען. סאָניאַ איז טריי געבליבן צום אָפּגעררייזטן עליאש און שרייבט זיך איבער מיט אים גאַנצע דריי יאָר צייט. די קראַנקע דבורה, וועלכע איז אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן האָט אויך נאָך איר טויט איר ווירקונג אויף נחומען נישט פאַרלוירן. איר בילד הענגט ביי אים און האַלט אים שטענדיק אָפּ פון נידעריקייט.

און אָט קומט דער וואונדער, ווען דער הונט ווערט אין פּרינץ פאַרוואַנדלט. דער אַלטער גדליה האָט אָפּגעלאָזט זיינע געשעפ־טן, ער וואוינט ביי נחומען וועלכער פירט אַ פאַבריק, שוין אַ העכערע מדרגה פון געשעפט. און ווען גדליה האָט נישט קיין „געשעפטן" איז ער אויס „שיילאָק", ליגט אים שוין אין קאָפּ די גמרא, ארץ ישראל,

אידישע צרות און אידישע ישועות... עס קומט אָן עליאש פון ארגענ־טינע, מיט א פּלאַן פון א אידישער אָרגאַניזאַציע „נילי" (נצח ישראל לא ישקר) דער סימבאָל פון אידישער אייביקייט, און גדליה באוואונ־דערט אים; וואזשנע... וואזשנע... זאָגט גדליה. בלויז חיה, גדליהס ווייב, איז נאָך געבליבן שטעקן אין דער וואָכעדיקייט, זוכנדיק איר טאָכטערס גליק אינעם שדוך מיט דעם רייכן אפּטייקער. אָבער סאָניא האָט זיך שוין לאַנג אויסגעהיילט דערפון, זי איז פארבונדן מיט ליבע צו עליאשן. נחום האָט חתונה מיט זיינער א פאבריק־מיידל, אַן אָרימע אידישע טאָכטער וואָס זאָל אים מאכן פארגעסן אין זיין ציניזשער פאר־גאנגנהייט און זאָל אים דערמאָנען אָן דער געטרייער אידעאַליסטישער דבורה.

דאָס איז דער לעצטער אַקט, ער קומט פאָר אין דער זעלבער שטוב ווי דער ערשטער, אָבער וואָס פאר א חלוק! ווי א נייע הויט וואָלט אויף די מענטשן געקומען. עס איז די זעלבע משפחה, אָבער נישט דער זעלבער גייסט הערשט אין איר. ווי קאַלט אָנגעצויגן און סוחריש ציניש די משפחה איז אין ערשטן אַקט! און, ווי ווארים ליבלעך און געטריי אידעאַליסטיש זי איז אין לעצטן! דער וואונדער איז געשען. דער הונט איז אין א פרינץ פארוואַנדלט געוואָרן!

3.

די דראַמע האָט ה' ד. נאָמבערג אָנגעשריבן אין 1913. מען האָט זי געשפּילט און נישט געשפּילט. אז יאָ, האָט מען פון איר אָפּגעשניטן דעם לעצטן אַקט, דעם סאַמע וויכטיקסטן, ווי נאָמבערג אַליין האָט געטענהט, וואָרום צוליב אים, צוליב דעם אַקט, וואָס ווייזט ווי אַזוי די דאָזיקע צעפאַלענע משפחה פון ציניקער און וואָכעדיקע מענטשן, וואָס געלט איז זייער נשמה, ווערט באַווירדיקט דורך דעם אידעאַל פון ארבעט, האָט ער די גאַנצע פּיעסע אָנגעשריבן.

נאָר גיי שריי חי וקים! די רעזשיסערן, די קריטיקער, דער עולם, אַלע ווייסן זיי בעסער, וואָס דער מחבר האָט אָנגעשריבן אָדער וואָס ער האָט באַדאַרפט אָנשרייבן. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער פּעסימיס־

טישער און סקעפּטישער ה. ד. נאָמבערג, וואָס זיינע מאַנסבילשע פּאַר־שוינען לעבן מיט דער אינערציע פון דעם ערשטן שטוים, וואָס האָט זיי אויף דער וועלט אַרויסגעוואָרפן, זיינען פּאַסיוו און ווילנסלאָז און האָבן קיין צייט נישט און קיין חשק נישט עפּעס אויפצוטון פאַר דער געזעלשאַפט, מחמת זיי זיינען אינגאַנצן פאַרנומען מיט זייערע טראַכ־טענישן וועגן זייער אייגענער מידער פּערזענלעכקייט, מיט זייערע אומ־באַשטימטע בענקענישן, מיט זייערע ספקות, גריבלענישן און חקירות, העכסטנס, מיט זייער בודיסטישער הסתכלות אין דער האַוועדיקער וועלט, אין וועלכער זיי זיינען נישט מער ווי צופעליקע געסט און זייטיקע צוקוקער, און וואָס זיינע פרויען־געשטאַלטן זיינען קוים באַ־פאַרבט מיט אַ ראַזעווען אידעאַליזם, ווי די ראָזעווע, נישט שטענדיק נאַטירלעכע פאַרב אויף זייערע באַקן, — נאָמבערג, ווייסן זיי, דאַרף האָבן אָנגעשריבן אַ דראַמע וועגן „דער גייסטיקער צעפאַלונג פון דעם אידישן באַלעבאַטישן הויז", אַ גייסטיקע צעפאַלונג, וואָס זאָל מער קיין תקומה נישט האָבן. וואָרום וואָס קען שוין אַרויסקומען פון אַזאַ גדליה פינקלגרין, פון זיין ווייב חיה, פון זייער עלטערער טאָכטער סאָ־ניאַ און אפילו פון זייער יונגסטער עטאַ, וואָס דער גייסט פון מסחר, געלט און עולם הזה האָט זיך אין זיי איינגעפרעסן ווי אַ וואָרים און האָט זיי צעפרעסן און פאַרוואַנדלט אין ציניקער; און וואָס קען שוין אַרויסקומען פון זייער זון נחום, דעם אינטעליגענט, וואָס דער דורכ־פאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט אים דעמאָראַליזירט ביז גרייטקייט אויף שמד צוליב אַ פינף הונדערטער...

גיי ווייס, אַז אין נאָמבערגן טליעט גאָר אַ פונק פון גלויבן אין דער גרויסער מאַכט פון דער אידישער פּראָדוקטיוויזאַציע־אידייע, וואָס אונטער איר שיין איז געבוירן געוואָרן די אידישע ליטעראַטור און צוזאַמען מיט אירע מעכטיקע טריט צו פאַרווירקלעכונג, איז געוואַקסן דאָס מאָדערנע אידישע קולטור-לעבן! גיי ווייס, אַז נאָמבערג גלויבט אין דעם כוח פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דעם אידעאַ־ליזם פון דער אידישער אַרבעטער-פרוי וואָס איז בכוח צו רעגענע־רירן די דעגענערירטע פאַמיליע פון גדליה פינקעלגרין און גיי ווייס, אַז ער האָט נאָך באַהאַלטן פאַר דער אינטעליגענץ אַן אָרט אין דער

געזעלשאפט און טאקע גאָר אַ חשובן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי צו זיין די אָנפירערן פון דער וועלט, פון די מלוכות, ווי ער האָט דאָס שפּעטער ממש געפּאָדערט ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע אינעם ראַטנפאַרבאַנד, און שוין דעמאָלט, אין 1913, ווען ער האָט געשריבן זיין דראַמע, האָט ער דעם אינטעליגענט עליאַש שוין פאַר־געבן אַזאַ ריזיקע אַרבעט ווי אויפצוהאַלטן דעם „נצח ישראל" מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אידישער פּראָדוקטיוויזאַציע!...

מילא, דבורה איז כאָטש אַ רעאַלער מענטש, זיי קענען זי, די די בונדאָווקע, די זאָקן־מאַכערקע, מיט איר קראַנקער פאַרב אין די באַקן, וואָס צעפלאַמען זיך נאָך מער ווען זי רעדט וועגן דער סאָציאַ־ליסטישער צוקונפט און דיסקוטירט מיט די ציוניסטן; אָבער עליאַשן האָבן זיי אַפילו נישט געקענט, דאָס האָט אים נאָמבערג אויסגעטראַכט. און דערין זיינען זיי מיט אַן אמת גערעכט געווען. מער נישט, צוזאַמען מיט עליאַשן האָבן זיי שוין אַרויסגעוואָרפן אויך זיין אידייע: די רע־גענעראַציע פון גדליה פינקלגרינס משפחה דורך אַרבעט, וואָס נאָמ־בערג איז אויסן געווען מיט זיין פערטן אַקט פון דער „משפחה". צום ווייבערישן מין, האָבן זיי געוואוסט, האָט נאָמבערג געהאַט אַ שטיקל שוואַכקייט נאָך פון דעמאָלט ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין דערציי־לונג „שוויג שוועסטער"; ער קוקט אויף די איידעלע באַשעפענישן מיט דער פאַרערונג פון אַ געצנדינער פאַר די הייליקע בתולות פון די טעמפּלען און זעט אין זיי שיר נישט געטנס, קלוגע האַרמאָנישע און העברעע וועזנס; אָבער דער אינטעליגענט האָט ער דאָך שוין אַליין דאָס לעבן אָפּגעזאָגט מיט „פּליגלמאַנען"!...

נאָמבערג האָט זיך מיט די קריטיקער לאַנג נישט געאַמפּערט. וואָרום וואָס? אַמפּערן זיך איז נישט קלוג, דאָס נעמט צו דעם נעמיס און די טייערע צייט, וואָס אַ מענטש האָט אויף צו געניסן פון דעם ביסל באַהעמישן עולם הזה אינעם קאַפע־הויז און אינעם קאַבאַרעט, פון דעם עפּיקורעישן ווייַן, ווייב און געזאַנג ביים איבערזעצן האַפיז און אָמאַר קאַיאַם און פון דער רואיקער חכמה אָדער פון דער חכמה פון רו ביים איבערזעצן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און ראַיאַ מאַנאַ

4.

נישט געאַמפּערט האָט זיך מיט זיי ה. ד. נאָמבערג, האָט זיי געלאָזן טון מיט זיך וואָס זייער האַרץ גלוסט, אפילו שטיקער פון אים שניידן לעבעדיקערהייט, נאָר פאַרטראַכט האָט ער נאָך דעמאָלט צו פאָרן קיין אַרגענטינע, אין דעם לאַנד פון דער אידישער רעגענעראַציע אויף ערד, פון וואַנען ער האָט געבראַכט עליאשן; ער האָט אַליין געוואָלט זיין אויף די פעלדער פונעם באַראָן הירשעס אויפטו, וואו אידישע קאָלאָניסטן זיינען מתקן זייער אייגן לעבן פון געוועזענע סוחרים און מעקלער, מיט ערנטלעכער פּראַצע און זיינען דערביי מתקן אויך דאָס אידישע לעבן, דעם „נצח ישראל״.

נאָמבערג האָט אפילו געהערט, אַז די אַרגענטינישע אידישע קאָלאָניזאַציע איז באַנקראָט, ווי עס האָט נאָך אין 1910 געשריבן לעאָן כאַזאַנאָוויטש אין זיין באַקאַנטער בראָשור נאָך זיין באַזוך אין אַרגענטינע, אָבער, ער האָט נישט געגלויבט, ער האָט צוגעשריבן לעאָן כאַזאַנאָוויטשעס בראָשור דער ציוניסטישער בייזוויליקייט, אַ מין המשך פון דער אַלטער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך געפירט צווישן די פּאַלעסטינצעס און אַרגענטינצעס, צווישן „המליץ״ און „הצפירה״. נאָמבערג האָט נישט געלאָזט ברעכן זיין אידעאַל, וואָס איז אויך געווען דער אידעאַל פון דער אידישער ליטעראַטור. למען האמת, מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז נאָמבערג האָט אומזיסט חושד געווען כאַזאַנאָוויטשן; דער דאָזיקער פּועלי ציוניסטישער פירער ווי זיין גאַנצע פּאַרטיי, אין יענער צייט, האָט ערנסט גענומען דאָס אידישע לעבן אומעטום און געהאָלפן דאָס באַפעסטיקן, באַזונדער דאָרט וואו עס איז געשטאַנען אויף דער באַזע פון אַרבעט, און אַ באַווייז דערצו איז כאַזאַנאָוויטשעס איניציאַטיוו דאָ אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אונטערן נאָמען „ברויט און ערע״, וואָס איז צום אָנהויב דערשינען חודשלעך.

נאָמבערגס חלום צו באַזוכן אַרגענטינע איז מקוים געוואָרן ערשט אין 1922. געקומען איז ער אַהער און האָט דאָ אָנגעטראָפן די אידישע צייטונגען אונדזערע אַריינגעטון אין אַ ביטערער פּאָלעמיק מיט דער

איקא. די אידישע קאָלאָניעס האָבן זיך געגרייט צו אַ קאָנגרעס, צום ערשטן קאָלאָניסטישן קאָנגרעס, נאָך דעם סימולאַקר פון אַ קאָנגרעס אין 1912, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ מאַניפעסטאַציע פאַר דער איקא אָדער גאָר אַן עקזאַלטאַציע פאַר איר אומקאָנטראָלירטער פאַרוואַלטונג און אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דעם שלעכטן נאָמען, וואָס באַזנאַוויטש און די קאָרעספּאָנדענצן אין די אייראָפּעישע אידישע צייטונגען האָבן איר געמאַכט.

די אידישע קאָלאָניעס האָבן אין יענער צייט געהאַט דערגרייכט אַ גאָר הויכע שטופע פון אָרגאַניזאַציע דורך די קאָאָפּעראַטיוועס און אונטער דער ווירקונג פון יונגע כוחות, פון צווייטן דור קאָלאָניסטן, דערצויגענע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין בירגערלעכן באַוואוסטזיין בכלל, מיט דעם אויפקום פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי און איר פּאָליטישער טעטיקייט אין די פּראָווינצן, האָבן זיי זיך גע־קליבן אַרויסשטעלן דער איקא אַ גאַנצע ריי פאָדערונגען, וואָס זאָלן קאַרדינאַל ענדערן איר קאָלאָניזאַציע־סיסטעם: קאָלאָניזירן די זין; ביי־טן די שלעכטע ערד־נחלות; אָפּשאַפן די קאָנטראַקטן מיט פאַרשפּרעכן, וואָס האַלטן דעם קאָלאָניסט אומזיכער אויף זיין באָדן ביז ער צאָלט אים אויס; איינפירן אַ ניי סיסטעם פון צאָלונגען, וואָס זאָלן נישט אָנהויפּענען אויפן קאָלאָניסט קיין חובות און פראָצענטער בעת אַ נישט געראָטעניש; איבערשאַצן די פרייזן אויף דעם באָדן אין די קאָלאָניעס מיט קנאַפּן אויסגאַב; אַראָפּנעמען דעם פאַרבאָט אויף פּי־צוכט און צוטיילן די קאָלאָניסטן רעזערוו אויף פּאַשע; איינפירן אַ געמישטע פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע פון דער איקא מיט די קאָ־לאָניסטן, אַנשטאָט דער אומפּאָנירטער איקא־אַדמיניסטראַציע א״א. די אַלע פּראַגן האָבן זיך נעלופטערט אין דער אידישער פּרעסע און אין אַ גאַנץ שאַרפן טאָן.

צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען אַן ענין מיט דער קאָלאָניזאַציע פון אַ גרויסער גרופּע פרישע קאָלאָניסטן, נאָך־מלחמהדיקע, וואָס מען האָט זיי גערופן די בריסקער, אויף דעם באָדן פון דער קאָלאָניע מאָנ־טעפיאָרע; אַ קאָלאָניע, וואָס פלעגט זייער אָפט אַראָפּוואַרפן פון זיך אירע קאָלאָניסטן צוליב די נישט געראָטענישן, צוליב דער נישט צו־

געפאַסטער ווירטשאַפט, וואָס מען האָט אין איר געפירט און צוליב די הויכע יערלעכע אָפּצאָלן, וואָס זיינען אויף די קאָלאָניסטן אויסגעפאַלן צוליב דער טייערקייט פונעם באָדן. און נאָמבערג איז אָנגעקומען פונקט דעמאָלט ווען די גרופּע בריסקער, באַזעצטע אויף דעם באָדן, וואָס האָט שוין באַוויזן אַ פּאָר מאָל אַראָפּצואַוואַרפן פון זיך די באַזעצטע גרופּעס, האָט געשיקט אין די צייטונגען אַ וויי־געשריי.

נאָמבערג האָט, פונדעסטוועגן נישט געלאָזט זיך באַווירקן נישט פון דער פּאָלעמיק מיט דער איקאָ איבער די קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען און נישט פון דעם וויי־געשריי פון די בריסקער. פאַרוואָס? אָט פאַרוואָס: איידער ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַרגענטינע האָט נאָמבערג געהאַט שמועסן מיט הויכע איקאָ־באַאַמטע אין פּאַריז און זיי האָבן אים געמאָלן די איקאָ־קאָלאָניזאַציע ווי אַן אידיליע, נישט געלייקנט האָבן זיי געוויסע פּראָבלעמען, וואָס האָבן, לויט זייער מיינונג, אַ באַרעכטיקונג אין דער אַלגעמיינער קאָניוקטור, און אַז זיי וועלן מיט דער צייט געלייזט ווערן. אויך האָט ער באַקומען רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דער איקאָ־דירעקציע אין אַרגענטינע און מען האָט אים דאָ אויפגענומען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שרייבער, וואָס באַגייט זיך אַזוי העפלעך און גייט צוערשט צו דער קאָלאָניזיר־געזעלשאַפט און נישט צו די קאָלאָניסטן, ווי דאָס האָבן געטון אַנדערע. און נאָמבערג האָט געוואָלט אָפּוואַרטן מיט זיין אורטייל ביז ער וועט אַליין זען ווי ווייט אמת עס זיינען די קאָלאָניסטישע טענות.

און נאָך עפּעס: נאָמבערג האָט געוואוסט וועגן דער ממש טראַגישער לאַגע, אין וועלכער די איקאָ האָט זיך דעמאָלט געפונען, שטייענדיק אַליין נאָנט צו די קרייזן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער אידישער וואַנדערונג. די וואַנדערונג פון דעם פאַרגרעסערטן פּוילן און דורך פּוילן די אידישע וואַנדערונג פון אוקריינע און ווייסרוסלאַנד, די וואַנדערונג דורך דעם שוואַרצן ים איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז דעמאָלט געווען אַ ביז גאָר אינטענסיווע. איקאָ האָט נישט געקענט און נישט געטאָרט לאָזן שטראָמען די וואַנדערונג אָן איר באַטייליקונג אין דער רעגולירונג פון דעם שטראָם און האָט זיך צוליב דעם פאַרבונדן מיט היאַס און „עמיגדירעקט"; איקאָ האָט אויך נישט געקענט שטעלן

זיך אָן אַ זייט פון דער באַוועגונג פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט־וועזן צווישן די אידישע באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער אין פּוילן און ליטע, ווי אין דער זעלבסטשטענדיקער ווייסרוסלאַנד און האָט אויך נישט געוואָלט לאָזן דעם גאַנצן קרעדיט פאַר דער באַזעצונג פון אידן אויף ערד אינעם ראַטנפאַרבאַנד דער ראַטנמאַכט און האָט אויף זיך גענומען אַ טייל פון דער קרעדיטירונג. צו דעם אַלעמען דאַרף מען האָבן געלט און... דאָס געלט וואָס איקא האָט געהאַט, איז אויסגערונען מיט די בעלגישע ווערט־פּאַפּירן, אין וועלכע דאָס איז געווען אַריינגעלייגט דורך איר פאָרזיצער, אַ בעלגישן פּאַטריאָט, אַנהויב מלחמה.

ס׳איז מאָדנע געווען צו זען ווי נאָמבערג איילט זיך נישט פאָרן אין די קאָלאָניעס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַנטוישט צו ווערן אין אַ גרויסער אידייע, אין אַ טיפן גלויבן זיינעם און אין דעם טיפן דרך־ארץ, וואָס ער האָט געפילט צו דעם באַראָן הירש־ווערק. ער האָט זיך גענומען צייט דאָ צו גרינדן דעם פאַריין פון די אידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, העלפן גרינדן דעם אידישן אַקטיאָרן־פאַריין און אָנטיילנעמען אין אַ בוררות פון דעם פאַריין מיט אַן אַמעריקאַנער סטאַר און מיט זיינע קרישלדיקע מיטגלידער; סטימולירן די גרינדונג פון אידיש־וועלטלעכע שולן און לייענען זיינעם אַ רעפעראַט איבער י. ל. פּרץ. אָט אַזוי, ביז פון די קאָלאָניעס זיינען געקומען בריוו, וואָס האָבן אים פאַרבעטן צו גאַסט.

5.

און דאָס פאַרוואָס נאָמבערג האָט מורא געהאַט איז געשען. נעפאָרן איז ער צוערשט קיין ריווערא און לאַפּין און צוריקגעקומען איז ער פון דאָרט מיט אַ ליכטיקן איינדרוק פון דער אידישער קולטור־אַרבעט, וואָס איז דעמאָלט געפירט געוואָרן אין דער פּאַמפּאַ, אָבער, אויך מיט אַ שוואַרצן פלעק פאַר די אויגן. אַ ש וו אַ ר ץ וו אָ ר ט איז אים נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, דאָס וואָרט „דעסאַלאָכאָ”. נאָמבערגס קינסטלערישע אויג האָט דאָס וואָרט געזען שוואַרץ נישט אַזוי ווייל דער קלאַנג זיינער

איז באמת א שוואַרצער פאר אן אויער וואָס הערט קאָלירן, און פאר אן אויג וואָס זעט קלאַנגען, נאָר ווייל ער האָט ממש געזען דעם חורבן פון האָרעפּאַשנע אידישע פאַמיליעס, וואָס דאָס נבזהדיקע געלט, דער מדת הדין פון דעם איקא-בוך, איז וועלכן די נישט גערעטעניש שרייבן אריין חובות אויף חובות, האָט צעבראָכן, צעגישטיקט און ווי שברי כלים ארויסגעוואָרפן אויפן מיסט.

בייגעשטאַנען איז נאָמבערגן זיין קלאָרער שכל, וואָס האָט אים נישט דערלאָזן פאַרצווייפלט ווערן. די אידייע איז גרויס, די אידייע איז נאָך גרעסער ווי ער האָט זיך זי אין זיין מוח פאָרגעשטעלט, וואָרום איר פאַרווירקלעכונג איז פאר אים געשטאַנען פאר די אויגן און ער האָט זי מיט די אייגענע הענט אָנגעטאַפּט, נאָר אריינגעפאַלן איז זי אויף אויספירן צו מענטשן, וואָס פאַרשטייען זי נישט, וואָס האָבן פון איר געמאכט נישט א מיטל פאר דער אויפריכטונג פון געפאַלענע, נאָר א געווער פאר אומברענגען געזונטע, פיזיש און מאָראַליש פעסטע אידן...

און נאָמבערג האָט דעמאָלט געשריבן איין ארטיקל נאָכן צווייטן וועגן אָט דעם ש וו א ר צ ן וו אָ ר ט, וואָס גייט אום איבער די אידישע קאָלאָניעס ווי דער מלאך המות מיט זיין קאָסע און פאַרשניידט לעבעדיקע געזונטע אברים פונעם אידישן פאָלק. און אז די איקא־דירעקציע האָט געשוויגן, ווי שטענדיק, נישט נעמענדיק אין אכט די שאַרפע רייד פון דער אידישער פּרעסע, איגנאָרירנדיק די עפנטלעכע מיינונג, האָט נאָמבערג אָנגעשריבן זיין ביז גאָר שאַרפן ארטיקל: „און די איקא שווייגט!”

עס איז דעמאָלט געוואָרן נישט צו דערקענען נאָמבערגן. א קעמפערישער גייסט האָט זיך אין אים באַזעצט, פאַרשוואונדן איז ערגעץ דער ליריקער פון דער אידישער האַלב־אינטעליגענץ און פון אירע ספקות און בענקענישן, פאַרשוואונדן איז דער קלוגער שאָפּענהויערישער אויסטייטשער פון פּרצן און אויף זיין אָרט איז פאר אונדז אויסגעוואַקסן א מוראדיקער עקשן, וואָס איז גרייט פאר זיין אמת אומצוקומען. דער מענטש מיט די איינגעפאַלענע געלבלעכע באַקן און אויסגעשטאַרצטע גרויסע און גרויע אויגן, וואָס האָט געמאכט דעם איינ־

דרוק פון אַ אומדערזעטיקטן געגנוס־גיריקן פאַרצערער, וואָס ווערט אין דער זעלבער צייט אַליין פאַרצערט פון אַן אַלמעכטיקן איבער אַלץ און אַלעמען שטייענדיקן געניסער, האָט מיטאַמאָל באַקומען די געשטאַלט פון אַ ברייטפּלייציקן אין דער ערד איינגעוואַקסענעם גבור, וואָס רעדט מיט דעם מויל פון דער ערד און אירע באַארבעטער, די אָרנטלעכסטע און די גערעכטסטע פון דער וועלט. גערעדט האָט ער מיט דער תקיפות פון לוי יצחק דעם באַרדיטשעווער, ווען ער האָט געמאָנט גערעכטיקייט ביים רבונו של עולם פאַר דעם פאָלק ישראל; „לא אזוז ממקומי”, איך וועל מיך פונעם אָרט נישט רירן, די איקא איז מיר שולדיק אַן ענטפער...

6.

דעמאָלט איז עס געווען, ווען איינער אַן עקשן פון דער אידייע, וואָס האָט זי גענומען פּראַקטיצירן אויף דער ערד פון דעם באַראָן הירש אין דער קאָלאָניע מאַוריציאָ זינט איר אַנטשטייאונג און איז געוואָרן איר באַזינגער און באַקלאָגער; איינער פון די וואָס האָט די אידייע גענומען דירעקט ביי יצחק בער לעווינזאָן און ביי זיינע תלמידים די משכילים און האָט זי דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ מצווה מעשית מיט דער פרומקייט פון אַ פּראָזעליט און מיט דער עקשנות פון אַ פּיאָנער; איינער פון די וואָס האָט זיין רעכט אויף דער נחלה זיינער ממש מיט ציין און מיט נעגל אַרויסגעריסן ביי דער איקא און זיך געקלאַמערט אָן איר ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, האָט אים געטרייסט, נאָמבערגן, מיט זיינעם אַ בוך, מיט אַ ביישטראָג פון דער מאַמע ערד דער אידישער ליטעראַטור.

מרדכי אַלפּערסאָן הייסט ער, אָט דער עקשן פון דעם מעכטיקן ביי אידן אידעאַל פון עבודת האדמה, וואָס האָט אים אָט דאָס בוך אונטערגעטראָגן. אַ שמעקנדיק בוך איז עס; עס שמעקט מיט דעם „ריח השדה אשר ברכו אדוני”, מיט דעם שטאַרקן פעלד־ריח, וואָס איז דערפאַר אַזוי שטאַרק, ווייל עס זאַפּט אין זיך איין די ריינסטע מענטשלעכע כוונות און שמעקט אויך מיט דער גבורה פון די מאַנאַליטיש

גאַנצע מענטשן, וואָס גיבן זיך איר אָפּ אַן חשבון ביז צום קבר.

א מאָדנע זאַך; די גאַנצע צייט, וואָס נאָמבערג איז דאָ געווען, אַן ערך זעקס חדשים, האָט ער זיך נישט אינטערעסירט כהוא זה מיט דער אָרגאַניזירטער באַוועגונג פון די אידישע קאָלאָניסטן און זייער קאַמף מיט דער איקא, גלייך זי וואָלט פאַר אים נישט עקזיסטירט. איז עס געווען דערפאַר וואָס ער האָט געגלויבט אין דער קראַפט פון דעם יחיד מער ווי אין דער קראַפט פון דעם כלל, אין דעם ווירקנדיקן כוח פון דער אינטעליגענץ, פון דעם וואָרט? נאָר דער פאַקט איז, אז ער האָט די קאָלאָניסטישע אָרגאַניזאַציע איגנאָרירט. נאָר גענומען האָט ער מיט זיך מרדכי אַלפּערסאָנס בוך „חורבן מאוריציא” און האָט דאָס איבערגעדרוקט אין בערלין מיט זיינעם א פאָרוואָרט אונטערן טיטל „30 יאָר איקא־קאָלאָניזאַציע”.

געוואָלט האָט ער דערמיט באַשטעטיקן זיין אידייע פון „נילי”, ווי גרויס עס איז דער כוח פון דעם נצח ישראל, וואָס איז גובר אַלע שטערונגען וואָס ווערן איר געשטעלט אין וועג. נאָר נאָך שטאַרקער, קענטיק, איז געווען די סביבה פון דער באָהעמע, אין וועלכע ה. ד. נאָמבערג איז געווען פאַרמשפּעט צו לעבן, די סביבה פון דער אינטע־ליגענץ מיט דעם געפּענטעטן ווילן און פון דער קונסט, וואָס אַנטלויפט פון דער ווירקלעכקייט און האסט זי ווי איר ערגסטן שונא.

מיט מיינע שורות דאָ בין איך אויסן געווען אַרויסצוראַטעווען פון דער אָנגענומענער נאָמבערג־געשטאַלט דאָס מענטשלעך קרעפטיקע און געזונטע, וואָס זי האָט אין זיך געהאַט און האָט זיך אַמשטאַרקסטן אַנטפּלעקט בעת זיין אויפהאַלט דאָ צווישן אונדז.

דער הומאַניסט אברהם רייזען

עס טרעפט איר לויפט ארויס פון שטוב א פארדאגהטער, א פאר־כמורעטער, מיט א פארדרוס אין הארצן, איר כאַפּט אייך ארויף אזעל־כער אויפן טראַמוויי, וואו די ענגשאַפט פארגרעסערט נאָך מער אייער פארדרוס... נאָר אַט כאַפּט אויף אייער בליק א פרוי מיט א קינד אויף די הענט. דאָס קינד, א מלאכל מיט בלויע אייגעלעך, פארקוקט זיך אויף א פארשוין, פארייסט דאָס קעפל און קוקט אים גלייך אריין אין די אויגן, די מוטער צעשמייכלט זיך און איר... איר כאַפּט זיך ערשט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, אז איר שטייט און שמייכלט, אז איר האָט פארגעסן אייערע דאגות, אייערע פארדרוסן, און אז אויף אייך זיינען אָנגעשטעלט בליקן, וואָס קוקן דאכט זיך און וואונדערן זיך, וואָס איז מיט דעם מענטשן געשען, וואָס ער איז אזוי צעשיינט און צעשמייכלט!...

אָדער, איר זיצט אין דער היים, אין א נישט פארנומענעם אָוונט, אין א נישט געהייצטער שטוב, קיין געסט קומען נישט צו אייך אָדער גאָר איז געקומען א גאסט, וואָס איר זענט אים נישט גערן. איז אויב איר האָט א וויקטראָלע אָדער א פשוטן גראַמאָפאָן, זוכט איר אויס אַן אַלטע „דיסקע" מיט שובערטס א „ליד" אָדער שומאַנס „רעווע־רי" און איר לאָזט זי זיך דרייען. דרייט זי זיך און וויגט אייך און פאר־פירט אייך ערגעץ צו גוטע, געמיטלעכע מענטשן און גוטע געמיטלעכע צייטן און, אויב איר הויבט אייך נישט אויף צו מאַכן א פאָר וואַל־צער־טריט, בלייבט איר זיצן א פארקלערטער, א פארטראָגענער צו יענע

מענטשן און צייטן, איר בלייבט זיצן און גענים פון יענער געמיטלעכ־
קייט, וואָס האָט זיך ביי אייך אין הארצן באזעצט אויף לאנג לאנג...

און איך, אז איך פיל מיך אמאָל אזוי, א פארדאגהטער, א פאר־
כמורעטער, מיט פארדרוסן אין הארצן, כאפ איך מיך צו אברהם
רייזענס א דערציילונג און דווקא פון די לעצטע, פון די וואָס ער דער־
ציילט, דאכט זיך, איבער צום ווּיפלטן מאָל און וואָס איך אליין האָב
זי שוין געלייענט צום ווּיפלטן מאָל; נישט אזוי פיל מאָל וויפל מאָל
איך האָב געהערט שפּילן דעם „בלויען דונאי”, נאָר געגוג מאָל, אז מען
זאָל מיך באטראכטן פאר א פארפאלענעם ראָמאנטיקער, פאר א ראָ־
מאנטיקער, וואָס איז פארליבט און פארבענקט נאָך די אלטע קיידאָ־
נאָווער שטיבלעך, מיט דעם מארק און מיט די סעדער ארום, מיט די
גראָשנדיקע תבואה־הענדלער און פלאקס הענדלער און זייערע ווייבער
די אשת חילס, וואָס האָווען א גאנצן טאָג און טענהן זיך אוים מיט די
פויערישע קונדן; אז איך בין פארליבט אין די קיידאנאָווער פיעכאָט־
נע מגידים, אין אירע אויפגעקלערטע טאטעס און געראָטענע זין, וואָס
נעמען זיך פונאנדערפאָרן איבער דער וועלט, אין די גרויסע שטעט,
לאָזן זי איבער אויף גאָט באראָט און אז זיי קומען צוריק צו גאסט,
טרעפן זיי זי אזא זוניקע ערב פסחדיקע, ווי זי וואָלט זיך פון שלאָף
אויפגעהויבן און זיך אויסגענעצט.

זאָל איך אייך שווערן, אז איך בין נישט קיין ראָמאנטיקער? אז
איך בין נישט פארליבט אין קיידאנאָוו און אירע אמאָליקע פרנסות,
פונקט ווי איך בין נישט פארליבט אין מיין גראָסעלעם מיט אירע אמאָ־
ליקע פרנסות, כאָטשע איך גענים אמאָל אין זכרון פון אירע זומער־
דיקע פעלדער מיט ימים גאָלדענעם זאנג און פון אירע ווינשל־סע־
דער און פון מיין אייגענער יוגנט, וואָס האָט זיך אזוי זאָרגלאָז גע־
באָדן אין אירע טיפע גראָזן און זוניקער ברייטקייט און אויך אזוי זאָרג־
לאָז זי פארלאָזט? איך בין נישט קיין ראָמאנטיקער און אויך רייזען
איז נישט קיין ראָמאנטיקער. איך האָב, ווי ער, פארלאָזט מיין טאַ־
טנס הויז, דאָס הויז פון מיין אָרימען אויפגעקלערטן טאטן, מיט זיין
נעזינט זאלבע אכט, און מיך באהעפט צו די וואָס בויען די נייע וועלט,
וואָס גייען צו די נייע צייטן מיט זייערע נייע פייגל; ווי אים האָבן

מיך געשראָקן די קירכן־גלאָקן און ווי ער, האָב איך באוואונדערט די קעפּ פון יענע דענקער, וואָס בויגן זיך נישט, ווען אפילו זיי פאַלן אונ־טער דער האַק פון די הענקער און האָב געהערט מיט פרייד די גלע־קער, וואָס וועקן די וועלט פון אַלע עקן, — און ווי ער, האָב איך געזען הוליען די בייזע ווינטן און געוואוסט, אַז זומער איז נישט ווייט...

צוזאַמען מיט אים, איך אַליין אַ פּראָווינציקער אין העברעיש און אידיש, האָב איך געזען אויפקומען דעם נייעם ליטעראַרישן גערעטע־ניש, אַ פאַרזייטן פון מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם; אַ גערעטעניש, נישט ווי היינטיקע זעען אים, אין דער געשטאַלט פון עטלעכע שטאַ־מען אַרויסגעוואַקסענע, צווישן וועלכע אברהם רייזען זעט זיך אָן גראָד מיט זיין ענלעכקייט צו די קלאַסיקער אונדזערע, נאָר ממש אַ גערעטע־ניש, „מאה שערים", אַ הונדערטפאַכיקע, וואָס האָט זיך פון דאָרט צע־שפּרייט איבער די גרויסע שטעט פון דער תפוצת ישראל און האָט גע־שאַפן אונדזערע צייטונגען און פול געמאַכט אונדזערע ביבליאָטעקן, אונדזער ליטעראַרישן וואַלד מיט זיינע שטאַמען און שטאַמעלעך, מיט זיינע צווייגן און צווייגעלעך, און געזען האָב איך אים פאַרקויפן זיינע לידער און דערציילונגען פאַר גראָשנס, אַ גראָשן פאַר אַ שורה, אַ גראָשן פאַר אַ שורה, און פאַר די גראָשנס נישט נאָר לעבן אויף טיי מיט הע־רינג, נאָר אויך זאַמלביכער אַרויסגעבן: יום־טוב־בלעטער, „דאָס צוואַנ־ציקסטע יאָרהונדערט", „דאָס אידישע וואָרט", „די נייע וועלט", „קונסט און לעבן", די „אייראָפּעישע ליטעראַטור", אַליין געשריבן, קאָרעגירט און געזאָרגט פאַר זייער עקזיסטענץ..

דאָס איז אויך ראָמאַנטיק, וועט איר זאָגן; אָבער, וואָס פאַר אַ ראָמאַנטיק! ס'איז די ראָמאַנטיק פון גאָרקיס „שטורם־פויגל", פון די וואָס גיבן זיך איבער דער סטיכיע פון שאַפן און פאַרזינקען אין איר אָן מאָס און אָן חשבון און נאָר מיט דער פרייד פון זייער זינקען אויף דעם גאַנצן לעבן זייערן. דאָ האָט איר אים אברהם רייזען, דעם זינגער און דערציילער, דעם 70 יעריקן, וואָס האָט, נישט ציילנדיק זיינע טעג און יאָרן, זיי אוועקגעגעבן דער אידישער ליטעראַטור, איז אַליין דער־ביי אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעזעענעם שטאַם אירן, וואָס גערייעט מיט דער זאַפט פון אידישע דורות לעבן און מיט דער זאַפט פון דער אי־

דישער שפּראַך, פון איר קלאַנג און ריטם, וואָס האָט אים דורכגע-דרונגען, ווי גאַנץ ווייניקע פון די אידישע דיכטער.

אברהם רייזען איז דער ראָמאַנטיקער פון אידיש, פון דער אידי־שער פאָלקס שפּראַך, פון די אידישע פאָלקס מענטשן, וואָס ער זינגט זיי אויס, זייער אָרים לעבן, וואָס איז אַזוי רייך מיט ליבע, מיט פשוטער מענטשן-ליבע, מיט מילדקייט און הארציקייט, מיט חלומות פון א שיינער זוניקער וועלט; ער זינגט אויס זייער לעבן אין זייער שפּראַך, דער אידישער, אין וועלכער זיי האָבן זייער מידות טובות געלערנט, זייער פרייד און טרויער ארויסגעזונגען און ער הערט זי פליסן ווי א לעבעדיקן קוואַל א ריזלדיקן, פון וואַנען ער אליין טרינקט און גיט אָנצוטרינקען יעדן איינעם.

און איך אליין, אַן ארויסגעוואַקסענער און צוזאַמענגעוואַקסענער מיט די פאָלקס מענטשן, מיט זייערע ליבע און הארציקייט, מיט זיי־ער געזאַנג און חלומות, איך וואָס איך האָב געטרונקען פון דעם ריזל־דיקן לעבעדיקן קוואַל פון דער אידישער שפּראַך און איך פיל אין זיך איר מילדן געוויג ווי איר געבייזער, איר חומשדיקן עפּאָס און אַקדמות־דיקע פּאַטעטיק, ווי עס פילט זי אברהם רייזען, מישט איך דעריבער אויף א רייזעניש ליד און א רייזענישע דערציילונג, ווען איך זוכט א א געמיטלעכע שעה, א שעה פון מילדער פאָלקסטימלעבקייט, א שעה פון פשוטער מענטשלעכקייט.

איך ווילט אייך דערמאָנען אָן אייער טאַטנס שטוב, דער אָרימער, דער אויפגעקלערטער אָדער האַלב אויפגעקלערטער, אָן אייער פרומער אָדער האלב-פרומער מאַמע און איר הארציקייט וואָס איר האָט סיינ־מאָל נישט געזען ווען זי עסט, ווייל אַלץ טוט זי פאַר איר מאַן און אירע קינדער, מוזט איר אויפמישן רייזענען. איך ווילט אייך דערמאָ־נען אָן די ערשטע טריט, וואָס איר האָט געשטעלט אין דער בייזער אומבאַקאַנטער וועלט און אין דעם קאַמף צו מאַכן זי ליבער און בע-סער און פריינטלעכער, צו קענען אויסשטרעקן א האַנט יעדן איי־נעם, א צוטרוילעכער, און אים רופן חבר, און איך מישט ווידער אויף אברהם רייזען. איך ווילט זען די טריט פון דער אידישער ליטעראַ־טור אין דער ברייטער וועלט אריין און ווידער מוזט איך זיך דער-

מאַנען אַן דעם וועג פון אַט דעם שרייבער, וואָס האָט ווי זיין צעזונ־גענער ישיבה־בחור „געגעסן טעג און געשלונגען טרערן און געשלאָפן אויפן פויסט דעם הארטן" און געטראָגן דאָס אידישע וואָרט, דאָס פּראָגרעסיווע, דאָס וועלטלעכע, צווישן די נייע אידישע ישובים, די אמעריקאנישע און אויך צווישן די אלטע אייראָפּעישע, וואו ער האָט דאָס אידישע וואָרט ווידער געלאָזט הערן נאָכדעם ווי דאָס איז דאָרט פארשטומט געוואָרן אונטער די טריט פון דער אסימילאציע.

און אַט וואָס נאָך: איך טראכט, אז פּונקט ווי מיר נויטיקן זיך אזוי אין דעם ריינעם בליק פון א קינד, וואָס זאָל אונדז צוריקקערן אונדזער געמיט, אונדזער שמייכל, אונדזער פרייד, וואָס זאָל אויסליי־טערן אונדזער פארכמורעטן פּנים און אָפּווישן פון אונדזער הארצן דאגות און פארדרוסן, אזוי נויטיקן מיר זיך בכלל אין א בליק טאָן פון צייט צו צייט אין די שריפטן פון אונדזער ליטעראַרישער קינד־הייט, באזונדערס אין דער ליטעראַטור פון אונדזערע הומאַניסטישע שריפטשטעלער.

פּעדאגאָגן, לערער, וואָס האָבן פאר די אויגן שטענדיק די קינ־דער־וועלט, האָבן שוין לאנג פארשטאַנען דעם ווערט פון די שרייבער־הומאניסטן פאר דער דערציונג פון די אויפקומענדיקע דורות און זיי שעפּן פון דאָרט אוצרות גוסטקייט און מענטשלעכע שיינקייט פאר די ברעסטאַמאטיעס, וואָס דינען די קינדער ווי לייען־מאטעריאַל און ווי מוסטערן פון מענטשלעכער שאפונג. ווי נאָר אָבער דאָס קינד פאר־לאָזט די שול, אזוי לאָזט מען אים פריי ארוים אויפן ביכער־מארק איינהאנדלען פאר זיך גייסטיקע שפּייז, און דער ביכער־מארק אין אונדזערע לענדער און אין אונדזערע צייטן איז אויך א פרייער, א נישט קאָנטראָלירטער, פריי פאר די „בלומען פון בייז" און קאַבארעט־ראָמאנען פון די פארשידנסטע ריחות און מינים, און ער זעטיקט מיט זיי זיין גייסטיקן מאָגן ביז דער טיפער עלטער.

עס וואָלט דעריבער נישט געשאדט, אז אין די לענדער מיט א פרייען ביכער־מארק, זאָלן געבילדעטע ווערן פּעדאגאָגישע ראטן פאר דערוואקסענע, וואָס זאָלן זיי ראָטן וואָס צו לייענען. פון אייגענער פּראקטיק, וואָלט איך דעריבער געראָטן אידישע לייענער פון צייט צו

צייט לייענען רייזענען, פונקט ווי עס איז נייטיק צו לייענען שלום עליכמען. עס מאַכט נישט אויס וואָס מיר האָבן שוין אויסגעלייענט גאַנץ רייזען און גאַנץ שלום עליכם. מען קען זיי ביידן לייענען און איבערלייענען אומויפהערלעכע מאָל און פילן אין זיי דעם זעלביקן גענוס און דער עיקר די זעלבע גוטע ווירקונג אויף אונדזער געמיט, עלעהיי מיר נעמען פאַר א רפואה דעם זעלבן טאָניק, וואָס דאָקטוירים פאַרשרייבן אונדז.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, דאָס לאַנד וואו אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן, דאָס לאַנד פון די גרויסע שרייבער, וואָס פון זייערע הומאַני-שע ווערק האָט אברהם רייזען גענערט זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט און זיין ליטעראַרישע טענדענץ, די הומאַניסטישע, דאָס לאַנד פון טאָלס-טאָי, טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי, פון קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו און גאָרקי און פון הונדערטער נייע שרייבער, וואָס גייען אין זייערע וועגן. אין 1928 האָט רייזען געמאַכט א באַזוך אין יענעם לאַנד, נאָך איבער צוואַנציק יאָר זיין אין אויסלאַנד און איבערהויפּט אין אמעריקע. מען האָט אים דאָרט אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, ווייל ער איז דאָרט אַן אייגענער, ווייל ער האָט איינגעהיט זייערע שרייבערישע טראַדי-ציעס אויך אין דער פרעמד און ווייל געפאָרן איז ער אַהין כדי אין דער נאָענטקייט מיט דער נייעם הומאַניזם, וואָס איז דאָרט אויפגעקו-מען און מיט דער נייער ליטעראַטור, וואָס קולטיווירט אָט דעם ליטע-ראַרישן וועג, שעפּן נייעם סטימול פאַר ווייטערדיקן שאַפן.

נישט באַשערט איז אים געווען אָט דעם סטימול אויסצונוצן ביי זיין צוריקקומען קיין אמעריקע. גראָד דעמאָלט האָט דער בייזער גייסט פון דער אידישער אמעריקע, וואָס קאָנטראָלירט די אידישע שע-פערישקייט, די אידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אויף דינסט ביים דאָלאַר, אָפּגעשניטן אברהם רייזענען דעם וועג צום ווייטערדיקן שאַפן, צו באַנייונג. נאָר דער אַלטער אברהם רייזען איז פאַרבליבן דער זעל-בער: דער הומאַנישער אידישער שרייבער אין אמעריקע, וואָס ציט זיין שורש פון די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער, א יונגערער ברו-דער פון די אידישע קלאַסיקער, פון מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם און א טרייסט פאַר דערוואַקסענע אידן, פאַרדאַגהטע און פאַרכמורע-

טע, וואָס ווילן האָבן א שעה פון געמיטלעכקייט פון קינדערישער לוי־טערקייט.

ווערכער אידישער קריטיקער איז דאָס געווען, וואָס האָט באַצייכנט אברהם רייזענען אלס דעם אָרימען קבצנישן דיכטער מיט די קנייטשן! האלט ער נאָך אויך איצט אזוי? קיינער קען דאָס אים נישט מוחל זיין, אפילו ווען מען טראַכט זיך איין אין יענער צייט, ווען די מגפה פון עסטעטיזם האָט דעם קריטיקער אריינגעכאפּט אין אירע נעצן. און דער קריטיקער אליין, דאכט זיך, קען זיך דאָס איצט נישט מוחל זיין, פונקט ווי ער איז זיך נישט מוחל זיינע זינד בנוגע דעם גרעסטן פון אונדזערע הומאָריסטן, שלום עליכם, דעם עלטערן ברודער־שרייבער פון אברהם רייזען.

דוד פּינסקי - דער אידייען־מענטש

ביים קלאַסיפיצירן די אידישע ליטעראַטור, איז מען געוואוינט ארויסצורריידן אין איין אָטעם די נעמען פון דוד פּינסקי און אברהם רייזען. דאָס איז דערפאר וואָס ביידע האָבן זיי אָנגעהויבן שרייבן אין איין צייט, ביידע האָבן זיי אין איין צייט פארבראכט אין ווארשע — די מעקא פון דער אידישער ליטעראטור אין יענער צייט, וואָס אין איר מיט איז געווען די פּרץ־שטוב — און ביידע האָבן זיי גענאָסן פון פּרצעס אויפמערקזאמקייט צוזאמען מיט ה. ד. נאָמבערג און שלום אש. ביידע אויך זיינען דאָרט געשטאַנען נאָענט צו דער אידישער אר־בעטער־באוועגונג, כאָטשע געדרוקט האָבן זיי זיך אין ציוניסטישן „יוד", וואָס האָט געהאַט סימפּאַטיעס צו אידיש און אידישער ליטעראַ־טור, אין „אחיאָסף", וואָס האָט קאָנקורירט מיטן דעם „יוד" איבער דער נייער אידישער לייענערשאפט, וואָס איז אָנגעוואקסן א דאנק דעם אויפקום פון די אידישע בילדונג־קרייזלעך צווישן די ארבעטער, אין וועלכע עס זיינען טעטיק געווען פּרץ און זיינע דערמאָנטע תלמי־דים, ווי א גאנצע ריי אידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט סימפּאטיזירט מיט דער אידישער ארבעטערשאפט. פּינסקין מיט רייזענען האָט אויך פארבונדן דאָס וואָס ביידע זיינען זיי געווען „גרים" אין ווארשע; גע־קומענע פון ווייסרוסלאנד, „ליטוואקעס", אזוי צו זאָגן, וואָס האָבן צו־זאמען געפילט די פרעמד און דעם עלנט פון דער גרויסער שטאָט און דערפאר זיך געטוליעט איינער צום צווייטן און צוזאמען האָבן זיי זיך געטוליעט צו פּרצן און צו דער אידישער ליטעראטור, אייפערנדיק אי־

בער דער פאַרליבע פון פרצן צו זיינע „פוילישע" תלמידים, נאָמבערג און אש.

די פאַרשידנקייט, אָבער, צווישן אברהם רייזען און דוד פינסקי שפּרינגט פאר די אויגן טאַקע אין דעם אויגנבליק, ווי מען רעדט ארויס צוזאמען זייערע נעמען. רייזען, א מענטש אן אָרגאַנישער, א מאַנאָלי־טישער, אן אויסגעוואקסענער אין א שטוב פון אידישע פאָלקסמענטשן און מיט זיי צוזאמענגעבונדן, פון זייער שטילקייט און באשיידנקייט געטרונקען און אָט די פאָלקסטימלעכע שטילקייט און באשיידנקייט האָט ער אָרגאַניש געטראָגן אין זיך און זי אריבערגעטראָגן אין דער נייער סביבה, צווישן פויליש־אידישע פאָלקס מענטשן און ארבעטער. ער האָט זיי באלד ליב באקומען זיי און זייער פוילישן אידיש אין וועלכן זיי גיסן אריין זייערע זיסלעך סענטימענטאלע באציונגען וואָס ער האָט אין זיין שטעטל נישט געזען. ביי רייזענען אן א ר ב ע ט ע ר־ ט ע ע מ ע מיינט באווייזן ווי ארבעטער לעבן צווישן זיך און עס באקומט זיך ביי אים א דערציילונג אָדער א סצענע פון אידילישן צוזאמענלעבן אין וועלכן אחוץ אָרימקייט, קומט נאָך צו די אָפפער־וויליקייט, דער אידעאליזם, דער הומאניזם אויסגעברייטערט פון דער משפחה אויף דער חברים־גרופע, אויף דער פארטיי־קרובהשאפט, אויף די פארטיי־זאַרגן. און די פארטיי, ביי אים, איז גאַרנישט אזוי ווייט פון דער משפחה. איטשע אָדער לייבוש האָט חתונה געהאט, קומט ער נישט צווישן די חברים און עס שאפט זיך א פארטיי־פּראָבלעם, פונקט ווי עס שאפט זיך א פּראָבלעם אין דער משפחה, ווען דער טאטע פאָרט אוועק זוכן פרנסה אין אן אנדער שטעטל אָדער גאָר אין אן אנדער גובערניע אָדער ווען מען גיט אָפּ א זון א שפּייזער פאר א זעלנער...

רייזען האָט זיך בלויז איבערגעצויגן פיזיש פון איין סביבה אין דער צווייטער און ער איז אין איר באלד היימיש געוואָרן, ווייל ער האָט די סביבה פארהיימישט צו זיך.

פינסקי, פארקערט, איז צו דער ארבעטערשאפט א ר יי נ ג ע־ ש פּ ר ו נ ג ע ן. נישט אריבערגעצויגן זיך, נאָר אריינגעשפּרונגען און נישט אין זייער סביבה, אין זייערע פארייינען און וואוינונגען, נאָר אין זייער אידייען־וועלט. און ארבעטער־טעמע מיינט ביי דוד פינסקי

אן אידייען־שטרייט צווישן דעם ארבעטער מיט זיין באַלעבאָס. ער איז בכלל און בטבע אן אידייען־מענטש און אויך אין די אידייען שפרינגט ער אריין. ער פּאָלעמיזירט מיט יענעם און מיט זיך אליין; פון דער פּאָלעמיק מיט יענעם, שאפט ער דערציילונגען און פון דער פּאָלעמיק מיט זיך שאפט ער דראמען.

אָנגעהויבן האָט ער מיט זשורנאַליסטישער און פּובליציסטישער פּאָלעמיק: מיט א סאטיריש־הומאָריסטישן פעליעטאָן „אויף דער פּראָווינץ" און מיט א קריטישן ארטיקל קעגן דעם פרומען העברעישן היסטאָריקער זאב יעבץ און ווען ער איז איבערגעגאַנגען אף דערציילונגען, האָט ער אין זיי פּאָלעמיזירט מיט די באַלעבאַטים, מיט די פרומאַקעס, מיט די ציוניסטן און העברעיסטן. פּאָלעמיזירט און אויך פּראָטעסטירט. ער איז טאַקע דעריבער תיכף אריין אין די קאָנספּיראַטיווע קרייזן פון דער ארבעטערשאפט און געשטעלט זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט צו דינסט דער ארבעטער־זאַך. ווי אן אפּיקורס, האָט ד. פּינסקי געשריבן קעגן די פרומאַקעס, פאַר בילדונג און וויסנשאפט („דראַבקין", „יום כיפּור"), און אפילו באַוויזן צו איבערצייגן דעם שיינעם אידן „ר' שלמה", דעם באַלעבאָס, דעם למדן און יחסן, ער זאָל היימיש ווערן מיט די פּשוטע באַלמעלאָכעס; ווי א סאָציאַליסט, האָט ער אַגיטירט קעגן די באַלעבאַטים („חיים דער משרת"); ווי אן אנטיציוניסט און אנטי־העברעיסט געגרינדעט די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" אין ווייסרוסלאַנד (1895) און ארבעט מיט ח. זשיטלאָווסקי אין דער שווייץ נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897, פאַר אידיש. ער איז דער טיכטיקסטער מיטארבעטער אין פּרצס „יום-טוב־בלעטלעך".

פּינסקי איז ביז די לעצטע טעג, ביז זיין 70טן לעבנס־יאָר, א פּאַרטיי-מענטש, וואָס דאָס מיינט, אן אידייען-מענטש און אזא אויך איז זיין ליטעראַרישער שאפן פון אָנהויב ביזן סוף. מער נישט, אין טייל פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען איז אָפּגעשפּיגלט זיין פּאַרטייאישער אידייען־גאַנג אָדער זיינע אינערלעכע פּאַרטיי־קאָנפליקטן און אין אנדערע פּאַרטראָגט ער זיין געדאַנק און זיינע אינערלעכע קאָנפליקטן ווייט פון דער פּאַרטייען־ארענע. צו די ערשטע געהערן די שוין דערמאָנטע דערציילונגען און זיינע דראַמאַטישע ווערק: „יסורים", „אייזיק שעפּ-

טל״, „פאמיליע צבי״, „די מוטער״, „יאנקל דער שמיד״, „דער אוצר״, „איסאק פיניעוו״. צו די צווייטע געהערן: „יעדער מיט זיין גאָט״, „גאברי און די פרויען״, „די קרומע וועגן פון ליבע״, „דער לעצטער סך הכל״, „דער אייביקער איד״, אָדער „דער פרעמדער״, „דער שטור־מער משיח״, „נינא מארדען״ און זיינע היסטאָריש-ראָמאַנטישע דער־ציילונגען און סצענישע סקיצן: „זרובבל״, „די נסיונות פון רבי עקיבא״, „ברוריה״, „שלמה המלכס טויזנט ווייבער״ און זיין ראָמאַן „דער צע־ריסענער מענטש״.

פאַראַן איז פון דעסט וועגן איינער א שטריך, וואָס איז אייגן פאר אלע פינסקיס ווערק. אלעמען שניידט זיי דורך דער זעלבער ביאָ־לאָגישער קאָנצעפּט, וואָס אין די לעצטע איז ער בלויז באפרייט פון די סאָציאַלע פּענטעס, אין וועלכע דער מחבר האָט זיי אָנגעטאָן, אָדער ער נעמט פון זיי אראָפּ די אָריגינעלע סאָציאַלע פּענטעס און טוט זיי אָן אנדערע, אָנשטאָט קלאַסאָווע, טוט ער זיי אָן נאַציאָנאַלע. שוין אין זיינע ערשטע דערציילונגען, זיינען די ארבעטער פיזיש געזונטע, בעת די באלעבאַטים זיינען מענטשן מיט א מיחוש און עס מאכט דעם איינדרוק ווי די איבערצייגונגען ביי די ארבעטער דרינגען ארויס מער פון זייער פיזישער גבורה ווי פון זייער קלאַסן-באַוואוסטזיין.

אמשטאַרקסטן איז בולט אָט דער ביאָלאָגישער קאָנצעפּט אין „יאנקל דער שמיד״. יאנקל, דער ארבעטער, איז א יונג מיט ביינער, אלע ווייבלעך ווערן נאָך אים די כפרה, ער ליבט היים און שטורמיש, ער זינגט און טאנצט און באהערשט מיט זיין מעכטיקער פיזישער פּערזענלעכקייט; אויך זיין באַלעבאָס, דער שמיד, איז א געזונטער מענטש מיט א נאַטירלעכער אינטעליגענץ; זיין ריוואל, דער מאן פון דעם ווייבל, וואָס לויפט אים נאָך, איז א בית מדרשניק, א קרעמערל, איז א גאָרנישט, א מעגעגע, הוילע מיחוש; די באלעבאַטישע יתומה, אין וועלכער יאנקל איז פארליבט, ווייסן מיר נישט, צי איז זי פאר־ליבט אין יאַנקלס כאַראַקטער-גאַנצקייט פון אן ארבעטס-מענטשן אָדער אין זיין מענערישער גבורה, צי גאָר אין דיביידע אייגנשאַפטן צוזאמען און עס ווערט אזוי ארום פארטושט דער גאַנצער סאָציאַלער קאָנצעפּט פון דער דראַמע צוליב אָט דעם פּרימיטיוון ביאָלאָגישן צו־

גאַנג פון דוד פּינסקי צו דער קלאַסן-כאַראַקטעריסטיק פון זיינע פאַר-שוינען. דאָס אייגענע איז מיט דעם פּרויען־פּערסאָנאַזש. די ערשטע געליבטע יאַנקלס, די שינקאַרקע, איז א יצר הרע־ווייבל, א ברען, די באַלעבאַטישע יתומה אין וועלכער ער פאַרליבט זיך איז א טויב, א וואָרקענדיקע טויב, און יאַנקלען, הייסט עס, ציט צו דער באַלעבאַטישער טאָכטער. וואָס פאַר א מין סאָציאַלע דראַמע קומט דאָ אַלזאָ, פאַר? צי האָבן זיך דאָ נישט א קער געטאָן ביי דעם דראַמאַטורג גופא, די סאָציאַלע סימפּאַטיעס אין אַן אַנדער זייט?

דער ענטפער דערויף איז א פּשוטער: דער מחבר, אַן אָרגאַניש נישט איינגעוואַקסענער אין דער סביבה פון די אַרבעטס-מענטשן, אַ־ דייאיש בלויז אַן אַריינגעשפּרונגענער אין איר, איז פון איין זייט פאַר־ כאַפּט פון דער ביאָלאָגישער אויסערלעכקייט פון די קלאַסן און פון דער צווייטער זייט איז אים אַזוי גרינג אידייאיש אַרויסצושפּרינגען פון דער סביבה, ווי ער איז אין איר אַריינגעשפּרונגען. פּינסקיס אינער־ לעכע אידייען-קאָנפליקטן הויבן זיך אָן ביי אים באַלד נאָכן קעשע-נעווער פּאָגראָם (1902), אונטערן איינדרוק פון דעם פּאָגראָם, שרייבט ער אָן זיין באַרימטע דראַמע „פאַמיליע צבי", אויף דער באַזע פון דער לעגענדאַרישער פיגור פון דעם אַלטן שמש משה וואָס איז אומגעקו־ מען בעת ער איז אַריין אין דער ברענענדיקער שול ראַטעווען די ספר תורה.

אין היינטיקער צייט וואָלט אַזאַ העלדישקייט באַגאַנגען אפילו א איד אַן אפּיקורס, מחמת אין דער וואַנדאַלישער לעסטערונג פון דער אידישער הייליקייט, וואָלט ער געזען דעם וואַנדאַל, וואָס לעסטערט דערמיט דאָס אידישע פאָלק און בכלל דעם מענטשן און אַלץ, וואָס איז אים הייליק. אין יענער צייט פון פּראָזעליטישער אפּיקורסות, וואָס האָט ראַדיקאַל געבראָכן די נאָרד־אַמעריקאַנער אידישע געזעל־ שאַפט אויף צוויי טיילן און זיי שאַרף אָפּגעשניטן איינע פון דער צוויי־ טער, באַזונדערס, אין ניו־יאָרק, וואו פּינסקי האָט זיך געפונען זינט 1899 אין די נ. אַמעריקאַנער שטעט מיט זייערע יום־כיפור־בעלער, מיט זייער צו להכעיס־קולט פון עסן טריפה און חמץ אום פּסח, האָט אַזאַ טאַט אַרויסגערופן טיפע פּיעטעט און באַוואונדערונג ביי סענטי-

מענטאַלע מענטשן און נעבראָכן זייערע פּרינציפּן און דאָגמען פון אַפּי-קורסות.

אינעם צאַרישן רוסלאַנד, דאָרט וואו די פּאָגראָמען און די לעס־טערונגען זיינען פאָרגעקומען, איז פּינסקיס „פאַמיליע צבי" אויפגע־נומען געוואָרן מיט דער פולסטער נאַטירלעכקייט גראָד צווישן די פּאַרטיי־קרייזן, וואָס האָבן אין דער העלדישקייט פון משה צבי נישט געזען קיין שום רעליגיעזע רעאַקציע, נאָר א מענטשלעכע און אידישע טאַט, די טאַט פון א גאַנצן אידישן מענטשן. און די פּיעסע איז גע־שפּילט געוואָרן גראָד אין די דראַמאַטישע קרייזן פון די אַרבעטער-פּאַרטייען און איז דערשינען אין א ספּעציעלער אויסגאַבע פון „בונד". אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָט מען דעמאָלט נישט געדינט צום קולט פון צו להכעיסדיקער אַפּיקורסות און מען האָט דעריבער אויך נישט גע־לאָבט די אידישע וואונדן מיט נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעזן באַלזאַם.

אין נאָרד־אַמעריקע, ווי געזאָגט, האָבן די קעשענעווער געשע־ענישן און די וויטערדיקע, וואָס האָבן זיך פאָרענדיקט מיט די פּאָג־ראָמען אין אָדעס און אין א גאַנצער ריי שטעט פון צאַרישן רוסלאַנד אין 1905, פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען ביי דער אי־דישער אינטעליגענץ, און ד. פּינסקי האָט זיך גענומען גליטשן אַלץ נענ־טער צום ציוניזם, ביז ער איז אין 1916 אינגאַנצן אַרויסגעשפּרונגען פון דער בונדישער גרופּע אינעם נאָרד־אַמעריקאַנער סאָציאַליזם און איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם פּועלי-ציוניזם. דאָ דערזעען מיר אים מיטאַמאָל אַן אַנדערן, א נייעם, א דערלייזטן און באַפרייטן פון אַן עול, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן אין דער געשטאַלט פון דער אַרבעטער־טעמע. אין איין צייט דערמיט ווי ער ווערט רעדאַקטאָר פון דעם פּועלי־ציון־אָרגאַן „דער אידישער קעמפער", דערשיינט ער מיט זיינע דראַמען אויף עראָטישע טעמעס „גאַברי און די פרויען", „מיט זיגער פאָנען", „די קרומע וועגן פון ליבע", „נינאַ מאַרדענס ליבעס". די שפּראַך איז דאָ א נייע, א רעטאָרישע, א פּאַטעטישע און די האַנד־לונג ווי די פאַרשוינען, נישט פון דער וועלט, פרעמדע, אויסגעטראַכ־טע. נאָך זיי קומט א ריי משיח-פּיעסן נישט ווייניקער אויסגעטראַכטע

און מיט אַ נישט ווייניקער רעטאָרישער און פּאַטעטישער שפּראַך, ווי ער וואָלט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצורייסן מיט דעם פּשוטן אידישן פאָלקס־מענטשן און מיט זיין פּשוטער אידישער שפּראַך.

אַ קליינעם איבערייס מאַכט ד. פּינסקי אויף אָנצושרייבן אַ „טראַ־געדיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג". די טראַגעדיע פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג, לויט ד. פּינסקי איז די רעוואָלוציע. די טראַגעדיע הויבט זיך ביי אים אָן מיט דער רעוואָלוציע פון 1905, אויף דעם מאָ־מענט ווען זיין אינטעליגענט „אייזיק שעפטל" צענעמט די הענט, ווי אַ באַנקראָטירטער, און זאָגט צו די אַרבעטער: „איך האָב אייך שוין אַלץ געזאָגט, איך האָב אייך מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן"; דער צוויי־טער אַקט פון דער טראַגעדיע איז די ערשטע וועלט־מלחמה דער דריי־טער — די שפּאַלטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער פערד־טער איז די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש און די גרינדונג פון דעם ראַטנפאַרבאַנד.

נאָכדעם ווי ער האָט אין דער טראַגעדיע פאַרחתמעט דעם אומ־קום פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון זיינע אייגענע אַרבעטער־אידעאַלן, נאַטירלעך, האָט זיך פּינסקי ווידער גענומען צו די ווייבער, דאָס מאָל שוין צו די היסטאָרישע. דעמאָלט שרייבט ער אָן דעם אמתן פּערל פון זיינע שאַפונגען אויף דעם געביט: „ברוריה", דער נסיון פון רבי מאיר, וועלכער וויל אויספּרואוון די געטריישאַפט פון זיין ווייב, מיט דער הילף פון זיינע תלמידים, און פאַרשפּילט זי; ווייל צווייפלען איז שוין נישט קיין ליבע. ער נעמט דעמאָלט דרוקן די קאַ־פּיטלען פון אַ גרויס ווערק אונטערן נאָמען „שלמה המלכם טויזנט ווייבער", דאָס לעגענדאַריש רייכע לעבן פון דעם קעניג שלמה און פון זיינע ליבעס.

אָט אַזוי, וואָס ווייטער פון היינט, וואָס ווייטער פון דעם אַרבע־טער־פאָלק, צו וועלכן ער האָט זיך אָפּגעגעבן ווען ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין דער אידישער ליטעראַטור.

ווען מען דערמאָנט היינט אין איין אָטעם אברהם רייזען און דוד

פינסקי, שטעלט זיך באלד אוועק דער גרויסער מהלך צווישן די צוויי ערשטע תלמידים פון מענדעלע, פרץ און שלום עליכם. איינער איז פארבליבן מיט זיי, מיט די קלאסיקער און הומאניסטן פון דער אידישער ליטעראטור, אליין שוין א קלאסיקער פון סטיל און פארם, דער צווייטער — אן אפגעריסענער פון זיי, וואס לאזט זיך אויף פארשיידענע זייטיקע וועגן זוכן ליטעראַרישע אָריגינאַליטעט און עקזאָטיק.

דער נסתר, דער אוקראינער אידישער שרייבער

.1

פון זייט איך האָב אָנגעהויבן קוקן מיט אַ קריטיש אויג אויף אונדזער אידישער ליטעראַטור, האָב איך זי גענומען איינטיילן אין צוויי פּאַראַלעלן: אידן און אידישקייט.

פון איין זייט, די שרייבער אָדער די ביכער, וואָס זייער אינטע־רעס ליגט אַרום דעם גורל פון דעם אידישן פאָלק, פון זיין שטייגער לעבן און זיינע פּרנסות, פון די גזירות און רדיפות, וואָס ער האָט אויסצושטיין, ווי פון די אינעווייניקסטע מחלוקתן זיינע צווישן גבי־רים־תקיפים און עמך דיין פאָלק ישראל, די אָרימע מענטשן, קרעמער און באַלמעלאָכעס; צווישן די מתנגדים מיט די חסידים און צווישן די פרומע אידן מיט די משכילים און אפּיקורסים, וואָס איז אויך אייגנטלעך אַ קאַמף פאַר דעם אידישן גורל, צי זאָלן אידן בלייבן איינגעזשייערט אין די שטעטלעך און נישט זעען די ברייטע ליכטי־קע וועלט, וואָס ציט זיך אַרום זיי, די וועלט פון אַרבעט און פאַרשריט, פון מענטשלעכקייט און אַזוי ווייטער, אָדער אַרויסצורייסן זיך אין דער ליכטיקער וועלט אַריין, אין דער גרויסער שטאָט מיט אירע גרויסע מעגלעכקייטן אָדער גאָר קיין אַמעריקע מיט אירע נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן, קורץ, וועגן דעם כלל אידן; פון דער אנדער

זייט די אידישע פילאָזאָפיע, אַזוי צו זאָגן, די חקירה וועגן דעם וואָס אַזוינס איז אַ איד, כדי יעדער איד זאָל זיך אַליין קענען, מפשפש זיין במעשיו, צי איז ער תוכו כברו, — לויט די טערמינען פון די אידישע ספרים, מיט וועלכע איך האָב געדענקט — און אָט די קענ־טעניש וועגן זיך, אַרומטראָגן מיט זיך נישט נאָר אינעווייניק, ווי די משכילים, האָבן דאָס געפּרעדיקט, נאָר טאַקע אויף דרויסן, ווי אַ שילד, אַז מען זאָל קענען זאָגן: אָט גייט אַ איד, אַ בעל מידות, אַ למדן און אַ חקרן לויט דער און דער שיטה און אַליין אַ תלמיד חכם, וואָשט ער די פיס און טרינקט דאָס וואַסער פון דעם און דעם גאון און צדיק.

דאָס מיינט נישט, אַז ביי מיר אין מיין מוח האָבן זיך נישט אַריינגעריסן די שרייבער און זייערע ביכער איינער אין צווייטנס גבול; אָבער, אַז מען קלאַסיפיצירט, מאַכט מען מחיצות און מען טיילט אָפּ איינע פון די צווייטע און מיין קלאַסיפיקאַציע איז געגאַנגען נאָך ווייטער — איך געדענק נישט צי אונטער דער ווירקונג פון הי־פּאָליט טענס פילאָזאָפיע פון דער קונסט אָדער נאָך פריער ווי איך האָב זיך מיט איר באַקענט, — איך האָב אויסגעלייגט די דאָזיקע צוויי פּאַראַלעלע רעלצן פון דער אידישער ליטעראַטור אין צוויי באַזונדערע תחומים פון אידישן לעבן. איין פּאַראַלעל האָט זיך געצויגן איבער אוקריינע, דער אַנדערער איבער פּוילן.

די אוקריינער אידישע שרייבער האָבן געצויגן דעם וועג פון „אַברהמל תקיף" פון דעם „ווינטשפינגערל", פון דער „קליאַטשע", פון „אידלען", פון דער עדה קבצנים און פון בנימין השלישי, וואָס שלעפּט מיט זיך סענדערל די אידענע צו די רויטע אידעלעך, צו יענער זייט סמבטיון הינטער די הרי חושך, צו די עשרת השבטים, צו ארץ־ישראל, וואָס ליגט ביים טערק אונטער דער ממשלה פון זיין רויטער יאַרמעלקע און צו ארץ־ישראל־אידן, וואָס ריידן מיטן פּאַסעך איאַק בעבאַר־לשון און טאַנצן ל"ג בעומר מיט אָנגעצונדענע הבדלות אַרום שמעון בר יוחאים קבר און הערן אפשר אין די דאָרטיקע טונקעל־בלויע נעכט דעם קול ברמה נשמע פון דער מוטער רחל.

זיי באַגלייטן טביהן פון ווערביווקע קיין בויבעריק, מנחם מענד־לען פון קאַסרילעווקע קיין יעהופּעץ, מאָטל פּייסי דעם חזנס מיט זיין

ברודער אליהו און חבר פּיניע און זייערע משפּחות קיין לאָנדאָן און קיין ניו־יאָרק, פאָרן אהין אריבער צוזאַמען מיט בערל דעם שניידער און גרינדן דאָרט „יוניעס" און „סאָסייטעס" פון אנשי בני אַנטשע־קראָק און אנדערע פאַרשרייבן זיך ביי דוד פיינבערג אויף דער באראָן הירש־קאָלאָניזאַציע קיין ארגענטינע און מען באַזעצט זיך דאָ אין קאָ־לאָניעס און מען גרינדעט בענקלעך פאַר קוענטעניקעס אין שטעט און שטעטלעך, מען גרינדעט ביבליאָטעקן, לאַנדסלייט־פאַריינען, אָרגאַני־זאַציעס, מען רעגולירט די עמיגראַציע, מען מאַכט קאָנגרעסן, ציוניס־טישע און אידישע...

דאָס איז זיך איין וועג פון אידישן לעבן און פון דער אידישער ליטעראַטור. דער אַנדערער וועג ציט זיך דורך אַלטע בתי מדרשים, ווי סקלעפּן געבויטע, אין פאַרגרינטע פון שימל, דיקע געטאָ־ווענט, איינגעמויערטע, וואו טאָג און נאַכט הערט זיך דער קול תורה ווי א טויב ברומען; ווי יענע טויב, וואָס נאָך חנינא בן דוסאָ האָט געהערט ברומען אין דער חורבה און עס זיצן דאָרט די חנינא בן דוסאָס אין דער געשטאַלט פון פּרצס מקובלים.

ער ציט זיך, דער וועג, פון די ישיבות פון נהרדעה און פומבדותא, פון יענער ישיבה, וואו דער אַלטער הלל האָט אַן אויער צוגעלייגט צום אויבערשטן פענצטער־לאָך כדי צו הערן לערנען און ער גייט דורך די שילן פון קורדובה און טולידה און דורך די אונטערערדישע היילן אין דעם „ארץ השפנים", דורך טורס און מגנצה, דורך פּראָג און קראָקע, דורך זאַמאָשץ און לובלין, דורך דעם ווילנער שול־הויף, דורך אַפּט און קאָצק, דורך קאָוונע און בריסק...

ביז פּרץ אין וואַרשע, אין דער הויפּטשטאָט פון דעם מערבדיקן, טיף־מיטלאַלטערדיקן פּוילן, פּירט אים אריין אין דער מאָדערנער אי־דישער ליטעראַטור מיט דעם וכוח צווישן דעם בריסקער רב און ביאַ־לער רבין, מיט דער „גאָלדענער קייט" מיט „באַנאַכט אויפן אלטן מאַרק" און אין „פּאַליש אויף דער קייט".

מיט דעם זעלבן וועג גייט נאָמבערג אוועק צו „דער ישיבה אין וואַלד", צו דער צווייפלענדיקער און פאַרצווייפלטער אידישער איגטע־

ליגענץ; א. ווייטער לויפט אויף יענעם וועג אין שיל אריין זיך אויס־שוויינן און שלום אש נעמט זיך אומקערן אויף דעם וועג, קערט זי אום צוערשט אין בית מדרש און דערנאָך אלץ ווייטער און ווייטער אויף צוריק, צום תהילים־איד און שבתאי צבי, צו דער כישוף־מאכערן פון קאסטיליען און צו ישו הנוצרי און זיין צווייפלנדיקן תלמיד יהודה איש קריות.

אויף דעם וועג האָט זיך אוועקגעלאָזט ה. לייוויק צו זוכן דעם באַשייד פון דעם אידן אין זיך, אין דער עקידה פון יצחקן אָן ביז משיחן דעם געקוילעטן, ביז לעקערטן דעם געקעפטן און ביז דער רעוואָלוציע דער געפענטעטער אין „קייטן".

אויף דעם וועג האָט זיך אַוועקגעלאָזט די „רענעסאַנס" ליטעראַטור פון ווילנע—ווארשע און די „אין זיך"-ליטעראטור פון ניו־יאָרק—שיקאגע.

איין ליטעראטור און צוויי וועגן. די וועגן פון אידן און אידישקייט.

איין וועג גייט דורך אוקריינע דער סטעפישער מיט איר וואָלין, כערסאָן און בעסאראביע, וואָס די אידן פון ליטע, רייסן און פוילן האָבן זיי אנטדעקט, ווי קאָלומבוס אמאָל אמעריקע און זיי גענומען פארפלייצן מיט זייערע בווידן, מיט באַלמעלאָכעס און בעטלער. און אין איינער פון אָט די בווידן געבראכט אהין דעם אידישן קולטור־פאַרשפרייטער, דעם מגיד, דעם מוכר ספרים און דעם אידישן שרייבער, דעם זיידן פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור; דער צווייטער — דורך פוילן די געדיכטע, די פעאָדאלע, די מיטלאַלטערדיקע מיט אירע אָפּגעפליקטע שטאָלצע פריצים און זייערע אידן די יחסנים, מיט איר קאַטוילישער קלויסטער־קולטור, געטאָ־מויערן מיט זייערע ישיבות.

פוילן, וואָס פון אירער א מיוחסדיקער אידישער פאמיליע, איז ארויסגעקומען יצחק לייבוש פרץ, דער אידישער גייסטיקער ריז, די גייסטיקע אידישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אין זיך ווי א שוואָם קולט געוועזן דעם תמצית פון דער אידישקייט פון אלע צייטן.

און נישט נאָר דאָס, נישט נאָר די טעמאטיק פון אידן און אידישקייט טיילט אויס די אוקריינער און די פוילישע ליטעראַרישע פאַ־

ראַלעלן, נישט נאָר די פּרעדילעקציע פון איינער פאַר דעם נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ן אידישן היינט און פון דער צווייטער פאַר דעם אַ י נ־ד י ו י ד ו ע ל ן און נ ע כ ט י ק ן אידן, נאָר אויך אַ שפּראַך האָבן זיי אַ באַזונדערע.

נישט די באַזונדערקייט פון די דיאַלעקטן זייערע, מיין איך, נאָר די באַזונדערקייט פון זייער טעמפּ: איינע אַ ברייטלעכע, אַ רחבותדיקע, אַ הומאָרפולע און גלייכוועדטלדיקע, אַ באַריידעוודיקע, אַן אָפענע און אַ שפּעדיקע, וואָס גיסט זיך ממש אריבער די ברעגעס און די צווייטע אַ קאַרגע, אַ געצוימטע, אַ שפּיציקע, אָפּט ווי אַ נאָדל שטעכיק, אָבער פול מיט עסענץ, ווי דער שטאַרקער פּערפום, וואָס פאַרקויפט זיך אין קליינע פלעשעלעך.

איינע איז די שפּראַך פון שלום עליכם טוביה, וואָס טענהט זיך אויס און זשאַלעוועט נישט קיין פּסוקים און, להבדיל, גויישע תו־רהס, די שפּראַך פון פּעסל דער מומע סאָסלס און פון גיטל פּוריש־קעוויטש; די צווייטע איז די שפּראַך פון יוחנן מלמד, פון די „ישישים" ביים רבינס טיש, וואָס ריידן מער מיט דעם וואונק און מער מיט דער תנועה איידער מיט ווערטער און די ווערטער זיינען אָפּגעהאַקטע, סור־צע, אין איין וואָרט אַ גאַנצע וועלט מיט אַלטער דערפאַרונג; זי איז אויך די שפּראַך פון דער אידענע אין „מוסר", וואָס פירט דורך אין עטלעכע שורות דעם גורל פון אירע דריי טעכטער...

ס'איז די שפּראַך פון מורא זיך אַליין צו פאַרראַטן מיט אַן אי־בעריק וואָרט און ס'איז די שפּראַך פון דעם צוגעשפּיצטן געדאַנק. ס'איז די שפּראַך פון דער ענגער שטאָט און איר ענגהאַרציקייט, פון די שמאָלע געסלעך און זייער געצוואונגענער פריינטשאַפט צווישן פרעמ־דע שכנים; ס'איז די שפּראַך פון ארויסגעצוואונגענעם שטאָלץ און נישט ווילנדיקער פאַרביסנקייט, און אויך די שפּראַך פון טיפן אריינ־טראַכטן זיך אין זיך, צו וועלכן מען קומט פון טראַכטן בכלל וועגן זיך...

.2

און אַט ווי איך בין שוין אזוי פּאַרטיק מיט מיין היפּאָליט טע־נישער איינטיילונג פון דער אידישער ליטעראַטור אויף אַן אוקריינישער און פּוילישער, באקום איך צו לייענען צוויי ביכער פון צוויי אוק־ריינישע שרייבער, וואָס קלאַפּן איבער מיין טעאָרעטישן בנין און ברעכן אים ממש איין מיט איינעם פון מיינע וואַגיקסטע ארגומענטן, מיט דער שפּראַך. דאָס זיינען געווען דוד בערגעלסאָנס „ארום וואָק־זאַל" און דעם נסתרס „העכער פון דער ערד".

אמת, א רחבות איז פאראן אין די צוויי זאכן נאָך מער ווי אַן אוקריינישע; ממש א פּאַמפּאַ־רחבות, ווי מיר ארגענטינער וואָלטן גע־זאָגט; איבער דעם אוקריינישן וואקזאַל מיט זיינע תבואה-סוחרים און מעקלער שפּרייט זיך א מוראַדיקע פּוסטקייט, א ליידיקייט אין לשער; אַלץ איז דאָ פּוסט און ליידיק, מיאוס און אומעטיק; די מענטשן און זייער לעבן; זיי זיינען אויסגעליידיקט פון אידישקייט און מענטש־לעכקייט, ווי זיי וואָלטן געליטן א שיף־ברוך און מיט דער געזונקענער שיף איז איינגעזונקען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט עפּעס גייסטיקס. און העכער פון דער ערד איז דאָך אוודאי פּוסט; דאָרט האלט נאָך פאר מעשה בראשית און דער מחבר וויל אָנכאַפּן דעם אָנהויב און דעם סוף, די עשר ספירות, די מעשה מרכבה...

אָבער, די שפּראַך זייערע, ביידנס, אַזאַ קאַרגע, א פאַרהוילענע, א נישט דירעקטע; בערגעלסאָנס מענטשן האָבן גאָר קיין שפּראַך נישט, ער אליין רעדט פאר זיי, ער זאָגט אז דאָס און דאָס זאָגן זיי, דאָס און דאָס האָבן זיי געוואָלט זאָגן אָדער דאָס און דאָס האָבן זיי געמיינט, זיי, ריידן נישט דירעקט, נאָר דורכן שרייבער, און דער נסתר רעדט דאָך בכלל מיט רמזים, מיט א נישט היגער און נישט דאָיקער שפּראַך, מיט קבלה-טערמינען...

ווי דען זאָל ריידן די פּוסטקייט און פאַרהוילנקייט, דאָס געדראַכ־טע און נישט דאָיקע? — האָב איך מיך אליין פאַרענטפערט. — ווי דען זאָלן ריידן מענטשן וואָס האָבן שוין נישט וואָס צו זאָגן, אַט ווי דער געוועזענער מענטש בייניש רובינשטיין און ווי דען זאָל ריידן אַט

די מגושמדיקע אַרויפגעאַרבעטע סוחרים, וואָס מחוץ געשעפט און גראָבן חומר זייערן האָבן זיי שוין גאָרנישט?...

בערגעלסאָן ווי דער נסתר — שפּין איך ווייטער דעם געדאַנק — ביידע ריידן זיי מיט אַט דער קאָנצענטרירטער, עסענץ־שפּראַך, דער נישט דירעקטער און פאַרהוילענער, ווייל ביידע דערציילן זיי וועגן זאַכן וואָס זיינען נ אָ ך נישטאָ, זיינען ש ו י ן נישטאָ אָדער זיי האַלטן אין אָפּגיין און פאַרגיין. מיט אַן אמת — האָב איך מיר באַשטעטיקט — זיי זיינען די דיכטער פון יענעם אוקריינישן אידנטום, וואָס האַלט אין אָפּגיין, זיי זיינען דיכטער פון אָפּגעגאַנגענע ווערטן... אַלנ־פאַלס פון אַן איבערגאַנגס צייט; איינער ווייזט דאָס, דער צווייטער באַהאַלט זיך אליין אויס דערפון, אין אַ ניט היגער וועלט, דערפאַר, אַ פּנים, איז ער אַ נסתר.

בערגעלסאָן האָט אַלץ מער און מער געמנומען באַשטעטיקן, אַז ער פירט צו קבורה צוויי אידישע דורות, דעם פּריצישן אידן, דעם יחסן און למדן, און זיינע געצערטלטע, פּרעטענציעזע קינדער, די אידישע „אינטעליגענץ", וואָס האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, און ער באַגלייט זיי מיט אַן עלעגיע, אויסגעזונגען פון אַ קינסטלער מיט אַ פיין פילנדיק האַרץ אָבער אויך מיט אַ דערפאַרן אויג, מיט אַ סלוג אויג, וואָס זעט, אַז עפּעס אַזוינס גרייט זיך אויף אַט דער ערד, דער אוקריינישער, אין די אידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס וועט די אָפּ־גייענדיקע דורות פאַרבייטן מיט קרעפטיקע און געזונטע, מיט סאָ־ציאַליסטישע אידישע דורות.

איך האָב שוין, אגב, וועגן בערגעלסאָנס ווענג געשריבן אינעם ערשטן קאַפּיטל פון דעם בוך. איך מוז נאָר צוגעבן דאָ, כדי אונטער־צושטרייכן דעם חלוק צווישן די אונטערגייענדיקע און אָפּגייענדיקע פאַרשווינען ביי בערגעלסאָנען און ביי נאָמבערגן. מיט בערגעלסאָנס פאַרשווינען גייען אָפּ גאַנצע דורות, קלאַסן גאַנצע גייען אונטער און ביי נאָמבערגן בלויז אידישע יחידים, וואָס פאַלן אַרויס פונעם לעבן. דער חלוק איז נישט בלויז צווישן די פאַרשווינען, נאָר דער עיקר צווישן די שרייבער: בערגעלסאָן, דער אוקריינער, זעט אין יעדן אידן דאָס אידישע פאָלק, פונקט ווי דער זיידע מענדעלע, און נאָמבערג זעט אין

זיינע פאַרשוינען נישט מער ווי מענטשן. וואָס טראָגן אין זיך אַזאַ אָדער אַן אַנדערע אידישקייט, אַ פרומע אָדער אַפּיקורסישע, אַ טראַדיציאָנעלע אָדער אַ מאָדערנע, אויפן שטייגער פון פּרצן.

דער נסתר, ווידער, האָט ווייטער זיין פּנים נישט באַוויזן. גיי ווייס וואָס אַזעלכעס איז ער אויסן מיט זיין רייסן זיך אין דער פאַרהוילנקייט, אין דער פוסטקייט אַריין.

געזאָגט האָט מען אַפילו, אַז בנגלה, דאָס הייסט ווען דער נסתר קומט אַרויס פון י ע נ ע ר וו ע ל ט, פון דעם פוסטן חלל, אין וועלכן ער יאָגט זיך נאָך אַ קלאַנג פון אַ פּלייט, נאָך אַ ווייס שנייעלע, נאָך דעם „אין סוף" אָדער נאָך די נישט גוטע; ווען ער קומט אַרויס פון דעם פאַרכּשופטן עגול, אין וועלכן ער האָט, אַפּנים, אַוועקגעשטעלט זיין שרייב-טיש, טוט אויס זיין ליטעראַרישן פּסעוודאָנים און טוט אָן זיין וואָכעדיקן טאָגטעגלעכן נאָמען — פיניע קאַהאַנאָוויטש, — איז ער אַ גאָר וויכטיקער מיטגליד פון דער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין בערדיטשעוו. דער פאַקט האָט מיר לאַנג געגעבן צו טראַכטן וועגן נאָך אַנדערע חברים זיינע, וואָס פירן אַזאַ צווייענדיק לעבן, אָדער גאָר אַ צווייענדיקע ליבע; אפשר איז עס ביי זיי אַ ירושה אַזאַ, פון שטרענגע אידישן מבדיל זיין ביי קודש לחול, פון דאָרטן און דאָ, און זיי טיילן אויס דאָס וואָכעדיקע לעבן מיט זיינע סאָציאַלע זאָרגן פון דעם ליטעראַרישן שבת־יום־טוב, מיט זיין נשמה יתירה...

אפשר, נאָר דערגאַנגען איז צו אונדז שפּעטער זיינע אַ נייע זאַמלונג „געדאַכט" און ווידער מעשות פון לילית וכל כת דיליה, פון שדים און שרעטעלעך, לצים און זייערע שפּיצלעך, אויף פוסטע וויסטע פעלדער, וואו ווינטן וויכערן און פאַרדרייען און פאַרפּירן... געדאַכט האָט זיך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן אַליין די שדים און זייער פוסטן שפּיל, אָט דרייט ער זיך אַליין אין דעם עיגול, וואָס זיי האָבן אַרומגעצייכנט און טאַנצט מיט זיי אינעם קאָן... אָט שטייט ער אַ פאַרגאַפטער, אַ פאַרטראָגענער ווען די קאַפּעליע קלעזמער שפּילט אַ פּויליש און וויגט אים און צעוויגט אים מיט דעם קלאַרנעט און מיט דעם פידל און פירט אים אַוועק אין טאַנץ העכער, שטאַרקער... צו וואָס? — פרעגט איר מיך... אָדער אָט טראָגן זיך און וויכערן זיך די שניי־עלעך פון ערשטן

שניי אין דעם הינטיש־שמעקעדיקן דרויסן גלאַט אַזוי זיך, און אַט זיצט ער ביים אָסיענדיקן טייכל מיט דער ווענדקע און דאָס וואַסער יולעט, יולעט...

צו וואָס? — פרעגט איר. — נו יאָ, אַט זיצן מענטשן אַפּ גאַנצע האַרבסטיקע טעג ביי די וואַסערן מיט די ווענדקעס אין די הענט און האָבן הנאה צו קוקן אינעם וואַסער, אינעם קילן יולענדיקן וואַסער... אַט בענקען מענטשן ביי אונדז, און איך אויך, נאָך אַן ערשטן שנייעלע אין דעם קאַלטן דרויסן.... אַט לאָזן זיך מענטשן פּאַרוויגן מיט אַ פּויליש און מיט וואַלצער און מיט אַ סימפאָניע אַ דערהויבנדיקער, און איר דען נישט?... און אַט זיצן מענטשן און הערן מעשות אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, פון מכשפות און בת מלכות, פון פּרינצן און כשוף־רינגלעך, פון גזלנים און רוחות און שדים... פון פּאַלאַצן גינגאָלדענע און קעניגן, גוטע און רשעים... איך האָב נישט ליב צו פרעגן זיך וואָס מיינט מען מיט אַזעלכע מעשות, זיי מיינען גאָרנישט, נאָר זיי פּאַרוויגן און שפּינען חלומות, זיסע און ביטערע, רעגן און גלעטן דאָס געמיט...

און אפשר טאַקע איז ער מער ווי דאָס נישט אויסן? איך דערמאָן מיך אַז אין חדר, ביי דעם חומש־מלמד, האָב איך געהאַט אַן עלטערן חבר, פונעם וואָקזאַל איז ער געווען, און מען האָט אים שפּעט אָפּגעגעבן לערנען, פלעגט ער דערציילן אין די פּאַרנאַכטן, ווען דער רבי איז געגאַנגען צו מנחה און מעריב, אַזעלכע מעשות, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געענדיקט און געהאַט האָב איך אַ חבר, טאַקע אַ סיעווער, צווישן די זעלנער, אַ אידישער זעלנער אַ באַלמעלאָכע מיט אַ לאָפּעטע־באָרד, האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מעשה, וואָס האָט געדויערט דעם גאַנצן ווינטער צווישן קאַזשעניץ און קאָנסק, צופוס גייענדיק, און האָט זי נישט פאַרענדיקט. ווער ווייס! האָט אַ מענטש ליב צו דערציילן מעשות, דערציילט ער...

באַטש, דערציילן, דערציילט דער נסתר מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, מיט אַ באַזונדערן סטיל, טאַקע ווי ער וואָלט זיי אויסגעשפּילט אויפן פידל, ריכטיקער, אויף דער לירע, אויף דער אוקריינישער קאָבזע. צי האָט ער זיך נישט פאַרמאָסטן, דער נסתר, מאַכן פון אָט די

מעשׂות, אַ ניי אונטערגעבעט פאַר דער מאָדערנער אידישער ליטעראַ־טור? ליטעראַטור, אַ פּנים, האַלט ער, איז עפּעס אַנדערש ווי די וואָר פון מאַרק און ווערקשטאַט און איר שפּראַך דאַרף זיין אַן אַנדערע, די שפּראַך פון דעם חלום, פון דעם פאָלקס חלום־שפּראַך, מיט וועלכער דאָס פאָלק דערציילט די מעשׂות פון אים, דעם פאָלק, פאַרפאַסטע?...

איך האָב דאָס אים, דעם נסתּר, געפרעגט בעת איך בין געוועזן ביי אים צו גאַסט אין כאַרקאָוו, אין 1929. ער האָט אויסגעמיטן מיר דירעקט צו ענטפערן דערויף און ער האָט זיך נאָר געוואונדערט ווי אַזוי דאָס איז מיר איינגעפאַלן. דער נסתּר איז דעמאָלט פאַרנומען געווען מיט אַנדערע אַרבעטן, ער האָט געשריבן רעפּאָרטאַזשן, פון שטעט און פאַבריקן, און אַרויסגעקומען איז פון זיי דאָס בוך אונטערן נאָמען „הויפּטשטעט”. געשריבן מיט אַ רעאַלער שפּראַך, די שפּראַך פון אַר־בעט, פון ווערקשטאַט, פון סאָציאַליסטישער וואָר, פון סאָציאַלן אי־בערבוי.

נאָר אָט איז דערגאַנגען צו אונדז אַ מערקווירדיק בוך זיינס, אין די לעצטע יאָרן געשריבן: „די משפּחה משׂכּיר” און ווי נאָר איך האָב דאָס גענומען לייענען, איז מיר שטיין געבליבן פאַר די אויגן דער אַמאָליקער נסתּר. דאָס בוך, אַן ערשטער טייל פון אַ ראָמאַן אין דריי טיילן, מאָלט אַ שטאָט, אַן אַלטע אידישע האַנדלס־שטאָט אין אוק־ריינע, וואָס לויט אַלע סימנים, איז זי נישט קיין אַנדערע ווי בערדי־טשעוו, אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער רופט אָן די שטאָט מיט אַ פאַרהוילענעם נאָמען: „נ”; נאָר אָט די פאַרהוילנקייט איז נישט מער ווי אַ נויטווענדיקער דעטאַל פון דעם גאַנצן ספּור המעשׂה, פּשוטער, פון דעם מעשׂה־טאָן, אין וועלכן דער ראָמאַן איז געשריבן.

אין דער אמתן, וואָס גייט עס אונדז אָן ווי עס האָט געהייסן די דאָזיקע שטאָט מיט אירע באַקאַלייע און שניט־קראָמען, מיט אירע ריחות פון געזאַלצענע פיש און טראָן, מיט אירע געשעפטן פון טאַנ־דעטנע בגדים און פאַרזשאַווערטן אייזן, מיט אירע גערדיכטע שטעלעכ־לעך אויפן מאַרק און מיט איר יאַר־יאַריד, מיט אירע סוחרים און

משרתים, מעקלער און פּראַצענטניקעס, מיט אירע קונדן, די אַרענדאַ־רעס און קליינשטעטלדיקע קרעמער, פון דער נאָנט און פון דער ווייט, אַזש פון פּאָלעסיע, מיט די פּויערים, „כאַזיאַינעס" אין פּעלצן און פּריצים פּוילישע, האַנאַראָווע און צעפּוילטע, וואָס זיינען פאַרחובט ביז איבערן קאָפּ ביי אידן און פאַרהוליען זייערע פאַרמעגנס צוזאַמען מיט זייער „פאַטערלאַנד". וואָס גייט עס אונדז אָן ווי עס האָט געהייסן יענע שטאָט מיט דעם אַלטן בית עולם און זיינע נפטרים, מקובלים און מורי הוראה מיט אַלטן יחוס, מיט אירע שילן און קלויזן...

זי איז שוין נישטאָ יענע שטאָט, אפילו ווען מען רופט זי נאָך היינט מיט איר אַלטן נאָמען, זי איז שוין נישט מער ווי אַ לעגענדע, ווי אַ מעשה אַ פאַרביקע, אויף וועלכער עס איז שוין אָנגעוואַקסן אַ אַ געדיכטער שטויב. נישטאָ שוין לאַנג יענע מענטשן, אַלע ליגן זיי שוין לאַנג אויף יענעם אַלטן בית-עולם, פאַרשאָטענע, פאַרשטויבטע, נאָר דער מחבר וועקט זיי אויף, לעבט זיי אויף, ווי ער זאָגט אין זיין פאָרוואָרט — כישופט זיי אַרויס, ווי איך וועל זאָגן, פון אונטער דעם שטויב, וואָס דעקט זיי צו — און לאָזט זיי דורכגיין פאַר אונדז, פונקט ווי ביים לעבן, מיט זייער גאַנצן האַנדל און וואַנדל, מיט זייער פּי־זישער און גייסטיקער פיזאָנאָמיע, און אַזוי אויך לאָזט ער זיי צוריק־גיין אַהין פון וואַנען ער האָט זיי אויפגעוועקט, אונטערן שטויב פון זייערע קברים...

אַנטקעגן וואָס טוט ער דאָס? אַקעגן דעם, וואָס ער וויל ווייזן, ווי אַזוי שוין דעמאָלט זיינען אין יענעם עולם התוהודיקן לעבן געלעגן „פאַרבאָרגענע כוחות" און „בלענדנדיקע בליצלעך" האָבן זיך באַוויזן „אויפן נאָך ווייטן האָריזאָנט", „בונטאַרישע ערשטלינגען, וואָס מיט זייער נאָך שוואַכן, אָבער פון צייט צו צייט שוין אויפפלאַקנדיקן פאַר־טויבטן אומרו קומען זיי באַווייזן, אַז עפּעס קלייבט זיך דאָרט הינטער יענעם האָריזאָנט, אויב נישט אויף היינט, איז אויף מאָרגן, אויף אי־בערמאָרגן..." „ווייל עפּעס האָט שוין דאָרט און דעמאָלט דאָך געוויררט, עפּעס האָט שוין אפילו אין אַזאַ פאַרדומפּענער סביבה ווי יענע — ווען נישט ווען און וואו נישט וואו, — אין אַ קעלער צי אויף אַ בוי־דעם, — ווי אַ פאַרדעכטיק ליכטל זיך באַוויזן, האָט אי געשראָקן, אי

פאַרשפּראַכן — ס׳געוועגדט וועמען...״ ס׳האָט דאָך, ווי באַוואוסט, שוין אין יענער צייט געריפּט דער לעבנס-פּעאיקער זוימען, וואָס פון אים זיינען זיך צעוואַקסן די אויפקלערערישע און שפּעטער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג: עס האָט שוין געהאַלטן פאַרן אָנקומען פון יענע מענטשן, וואָס האָבן איבערגענומען דעם רודער און האָבן פאַרקערעוועט די געזעלשאַפטלעכע שיף און גאָר גאָר אַנדערע ריכטונגען און רייסן.

עס זיינען שוין דאַן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראַגנדיק פייער אין די פּאַלעם פאַר אַלעם דורותדיקן שימל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביז זיי...״

דער מחבר וויל זיך דערקלייבן קינסטלעריש צו אָט די קינדער מיט דעם פייער אין די פּאַלעם, ווייזן זייער אויפקום און זיי אָפּגעבן דעם כבוד וואָס זיי האָבן פאַרדינט. און דעם מחברס קינסטלערישער וועג איז דער וועג פון דער מעשה; בפרט ווען ער שילדערט אַ פאַרשוואונדענע וועלט. ליגט טאַקע דעריבער אויף די שורות פון דעם בוך אַזאַ שיין פון פאַרהוילנקייט, די נסתרישע פאַרהוילנקייט, וואָס גראַמאַטיקער זוכן אויסצוגעפינען איר שורש אין דעם נסתרם באַזונדערן געבוי פונעם זאַץ און ליטעראַטור-היסטאָריקער זוכן איר שורש אין דעם סטיל פון די אַלטע מעשות, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען און גייען נאָך היינט דורך אַלע אומות און אַלע לשונות און האָבן ביי דער אידישער אומה און אינעם אידישן לשון איינגעהיט די שפּראַך-שפּורן פון זייערע ערשטע אונטערפירער און אָריינפירער.

דער מחבר האַלט, און איז אפשר גערעכט, אַז דער כוח פון דעם ווערק, זיין ווירקונג, ליגט אינעם סטיל, און ווייניקער ווי אַלע אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן האָט, וואָס שייך סטיל, געליטן די מעשה, אויך ווייסט דער מחבר, אַז זיין כוח ליגט אין דעם מעשה-זשאַנר.

וואָס דער מחבר איז אויסן געווען, האָט ער אייך שוין אַליין געזאָגט. ווי אַ געטרייער גליד אין דער משפּחה פון די אוקריינער אידישע שרייבער, פון דעם פּאַראַלעל, ווי מיר איז איינגעפאַלן צו ציען, פון מענדעלען און ווייטער, ווייזט ער אין דעם בוך דעם גאַנג פון די אידישע דורות אין דער אוקריינער שטאָט.

.3

מען מוז נאָך אָבער עפּעס אָנמערקן, וואָס איך האָב מורא, אַז דאָס וועט פאַרביי נישט געגוג באַמערקט פאַר דעם לייענער, ווייל דער נסתּר טײַטלט נישט דערויף גענוג מיטן פינגער: אין וואָס אייגנטלעך האָט דער נסתר אין אָט דער אַלטער אוקראַיינישער אידישער שטאָט פון די זיבעציקער יאָרן געזען די „פאַרבאָרגענע כוחות" און די „בלענדנ־דיקע בליצלעך"? אין וואָס האָט ער געזען דעם „לעבנספעיקן זוימען", וואָס פון אים איז זיך שפּעטער צעוואַקסן די אויפקלערערישע און שפּעטער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג?

מיר זוכן דורך די דריי רינגען פון דער שטאָט „נ.", ווי מיר זע־ען זי אינעם ערשטן טייל, און עס איז אונדז שווערלעך אָפּצושטעלן זיך אויף וועלכן עס איז פון זיי. אינעם ערשטן רינג, דעם מאַרק, איז דערפון קיין סימן נישטאָ. דאָרט האָט מען נישט קיין צייט און קיין קאָפּ פאַר אַזוינע זאַכן, אַפילו נישט אין די הייסע זומער־טעג, ווען מע נו־דיעט זיך אָפּ ווי לאַנג דער טאָג איז. „דאָרט, מיינט מען, אַז אַזוי וועט דאָס זיין, אַזוי וועט עס בלייבן, ווייל פון אייביק אויף אייביק איז אַזוי פון גאָט און פון דער השגחה זיינער איינגעשטעלט, אויף דור צו דור, און טאַטעס זאָלן קינדער מאַכן ירשענען"...

אינעם צווייטן רינג, אין דער שטאָט גופא, גייען מיר אריין אין די „געבייען פאַר גאָט און זיינע מידות"; אין דער „אָפּענער", וואו עס שטייט טאָג ווי נאַכט דער טומל פון דאַוונער און לערנער, פון בעטלער און פון אורחים; אין דער „היציקער", מיט אירע האַלב־דולע שטאַרק־פרומע קאַצקער און קאַרלינער חסידים; אין דער „קאַלטער", מיט אירע טרוקענע למדנים, די „אבן עזראַניקעס", וואָס זעט אויס ווי אַ מצבה; אין דער „אַלטער", וואָס קיינער טרעט איר שוועל נישט אריבער אָן אַ ציטער פאַר גאָט און פאַרן קייסער... אין די אַלע איבעריקע שילן און שילעכלעך, וואָס שטייען אַלע אין קופּע... אומזיסט — זאָגט דער נסתר — שוין היינט איז אַ ווילד רחמנות אויף זיי צו קוקן, און אויף מאָרגן, ווער ווייס... אפשר וועט מען זיי אויפן אוקציאָן פאַרקויפן, אפשר וועלן זיי פון אַלטקייט צעשיט ווערן...

איר גייט אריבער דער בריק איבערן טייך מיט זיינע הערטלעך קאטשקעס, צום פיש־און פלייש־מארק און צו די באלעבאטישע שטי־בער מיט זייערע געשטעלטע סאמאווארן און קיכן מיט קעכנעס, איר וועט דא גארנישט נישט טרעפן אזוינס און אוודאי נישט אויפן אלטן און אויפן נייעם בית עולם מיט זיינע פה נקברם...

סיידן אפשר אינעם דריטן רינג, אין די פארשטעטט, די כאפיווקע, פייגעריווקע, קאטשעניווקע, צווישן דער גרעסטער ארימקייט, וואס מען קען זיך נאר דענקען. דארט, צווישן די לעצט־סארטיקע, קאליקע־וואטע באלמעלאכעס, לאטוטניקעס, שמאטע־קלייבער און הייזער־גייער, שלעפער, קאטערינשטשיקעס, טרעגער, דינסטן און אם־מעקלערנס, הפקר־יונגעץ און מוידן, גנבים, טרעפערנס, קארטנווארפערנס און פריי־לעבע נקבות... דארט, וואו מען פארטיקט זיך אפ מיט גאט אין די שילן אויף גיך און א שבת נאכן עסן, לאזט מען זיך מיט ווייב און קינדער מיט קישן און קאלדרע צו די יארן אויף די גרינע פלעצער...

יא, אין אט דעם רינג, וואו עס וואוינט די מוראדיק אויסגעהאַ־רעוועטע, ארימע מאסע... „ווער ס׳האט געהאט אן אויג, האט שוין אויך די צוקונפט־זוימען אין לופט אומשוועבן געקאנט זען״... שפע־טער, מיט צייטן שפעטער, וועט דווקא פון אט דעם זומפ און ארימקייט אן איבערקערערישער און שטארק־דערפרישנדיקער ווינט קומען... די בעסטע קינדער פון שטאט וועלן אהין, צו יענע ארימסטע ארבעטס־מענטשן, מיט קלאפנדיקע הערצער קומען, אויף נישט געוויינלעכע נייעס זיך דערוויסן און אויף געשיכטלעך דערפרייענדיקער דערפארונג זיך אנצוגעמען. פאר יענע נידעריקע טירן און שוועלן וועלן געבילדעטערע און פיל מער וויסנדיקע פון יענע הייזער־איינוואוינער די קעפ בייגן, ווייל קומענדיק די איינוואוינער אויפקלערונג און לערנונג ברענגען, וועלן זיי אליין פאר זיך א נייע לערע ארויסטראגן...״

דאס אלץ וועט זיין שפעטער און, דערווייל, אין יענע זיבעצי־קער יארן, איז דארט, אינעם דריטן רינג פאראן אזא מין מאדנע אויפ־נאב, אן אדערויף אזא אין דער געשטאלט פון נישט מער ווי אנדער־האלבן, צוויי מיניינים באלמעלאכעס, און דער עיקר — אביונים — וואס צווישן די פיל רוישיקע און רייכע חסידים־סעקטעס, בילדן זיי

איינע א נישט-אָנגעזעענע סעקטע „בראַסלעווער" וואָס ווערט פון אלע־מען געטרודפט, און אפילו אויף דאַוונען מיט אן ערשטן פאַרטאָגיקן מנין, בעטן זיי זיך ערגעץ איין. דאָס זיינען די חסידים פונעם טויטן רבין, פון ר' נחמנען, וואָס ליגט אויפן אומאַנער בית עולם און זיי דערשלאָגן זיך אמאָל צו אים צופוס אויף קבר אבות. קומט אמאָל א פרעמדער צו זיי, ערגעץ פון ווייטן פוילן, א אינגל מיט א טאָרבעלע פאַך-געצייג, אויפן וועג קיין אומאַן און דערווייל זייער תורה און מידות זיך לערנען, נעמט מען אים ווארים אויף און מען האַלט אים אונטער פון אלגעמיינעם בייטל, פון נישט מיינס, נישט דיינס, נאָר גאָטס... און אמאָל, פאַרקערט, א רייכער פון דער סעקטע, קומט און באַגייט זיך ווי מיט אייגענע, גיט אָפּ וואָס ער באַדאַרף נישט נייטיק...

דאָס זיינען חסידים פון יענעם רבין, וואָס האָט די לערע פון בעש"ט דערפירט צו דער מדרגה פון דער איסיים-לערע, פון יענע פרימיטיווע קאָמוניסטן אין דער צייט פון סוף בית שני; פון יענעם רבין, וואָס האָט פאַר זיינע חסידים דערציילט פאַרביקע פאַנטאַסטי־שע מעשות מיט הויכן מוסר השכל און האָט מיט זיי אָנגעצונדן א גלויבן אין דער ממשלה פון דער געלייטערטער אָרימקייט.

דערווייל דרייט זיך דאָרט אום נאָך א צווייטער אויפגאַבע; א איד מיט א לאַקירענעם דאַשעק, דער איינציקער לאַקירענער דאַשעק אין שטאָט, א איד א גבר, וואָס קיינער ווייסט נישט פונוואַנען ער איז געקומען און אומעטום איז ער דאָ און אלץ זעט ער און אלץ ווייסט ער, און זאָגט אלעמען גלייך אין פנים וואָס ער האָט צו זאָגן, איבערהויפּט די גבירים; נעמט בא גבירים און טיילט די קבצנים. און וואָרנט די גבירים און טרייסט די קבצנים, אז... אָט די אלע, ווי דו קוקסט זיי אָן... און פאַרענדיקט מיט א דראָענדיקן פינגער אָדער מיט אזא מין וואָרט: „קאַטאָרזשניקעס אויף קייטן"... ער איז דער אויפגאַב וואָס קומט פון דער אויפקלערונג און גייט איבער אין בונט, אין דער חוצפּה פון דעם וואָס וועט קומען און טיילן יושר.

און סיי דער גלויבן אין דער ממשלה פון דער געלייטערטער אָרימקייט און סיי די חוצפּה פונעם יושר פלעכטן זיך איין און וועבן זיך איין אין די אלע דריי רינגען פון דער אלטער מסחר־שטאָט, פירן

צום אָפּגרונט, וואָס צום אָפּגרונט געהער און פירן צום אויפקום דאָס איז אָנגעצייכנט צום אויפקומען.

דאָס אַלץ לייענט זיך ווי אַ מעשה, ווי אַ מעשה פון ר׳ נחמן בראַס־לאַווער, דעם פירער פון די חסידים־איסיים אין מיטן נײַנצנטן יאָר־הונדערט, מיט דעם רעאַלן מוסר־השכל פון דער השכלה און זײַערע ביידנס פרוכט, די רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט צו דער הערשאַפט דעם סאָציאַלן יושר און די ממשלה פון די אָרימע.

אויפן שייד־וועג

א בליק אויף דער אלגעמיינער און אידישער ליטעראַטור אין 1922

געדענקט איר ביי פּרצן „צווישן צוויי בערג"? עס האָבן זיך צו־זאַמענגעטראָפן דער בריסקער רב, דער גרויסער למדן, מיט זיין געוועזענעם תלמיד ר' נח פון ביאַלע, וועלכער איז געוואָרן א חסידישער רבי.

דעם תלמיד איז שרעקלעך געוואָרן אינעם העל ליכטיקן נאָר אייז קאַלטן לאַבירינט פון דער תורה, וואָס נאָר פּאָר געצייילטע למדנים און חריפים, און ער איז אַוועק פונעם בריסקער רב. אינעם חלום וואָס דער תלמיד האָט געהאַט, — שרייט ער: רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען, (פון צווישן די אייזיקע ווענט פון די ליכטיקע פּאַלאַצן) איך וויל דאָ נישט בלייבן אליין מיט אייך, איך וויל זיין מיט דעם גאַנצן פאָלק ישראל"... עס איז אין אים געוואַקסן דער פאַרלאַנג צו זען פאַר זיך א אידן א ברודער, זאָל זיין א שניידער צי א שוסטער און ער האָט זיך צעוויינט... נעם מיך אַרויס פון דאַנען, בעסער צו זיין אין גהינום מיטן כלל ישראל איידער דאָ, איינער אליין... און דער תלמיד האָט זיך שוין דערנאָך פּותר חלום געווען. מיר זעען אים שפּעטער אַלס חסידי־שער רבי צוזאַמען מיט די חסידים אין א שמחת תורה, באַהעפט אין דער וואונדערלעכער האַרמאָניע, אינעם חסידישן געזאַנג און טאַנץ אויף דער לאָנקע, צווישן אַזוי פיל וואַרימקייט און האַרציקער פרייד. יעדער גרופּע חסידים האָט געזונגען איר אייגענעם ניגון און ניגונים האָבן זיך באַהאָפטן אין דער לופט. און צום רבין האָט דערגרייכט בלויז איין

ניגון, בלויז איין מעלאָדיע, ווי אַלע וואָלטן געזונגען דאָס זעלבע, ס'האָט געזונגען דער הימל, ס'האָט געזונגען די ערד, די נשמה פון דער וועלט האָט געזונגען... אַלץ האָט געזונגען!...

אין דער ליטעראַטור, אין דער אידישער ווי אין דער וועלט־ליטע־ראַטור, זיינען מיר לעצטנס געקומען אָט צו אַזאַ ווענדפּונקט. גרויסע ליכטיקע פּאַלאַצן, אָבער איינזאַמע, קאַלטע, אינדיווידואַליסטיש־אימ־פּרעסיאָניסטישע שאַפונגען, טיפע פּסיכאָלאָגישע אייגטראַכטונגען אין דער איינצלנער, אייגענער נשמה, אָן דער פאַרבינדונג מיט דעם כּלל; אין די ווערק פון די מאָדערנע קינסטלער זעט איר דעם אינטעליגענט, דעם חקרן, דעם מענטש וואָס לעבט מיט אַפּאַריזמען, מיט איינדריקן, מיט געדאַנקען שפּיל. און זאָל די דאָזיקע ליטעראַטור דינען דעם לייע־נער אַלס מוסטער, און צום באַדויערן האָט זי שוין פאַר פיל אַלס מוס־טער געדינט, שאַפט זי אָפּגעריסענע, אין זיך פאַרטראַכטע מענטשן, אַזוי גערופענע אינטעליגענטן, קראַנקע, ווילנסלאָזע, מיט איין וואָרט די פליגלמאַנס, וואָס ליידן פון אַלץ אין דער וועלט און קענען גאָרנישט אויפטון, וואָס ליידן פון לעבן און פון מוט און פון ליבע און ביי זיי אין האַרצן איז טויט, מוטלאָזיקייט און צעבראָקלטע סענטימענטן, וואָס דערלעבן נישט די מינוט. צי איר נעמט די געהיימניספולע פערזאָנען פון קנוט האַמסונס ראָמאַנען; פרעגט זיי צו וואָס לעבן זיי, פאַרוואָס ליידן זיי, וואוהין גייען זיי? עפּעס האָט זיי אַ שטויס געטון אין לעבן אַריין און פון דער אינערציע ווערן זיי געוואָרפן אין דעם כּף הקלע פון דער וועלט וואָס האָט קיין ציל נישט און קיין אידעאַלן נישט.

אַנאַטאָל פראַנס, איז דאָך שוין אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, איז ער אָבער ווי אַ שרייבער, אויך נישט מער ווי אַ סקעפּטיקער, אַן אַפּי־קורס און עפּיקורעער, אַ זשאָנגליאָר פון געדאַנק און בילד. איך מיין אַז ס'איז ניט קיין באַליידיקונג פאַר דעם וואָס האָט אָנגעשריבן „דער זשאָנ־גליאָר פון אונזער הייליקער מוטער", אים אָנצורופן זשאָנגליאָר. אויך ער דינט זיין גאָט, דער ליטעראַטור, מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, מיט זיין שלייפענדער, פיין איראָניזירנדער פעדער. ער שטייט איבער דעם לעבן און נישט אינעם לעבן. אינעם לעבן גופא זעען מיר אים אַלס זשאָן סעווערין, דעם איינבינדערס זינדל, וואָס האָט זיך אַנגעלייענט מיט

אַלץ וואָס איז אים צו דער האַנט געקומען, וואָס האָט געלערנט לאַטין און האָט רעוואָלוציאָנערע גערדאַנקען און איז אַביסל פאַרליבט. אויך לויט די ביכער וואָס ער האָט געלייענט, און פּלאַנטערט זיך אומעטום פאַר די פיס ווי אַ לא יוצלח און אין דער רעוואָלוציע ווערט ער אויסגעפּאַטשט פון אַ היסטע־רישער רעוואָלוציאָנערקע, פון אַ פּרוי־פּ׳ין פּאָלק, פון וועלכער די רעוואָלוציע שרייט אַרויס מיט באַנומענע קולות. און אַזעלכע זיינען כמעט אַלע זיינע „העלדן״, וועלכע זיינען אין דער אמתן אייגאַיינציקער, נאָר אין פאַרשידענע עפּאָכן פון זיין לעבן, דער זעל־בער לא יוצלח, דער זיך פּלאָנטערנדער אינטעליגענט אין אַלע זיינע געשטאַלטן. דער קלוגער אַנאַטאָל פראַנס קען זיך. ער ווייס אַז אין זיינע ראָמאַנען האָט ער דעם פּאָלק גאָרנישט געגעבן, אַז זיינע לייענער זיינען בלויז די אויבערשטע, די אינטעליגענץ, די לייט מיט אויסגעפיינערטן, איך וואָלט געזאָגט אויסגעכאַליעטן געשמאַק, ער ווייסט אַז זיין דינע איראָניע איבער געטער און מענטשן ווערט נישט באַגריפן פון דעם ברייטן עולם לייענער, און ער איז עס דעריבער מתקן מיט זיינע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען, מיט זיינע קורצע פּלאַם־פייערדיקע רעדעס, וועלכע זיינען גאָרנישט געשליפן, נאָר רייסן זיך אַרויס ווי לאַווע פון אַ קראַטער, ווי פון האַרצן פון איינעם פון פּאָלק; אַנאַטאָל פראַנס, אין זיינע ווערק, איז אָבער ווייט פונעם פּאָלק און אומפאַרשטענדלעך פאַר אים. צו וואָס, פרעגט זיך דאָס פּאָלק, פונקט ווי יענער געוועכטער האָן, וואָס האָט זיך געוויעט אין דער קופּע און געפונען אַ דימענט, — צו וואָס די געשליפענע פיינע דימענטענע פראַ־זן, וואָס ברענגען מיר גאָרנישט, דו גיב אונדז אַ ווייצענעם קערן, דו קום לעבן מיט אונדז און אויב גאָט האָט דיר געגעבן אַ שאַרפער אויג, קוק זיך איין אין אונדזער נשמה און ברענג אַרויס איר געזאַנג און מיר וועלן מיט דיר מיטזינגען.

די פאָרמען פון דער דאָזיקער מאָדערנער ליטעראַטור זיינען אויך, אַזוי ווי דער אינהאַלט, נישט קיין איינפאַכע, דירעקטע, נאָר אומדי־רעקטע, קאָמפּליצירטע, אומבאַשטימטע און פאַרפּלאָנטערטע, אַן אמתער

לאבירינט, וואו דער נישט צוגעגרייטער, דער פשוטער מענטש וואס האט נישט קיין צייט צו גריבלען זיך און חקרנען און שווימען אינעם עולם התהו פון שפעקולאטיווע ענדעס, אדער גאר קיין ענדעס נישט, ווערט פארבלאנדזשעט, אדער ער ווערט מיד מיטצוגיין און בלייבט שטיין אין מיטן.

וואס זשע פאר א חדוש איז עס, וואס דאס פאלק, די מיליאנען לייענער, די קינדער וואס הויבן אן צו לייענען, פאלן ווי די פליגן אויף די שונד־ראמאנען, אויף די פאליצייאישע און דעטעקטיוו־ראמאנען, וואס זיינען געשריבן אזוי צוגענגלעך און אזוי פשוט, און זיי ווערן טאקע פארגיפטעט פון דעם גיפטיקן אינהאלט וואס ווערט דערלאנגט אין דעם געשמאקן פלעצל?

וואס זשע איז דער חדוש וואס ביי אונדז אין בוענאס-איירעס, למשל, זיינען פאראן אידישע ביבליאטעקן וואס האבן קיין לייענערס נישט און ווערן אויסגעהאלטן פון מצוה וועגן, א דאנק דעם וואס די „ליטערארישע” ביכער נעמט מען נישט צום לייענען און קיין שונד-ראמאנען פאסט נישט צו האלטן?

וואס זשע איז דער חדוש, וואס מיט אונדזער גאנצער פופצניע־ריקער ארבעט דא צו אנטוויקלען דעם געשמאק פונעם לייענער פאר דער בעסערער ליטעראטור, איז אונדז בלויז געלונגען צו שאפן דא א סנאביזם פאר דער בעסערער אידישער ליטעראטור, וואס ווערט אפשר געלייענט פון יוצא וועגן, אן מיטגעריסן צו ווערן מיט דער זאך וואס מען לייענט?

און אין דער אמתן, מיט וואס זאל ער מיטגעריסן ווערן? אויף צו לייענען פרצן, מוז מען זיין א בר אוריון, א גאנצער קענער אין די קליינע אותיעלעך, דער אינהאלט ביי פרצן איז אפילו א גאנץ צו־גענגלעכער, ער שרייבט וועגן די אידישע פאלקס מענטשן, אבער זיין פארם!... זי איז אזוי פארשידנארטיק און כמעט אומעטום איז זי א מין קרוזשעווע געוועב; זיין סטיל איז צו ראפינירט און געשליפן, ריר אים נישט אן, ווארום דו וועסט אים נאך צעברעכן; נאמבערג?... נו האט ער שוין איבערגעלייענט פליגלמאן, בענדער, און ווי נאך זיי הייסן דארט. נו, איז וואס? גייען זיי צום טייוול די דאזיקע לייט וואס

האָבן קיין כוח נישט אַ געניץ צו טון!... נעמט אייך אייער פּאַספּאָרט און טרינקט אייך געזונטערהייט!... און אַזוי די איבעריקע וואָס טאַנצן זיי נאָך. ער לייענט איבער שלום עליכמען, רייזענען, פּינסקין, שלום אַשם „מוטער", ווייסענבערגס שטעטל, אפשר נאָך עפּעס און דערמיט האָבן זיך פּאַר אים געענדיקט די גוטע און אינטערעסאַנטע אידישע ביכער. פון די איבערזעצונגען איז ווידער קנוט האַמסון, וואָס ווייסט אַליין נישט וואָס ער וויל, אַנאַטאָל פראַנס, וואָס מען דאַרף זיין אַ גאַנצער ווייסער אין געשיכטע און פילאָזאָפיע אין קונסט-געשיכטע אויף צו אַריינדרינגען אין דער טיפקייט און שאַרפקייט פון זיינער אַ פּראָזע א. א. וו. אויך דאָ האָט ער כמעט דעם איינאיינציקן סאָציאַלן באַ־באַכטער זאָלאַ און שלעכטע איבערזעצונגען.

דער סך־הכל דערפון איז: דער אַרבעטער האָט נישט זיין אייגענע ליטעראַטור. די וואָס זאָל לויט איר אינהאַלט זיין דער אויסדרוק פון זיין לעבן און לויט איר פאָרם זאָל זי זיין פשוט, נישט געפלאָכטן און געדרייט ווי די שניצערייי פון ריימסער קאַטעדראַל און פאַרשטעלט מיט אַ מין מיסטיש סימבאָלישן שלייער, נישט געפינטלט און נישט דער־זאָגט מיט דעם למדנישן ודי למבין.

די אידישע ליטעראַטור, זאָגט מען אפילו איז אַ פאָלקס ליטע־ראַטור, אַן אַרבעטער־ליטעראַטור. אָבער אַ חוץ מענדעלען און שלום עליכמען, רייזענען, הירשביינס דראַמען, ווייס איך נישט קיין פאָלקס־שרייבער וואָס זאָל באמת ווערט זיין דעם נאָמען. דוד פּינסקי האָט געשילדערט אַרבעטער, אָבער אין זייער גאַר רויען צושטאַנד, עס קומט נישט אַרויס פון זיינע ווערק די אידישע אַרבעטער־וועלט, אַזוי ווי ביי שלום עליכמען דאָס אידישע וועלטל פון די טביהס מיט די מנחם מענדלס.

די אורזאַכן דערפון? די אינטעליגענץ ביי אַלע פעלקער איז אָפּ־געריסן, און די וואָס וואַקסט אַרויס פון פאָלק, פון דער אַרבעטער־שאַפט, ווערט אָפּגעריסן פון דעם אַרבעטער קלאַס. די אינטעליגענץ, און מיט זיי אויך די שרייבער, איז אין איר עצם אַ דינערין פון דעם הערשנדן בורזשואַזן קלאַס, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק.

די שטאַרקערע זיינען אומאָפּהענגיק, פרייע פויגלען, וואָס דינען זיך אַליין, וואָס קוקן אין זייער אייגענעם וועלטל, דאָס זיינען די שרייבער וואָס שאַפן נישט פאַרן מאַרק, אויף דער באַשטעלונג פון די לעזנדע באַלעבאַטישע פריילינס אָדער פון די רוטינערע בירגערלעכע באַגריפן, און זיי שרייבן פאַר זייער אייגענעם געשמאַק, וואָס איז ביזן עקס־טרעם פאַרשפּיצט און פאַרפיינערט, און די אַרבעטער מוזן אָנקומען צו די פאַרדאַרבענע קוואַלן פון דער פאַרקויפטער שונד־ליטעראַטור.

מיט דעם אויפשטייגן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס הערשער, מוז די לאַגע זיך ענדערן. די אינטעליגענץ, דאָס הייסט די באַגאַבטערע מענטשן פון פאָלק, בלייבן דאַן מיטן פאָלק און לעבן מיט אים, אָטע־מען מיט זיינע אינטערעסן, וועלכע זיינען זייערע אייגענע אינטע־רעסן, זיי האָבן נישט וואוהין צו אַנטלויפן פון אים אַלס דינער פאַר פרעמדע אינטערעסן, און דאַן איז אויך נישט מעגלעך די פילאַנטראָ־פּישע באַציאונג צום פאָלק מצד דער אינטעליגענץ, וועלכע קומט פון דער הויך אים באַזינגען און באַקרעכצן, נאָר עס איז פאַראַן די אויס־דרוקס ליטעראַטור, דאָס געזאַנג פון דער פאָלקס נשמה. עס איז פאַראַן יענע האַרמאָניע וואָס שטייגט אויף ווי איין איינציק געזאַנג, כאָטש יעדער איינער זינגט אַ פאַרשידענעם ניגון, עס שאַפט זיך יענע האַר־מאָניע, וואָס פּרץ האָט אונדז געוויזן צווישן די חסידים אין יענעם שמחת תורה „צווישן די צוויי בערג".

מיר האָבן שוין געהאַט צו זען אין רוסלאַנד; ווי נאָר דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבערן לעבן, האָט זיך שוין גענומען שאַפן די פּראָלעטאַרישע קולטור, האָבן שוין גענומען אויסשיילן זיך נייע פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן, אַ נייע פּאָעזיע, אַ נייע מוזיק, דער אויסדרוק פון זיין רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם און פון זיין אַרבעט און שאַפן. עס האָבן צו אונדז נאָך נישט דערגרייכט יענע נייע פאָרמען, זיי זיינען נאָך פאַר אונדז דאָ אומבאַקאַנט אַזוי ווי עס איז איבערהויפּט פאַר אונדז אומבאַקאַנט דאָס לעבן אין רוס־לאַנד. דער קורצער גרוס, אָבער, וועגן דעם „פּראָלעטקולט" וואָס עס האָט געבראַכט פון דאָרט מ. אָלגין, איז גענוג צו באַווייזן, אַז די נייע לעבנס פאָרמען, די נייע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, שאַפן

אויך נייע קולטור פאָרמען, זיי באַקומען זייער אויסדרוק אין דעם אינ־האַלט ווי אין דער פאָרם פון דער ליטעראַטור. צי איז דען נישט די באַר־דעקלאַמאַציע, דאָס קאָלעקטיווע באַראַלישע שאַפן, נישט אַן אויס־דרוק פון דעם קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן, וואָס האָט לעצטנס גענו־מען הערשן אין רוסלאַנד, צווישן דער אַרבעטערשאַפט?

איך ווייס אַז אין רוסלאַנד הערשט נאָך נישט דער קאָמוניזם, איך שאַף מיר אויך נישט קיין אילוזיעס אַז אַזוי גיך וועט ער דאָרט יאָ הערשן, איך ווייס אָבער, אַז ער גייט שוין פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אָפּגעלעבטער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און נאָך מער ווי דאָס, ווייס איך, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט שוין איצט, אַ סך פריער ווי איר אָרט האָט פאַרנומען די קאָמוניסטישע — פאַרלאָרן איר גאַנצן מאָראַלישן ווערט. דער בורזשואַזער יסוד וואַלגערט זיך איצט אויפן מיסט, די באַלעבאַטישקייט שכורט איצט אין קאַבאַרעט און דאָס געלט שטייט הייגט איין ביי געוועזענע באַלעגאָלעס וואָס האָבן געמאַכט געלט פון שמוגל, ביי משרתים וואָס האָבן געמאַכט געלט פון שפּעי־קולאַציע און מלחמה. אָט דאָס איז דער מוסטער פון דער היינ־טיקער באַלעבאַטישקייט, און נעמט איר אים איצט, אַלס מוסטער פון בורזשואַזער איידלהאַרציקייט און דערצויגנקייט!...

ניין, אפילו פאַר די שונד־ראָמאַנען טויג זי שוין היינט נישט אַלס מאַטעריאַל, די מאָראַלישע געפאַלענע בורזשואַזיע.

און דער סוף פון דער בורזשואַזיע מיינט דאָס אויפשטייגן פון דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר וואַרטן אויף זיין אינהאַלט אין דער ליטע־ראַטור, וועלכער וועט זיין נישט קיין אַנדערער ווי דער אויסדרוק פון אַרבעט און שאַפן און פאַר קיין פאַל נישט פון אַריסטאָקראַטישן ליי־דיקגיין, מיר וואַרטן אויף זיינע פאָרמען, וואָס וועלן געוויס זיין דער אויסדרוק פון קאָלעקטיוו לעבן און די פשטות און פאַר קיין פאַל נישט די אינדיווידועלע אָפּגעזונדערטקייט און דער חקרניש־למדנישער פּלפּול און מיסטיציזם.

שוין איצט, אין דער איבערגאַנגס צייט פון דער בורזשואַזער הערשאַפט צו דער פּראָלעטאַרישער, האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַזוי־גערופענע עקספּרעסיאָניסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור. די לי־

טעראָטור וואָס קומט אַלס אויסדרוק פונעם לעבן, פון אַרבעט און קאַמף געזען דורך מענטשן וואָס זונדערן זיך נישט אָפּ פון די מאַסן, נאָר וואָס שטייען אין זייערע רייען. אַזוי אַז ווען מ'לייענט די שרייבער זעט מען שוין נישט די גנעדיקע באָאָבאַכטער, אויך נישט די וואָס שטייען פון ווייטן און כאַפּן שטימונגען און איינדרוקן און אוודאי נישט די גריבלער אין די אייגענע נשמות וואָס גייען אום ווי די שאָטנס און קערן זיך מיט קיינעם נישט אָן; מיר הערן דאָ דאָס פאָלק אַליין אויסשרייען זיך, אויסזינגען זיך, אויפשווינגען אין בילד.

פון די אייניקע מוסטערן, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, הערן מיר דאָס אַרויס. דערוועיל, דאָס כאַאָטישע, דאָס חורבנדיקע, אַלעק-סאַנדער בלאָקס „צוועלף", פּרץ מאַרקישעס „קופּע". מיר הערן שוין די כטיכיע פון דער רעוואָלוציע, נישט קיין באַשריבענע נאָר אַן אַרויס־געשריגענע, ביי דער זייט פון פּאָגראָם און הונגער און נידערטרעכ-טיקער געפאַלנקייט, שפּייען זיי אויס זייער פּראָטעסט צום חלבנעם הימל, צו דער „שיינענדער" זון, צו דער „פּאָעטישער" לבנה און צום באַנקראָטירטן גאָט אין אַלע זיינע געשטאַלטן, וואָס איז אויף דער קופּע געשענדעט געוואָרן... פאַראַן נאָך אַנדערע, אַ גאַנצע ריי וואָס זינגען אויס דעם קאַמף און די אַרבעט פון דאָס דויטע רוסלאַנד. מיר זעען דאָרט יונגע אידישע דיכטער זינגען פון שלאַכטן, מיט אַ פאָן אַן אויפגעהויבענער אין דער געשטאַלט פון אַ חבר, יונג געפאַלן אין שלאַכט, און אַזוי אָפט באַגעגנט מען אין זייערע לידער דעם נאָמען אָשר שוואַרצמאַן.

צום באַדויערן זיינען זיי אונדז נאָך ווייניק באַקאַנט. אָבער זייער ביישפּיל מוז און וועט רופן די אידישע אינטעליגענץ צו ווערן נישט די אָפּגעשלאָגענע הושענות פונעם אידישן פאָלק, נישט זיינע למדנים און חקרנים מיט וועלכע ער גרויסט זיך, נישט געניסנדיק פון זיי, נאָר זייער אייגענער אויסדרוק, זייער אויסגעדריקטער כוח און ווילן, דער געזאַנג פון דער פאָלקס נשמה, וואָס ווערט פון פאַרשידענע ניגונים באַהאַפטן צו איין האַרמאָניע.

(יולי 1922).

די פּאָלעמיק אין דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין 1931

.1

אינעם פּראָצעס פון אויסקריסטאַליזירן זיך צו אן איינהייטלעכער ריכטונג פון פּראָלעטאַרישער שאַפונג און מאַרקסיסטישער קריטיק, ווי אינעם פּראָצעס פון פּאָליטישן רייף ווערן ביז דער מדרגה פון דיאַלעקטישער בויגזאַמקייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי אין איר פּובליציסטיק, פירט די סאָוועטישע ליטעראַטור א שווערן געראַנגל מיט דער ווירקונג פון דורות ליטעראַרישער ירושה, מיט דער ווירקונג פון דרויסנדיקע ריכטונגען, שולעס און אויטאָריטעטן, ווי מיט דער ווירקונג פון דער אינעווייניקסטער רעאַקציע אין אירע פאַרשיידנסטע סאָציאַלע געשטאַלטן, דער קולאַק, דער קליינבירגער, דער נעפּמאַן, דער דעקלאַסירטער, וועלכע אַפּעלירן אלס „באַאוולטע", צום געוויסן פונעם שרייבער, דעם אינטעליגענט, וועלכער טראָגט, פון זיין זייט, די אלטע שרייבערישע געוויסנס מיסיע...

באזונדערס איז דער געראַנגל שווער פאַר די שרייבער פונעם עלטערן דור, די וואָס טראָגן אויף זיך א גרעסערן געפּעק פון דער אלטער ירושה; זיי זיינען גענויגט צו סוביעקטיוון, אינטואיטיוון, ריינעמאָציאָנעלן אויפנעמען פון דערשיינונגען; זיי שטעלן אין זייער שאַ-

פונג העכער דאָס פאָרמעלע איבער דעם אינהאַלט; זיינען נישט פאַרבונדן מיט דער צייט און מיט דעם אָרט פון זייער שאַפן; פאַרשטייען אפשר נישט די צייט און עס באַקומען זיך אין זייער שאַפן אַנאַכראָניזמען, אַטאַוויזמען, פּאָליטישע אַבסורדן אָדער טאַקט-פעלערן, ווי מאַקסים גאָרקי האָט אָנגערופן די אַנטיסעמיטישע שטעלן, וואָס וואַרפן זיך דורך אין די ווערק פון בּרויעוויטש און אַנדערע סאָוועטישע שריפטשטעלער פונעם עלטערן דור.

ווייניקער זינדיקן אין די אַלע אָנגעוויזענע היגזיכטן די אינגערע סאָוועטישע שרייבער, אָבער אויף וויפל זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך די טראַדיציע פון די ליטעראַרישע פאָרמען, קומט זיי אָן אַלץ שווערער צו ספּראַווען זיך מיט דעם רויען מאַטעריאַל, וואָס זיי נעמען באַאַרבעטן. די גאָר גוטע מייסטערס געלינגט עס צו באַהערשן דעם מאַטעריאַל אַזוי אַז ער זאָל אין דער אויסגעפונענער פאָרם ווירקן קינסטלעריש, די קלענערע מייסטערס אָבער, שטייען אויס אַ געוואַלדיקן געראַנגל פאַר דער קינסטלערישער פאָרם; ווערנדיק זיין געטריי צום אינהאַלט, צום רויען מאַטעריאַל, פאַלן אַריין אַ סך פון זיי אין דער פּובליציסטיק, אינעם כראָניקערישן באַשרייבן און פאַרצייכענען, וואָס דאָס דערווייטערט אַלץ מער זייער שרייבן פון דער קונסט; וואָרום די קונסט איז אומעקזיסטירנדיק אָן פאָרם, פּונקט ווי זי איז זינלאָז אָן אינהאַלט.

אויב אָבער עס איז שווער דער געראַנגל פון די סאָוועטישע שרייבער, וואָס פילן אויף זיך די אחריות פאַר דער צייט, אין וועלכער זיי שאַפן, איז נאָך שווערער דער געראַנגל פון די סאָוועטישע ליטעראַטורקריטיקער, אויף וועלכע עס ליגט די אחריות פון אויסטייטשער און אָנווייזער, פון פירער און דערציער. און פונעם לערער פאָדערט מען שטענדיק מער אחריות ווי פונעם תלמיד. דעם ליטעראַטור-קריטיקער אין סאָוועטרוסלאַנד ווערט אפילו געגעבן אין דער האַנט אַ מאָס, אַ פּרוביר-שטיין,* וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאַרקסיסטיש-לעניניסטישער מעטאָד”, אָבער דער דאָזיקער מעטאָד איז נאָך אַליין אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי נישט פעסטגעשטעלט, אַז מכוח זיין פעסטשטעלונג גופא זיינען פאַראַן גרויסע חילוקי־דעות. דער גרעסטער אויטאָריטעט אין

מאַרקסיסטישער קונסט־קריטיק, פּלעכאַנאָוו, ווערט געטאַדלט, אַז בנוגע קונסט־פּראָגן, איז ער, דער שאַרפסטער דיאַלעקטישער מאַרקסיסט, ניכשל געוואָרן מיט דעם פייערבאַכישן אַנטראָפּאָלאָגישן מאַטעריאַליזם. און היות די סאָוועטישע ליטעראַטור און קונסט-קריטיקער, זיינען דאָך אויך מערסטנס „עלטערע" חברים, אָנגעזעטיקטע מיט אַלטער קולטור־ירושה, מיט אַלטער ליטעראַרישער פיינשמעקעריי און עס ליגן זיי נאָך אין טעם די ראַפינירטע ליטעראַרישע מאכלים פון די פריצישע און בורזשואַזע ליטעראַרישע קעכערס און עס איז שווער אויסצוטאָן זיך פון געוואוינהייטן, ווי באַוואָפנט מען זאָל נישט זיין מיט באָלשעוויסטישער אָביעקטיוויטעט, זינדיקן זיי טאַקע, אפשר קעגן זייער ווילן; פאַר פירער און לערער איז אָבער קיין מחילה נישטאָ.

מער דעריבער, ווי עס ווערט געשאַפן קינסטלערישעס אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז זי אַן אָביעקט פון קריטיק און פּאָלעמיק. קריטיק איבער די געשאַפענע ווערק און פּאָלעמיק צווישן די קריטיקער. מען קען זאָגן, אַז פון דער פּאָלעמיק איבער דער ליטעראַטור־קריטיק — פּאָלעמיק, וואָס ווערט געפירט אויף די קאַטעדרעס פאַר ליטעראַטור, אין צייטונגען, זשורנאַלן און אין ביכער — ווערט ערשט געשאַפן אָדער אויסגעקריסטאַליזירט די מאַרקסיסטישע אָדער מאַרקסיסטיש-לענינסטישע ליטעראַטור-קריטיק. די קריטיקער, נאַטירלעך, אַלס לערער, פירער און דערציער, באַקומען זייערע אָנהענגער, זייערע תלמידים צווישן די שרייבער, און די סימפּאַטיעס פאַלן צונויף, אויך נאַטירלעך, מיט די קעגנזייטיקע נייגונגען ביי די לערער און תלמידים. עס שאַפן זיך אַזוי אַרום ליטעראַרישע שולן, גרופּירונגען, וועלכע האָבן בכלל איין איינציקן ציל: די סאָוועטיש-פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור און די מאַרקסיסטיש-לענינסטישע ליטעראַטור-קריטיק, נאָר פאַרשידן אין זייער באַנעמען די וועגן צו דעם ציל, ווי פאַרשידן עס זיינען די וועגן דורך וועלכע זיי זיינען צוגעקומען צו אָט דער כלל־הנחה.

אָט די לאַנגע הקדמה איז מיר נויטיק געווען אויף אריינצופירן דעם לייענער אין דער פּאָלעמיק, וואָס פירט זיך אַרום דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, צווישן די דריי הויפּט־ריכטונגען, וואָס האָבן זיך אין איר געשאַפן, הויפּטריכטונגען, וואָס טראָגן די נעמען פון, די

דריי הויפּטשטעט, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די אידישע שרייבער און די אידישע פאַרלאַגס טעטיקייט, די אידישע הויפּט-אָרגאַנען און דעריבער אויך די אידישע ליטעראַטור-קריטיק: די מאָסקווער, די מינסקער און די כאַרקאָווער, אָדער די „ליטוואַקאָווטשינע", ווי די מינסקער און כאַרקאָווער רופן אָן די מאָסקווער ריכטונג, אָנגעפירט פון מ. ליטוואַקאָוו, דעם הויפּט-רעדאַקטאָר פון „עמעס"; די „נאַפּאָסטאָווצעס" (פון „נא פּאָסטו" — אויף דער וואַך), ווי עס האָט זיך א נאָמען געגעבן די מינסקער שיטה מיט אָרשאַנסקי און בראָנשטיין אין דער שפּיץ, און דער שיטה פונעם כאַרקאָווער זשורנאַל „פּראָליט", וואָס האָט בכלל נישט קיין אויסגעשפּראָכענעם פּרצוף און האָט אין איר שפּיץ שאַכנע עפּשטיין און איינעם א פעלדמאַן, אין דער אידישער ליטעראַטור א נישט באַקאַנטער, אָבער דערפאַר א וויכטיקער טוער אינעם אוקריינישן מלוכה-פאַרלאַג.

2.

כדי צו באַנעמען די דאָזיקע פּאָלעמיק אין דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלן מיר דאָ צוערשט געבן א קורצע כאַראַקטעריסטיק אירע לויט א פּאָרטראַג פון מ. ליטוואַקאָוו ביי דער אידישער אָפּטיילונג פון דער סאָוועטישער שרייבער-אָרגאַניזאַציע.

אָנגעוויזן האָט ער, אז „די פּראָצעסן אין דער אידישער סביבה זיינען נישט געגאַנגען מיט אזוינע טעמפּן, ווי דער נישט אידישער, באַזונדערס אין דער רוסישער. אין א רעזאָלוציע פון 1927 האָט די שרייבער אָפּטיילונג קאָנסטאַטירט, אז צווישן די „מיטלויפער", דאָס הייסט, צווישן די אומפּאַרטייאישע זיינען פאַראַן ווייניק קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, און אז דאָס איז באַזונדערס ריכטיק געווען פאַר די אידישע שרייבער, ווייל „די באַזע פאַר צווישנפּאָזיציעס פון צווישנשיכטן איז דאָן געווען א גאַנץ ברייטע. דאָס וואָס די ראַטנמאַכט איז א תרופה קעגן פּאָגראָמען, וואָס זי בויט שולן, שאַפט די נאַציאָנאַלע קולטור, הויבט אָן באַזאָרגן די אידישע באַפעלקערונג מיט פּרנסות, — דאָס אַלץ האָט געשאַפן א גאַנצע גאַמע נאַציאָנאַליסטיש-

קליינבירגערלעכע שטימונגען — כאָטש די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך געשט שטענדיק ביזן גרונט אנטבלויזט. אָבער, ווייזט ער אָן, די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע האָט אָט די שטימונגען פארשטאַרקט.

אזעלכע נאַציאָנאַליסטישע וואַקלונגען האָבן זיך ארויסגעוויזן אויפן צווייטן אַלפארבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר אין אַפּריל 1928 אין כאַרקאָוו. דאָרט זיינען ארויסגעטראָטן אייניקע לערער און ליטע־ראַטן מיט נאַציאָנאַליסטישע רעדעס. פאַר דער צייט האָבן אויפגעבליט אין דער ליטעראַטור טעמעס וועגן רואינירטע באַלעבאַטישע עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך „אונטער דער ראַד״ און וואָס זייער איינציקע האָפע־נונג איז אַז דעם ווילנער גאונס זכות זאָל זיי ביישטיין. געמיינט דער־מיט אַ דערציילונג פון ע. גאָרדאָן.

דער סאָציאַליזם זיגט אויך אין די ערטער וואו די אידישע באַ־פעלקערונג לעבט, דער קלאַסנקאַמף ווערט פארשאַרפט אויך אין דער אידישער סביבה, דער נעפּמאַן אין שטאָט און שטעטל ווערט געדרענגט און רואינירט, אויפן אידישן באַלעגוף גייט דער האַסטיקער אָנגריף. פריער האָט מען כאָטש געקאָנט באַקומען אַ טרייסט אין דער אידעאָ־לאָגיע פון „חיבת ערד־איינאָרדענונג״. איצט אָבער ווען מיר גייען אי־בער צו קאָלעקטיוויזירן די אידישע לאַנדווירטשאַפט, קומט צו נאָך אַ נאַציאָנאַלער ווייטיק אויך — עס ווערט פארפאַלן דער אויסזען פון דער אידישער נאַציע... ביי אַנדערע פאַרקערט, נעמט זיך דער ווייטיק דערפון, וואָס דאָס שטעטל איז, לויט זייער מיינונג נישט געזיכערט. די קליינבירגערלעך נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן גלויבן נישט אָדער הערן אויף צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון סאָציאַליסטישן איבער־בויען די אידישע באַפעלקערונג אין די ראַמען פון דער נאַצפּאָליטיק פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט. ס'איז אויך ביי אונדז רייף גע־וואָרן די סיטואַציע פאַר די שאַרפע קאָנפליקטן אין דער ליטעראַטור, וועלכע זיינען די צייט פאָרגעקומען...

אויף צו באַשטעטיקן אָט די פאַראַנגענע שטימונגען, ברענגט ער אַ בריוו פון ה. לייוויק צו די אידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, גע־דרוקט אין דער ניו־יאָרקער „וואָך״, וואו ער טענהט צו זיי: „איר, וואָס איר האָט אַזוי געקלאָגט אויף מיין ברוסט, וואָס איר האָט מיר

דערציילט מיט אזעלכע וויטיקן, אז מען טאָר ביי איים נישט זיין קיין סימוואַליסט, — איר גייט איצט אונטער דער בייטש און מוזט פאָלגן און אָנעמען רעזאָלוציעס קעגן אונדז".

און נאָכדעם ווי מ. ליטוואַקאָוו מאכט א רייזע איבער דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור, איבער די עלטערע און די יונגערע, שטרייכט ער אונטער, אז דעם אָרט פון דער פאָעזיע נעמט שוין איבער די פּראָזע און ווייזט אָן ביי די עלטערע די רעשטן פון אלע אידעאָלאָגיעס, די נישט גענוגנדיקע נייגונג וואָס זיי ווייזן ארויס צו די נייע טיפּן, צום ארבעטער, צום פּארטיי-טוער, צום נייעם אידישן פּויער, און ביי די יונגע, זייערע פּרואוון און שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל אויף כ. אַרלאַנד וואָס שילדערט דעם פּארטיי-טוער, און אויף דעם יונגן אלבערטאָן, וועלכער איז צווישן אונדז באקאַנט מיט זיין בוך „ביראָבידזשאַן" און מיט זיינע פּרואוון אריינצופירן אין דער אידישער ליטעראַטור דעם ארבעטער פון דער גרויס-אינדוסטריע. ער ווייזט אויך אָן אויף דעם שטרייט וואָס גייט אָן צווישן קינסטלער און לייענער אין סאָוועטרוסלאַנד.

„מיר טענהן — זאָגט ער — פאַרוואָס דער קינסטלער גיט נישט גלייך די בוויונגס פּראָצעסן, ענטפערט מען אונדז אָפּט מיט פאַרשידענע חקירות, דערין אויך מיט דעם מאָטיוו, וואָס די פּראָצעסן האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזעצט, נישט אָפּגעשטעלט, זיך נישט אויסקריסטאַליזירט. לויט דער דאָזיקער „טעאָריע" קומט אויס, אז אלץ וועט קאָנען אָפּגעשפּיגלט ווערן נאָר דאַן, ווען מיר וועלן זיך האַלטן אין אונדזער בוויונג ביי קליינע טעמפּן, ווייל נאָר ביי לאנגזאַמע טעמפּן קאָנען דערשיינונגען „אָפּגעזעצט ווערן" אויף אזא אופן, אז דער „געלאַסענער" קינסטלער זאָל זיי קאָנען אויפּכאַפּן. מיר לעבן אָבער ביי אזוינע טעמפּן, אז גאנצע עפּאָכעס פליען שנעל אריבער, און איידער דער קינסטלער וועט זיך א ריר טאָן איבערצודיכטן דאָס, וואָס ער וויל זעען אין אָפּגעזעצטן צושטאַנד, וועלן מיר שוין האַלטן ביים צווייטן אָדער דריטן עטאַפּ. די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור דאַרף דאָ אריינטראָגן געוויסע ענדערונגען אין דער עסטעטיק, זי דאַרף דערקלערן, אז עס זיינען נישטאָ אזעלכע פּראָצעסן, ווי שנעל זיי זאָלן נישט

איבערגיין אין אנדערע, וואָס זאָלן נישט קאָנען אָפּגעשפּיגלט ווערן פון דעם קינסטלער און זיינע ווערק.

„ביי אָרלאנדן — ווייזט ער אָן — האָבן מיר שוין אָן אָנהויב פאר א גאנצער גאלעריי טיפּן פון די, וואָס קומען איבערבויען דאָס שטעטל. מיט זיי קאָן מען אָפּעררירן די פּראָצעסן פון סאָציאַליסטישער בוווּנג אין און ארום שטעטל. אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאמענ־שלוס פון די אָפּגעשטאַנענע פּאָלישטשוקעס מיט אויך אָפּגעשטאַנענע אידישע שטעטלשע קבצנים, וואָס ווערן צוזאמען איבערגעקאָכט, איבער־געשמאָלצן אינעם קעסל פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, איז אַן אמת־קינסטלעריש בילד, ווי די סאָציאַליסטישע בוווּנג ענדערט דעם ארום און שאפט א נייעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן שטייגער, סטיכיש אפילו ביי אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן. אָט די אלע אָוורוצקים, גיטליאַנ־סקים און אנד. זיינען איבערגעדיכטעטע פּעוסאָנאַזשן, וואָס מיר שטויסן זיך אָן זיי אָן איז אונדזער אלטעגלעכער ארבעט, וואָס מיר לייענען וועגן זיי אין קאָרעספּאָנדענצן, באהאנדלען זייער טעטיקייט אויף פארזאמלונגען און קאָנפערענצן. דער אינזשיניער גארן איז א נייער טיפּ, שוין א סאָוועטישע באשעפעניש אין דער אידישער ליטע־ראַטור, און דאָס אלץ גיט אָרלאנד אין סטיל פון אזא רעאליזם, וואָס גריבלט זיך נישט אין דער פּסיכאָלאָגיע פונעם איינצלנעם, נאָר גיט אונדז פילן די מאסן־האנדלונג".

אלבערטאָן און אָרלאנד בילדן, לויט זיין מיינונג, דעם פּאָן פון דער אידישער סאָוועטישער פּראָלעטארישער ליטעראַטור פארן לעצטן יאָר.

„וואָס אָנבאלאנגט דאָס דאָרף, דעם קלאַסנקאמף, וואָס קומט פאָר אין דאָרף און ביזן דאָרף, נאָך אָנהויבנדיק זיך אין שטעטל, האָבן מיר א אינטערעסאנט ווערק „ווילד־גראָז", אליה גאָרדאָנס. דאָ האָבן מיר אויך א נייעם טיפּאַזש. א פּוועררשע טעמאטיק, נאָר געגעבן אין א פּראָלעטאַרישער אויפאסונג".

סיי אָרלאנד און סיי אלבערטאָן זיינען אוקריינער אידישע שריי־בער, דער ערשטער א וואָלינער, דער צווייטער א דרום־אוקריינישער, א דניעפּראָפּעטראָווסקער. צווישן די ווייסרוסישע יונגע געפינט ער

גראָד אַ סך אַזעלכע, וואָס זוכן די אַרבעטער־טעמע, זיינען זיי, אָבער, לויט זיין מיינונג רוי, באַגרייפן נאָך נישט די ווירקלעכקייט... געפינט מען צווישן זיי איינעם אַ טאַלענטירטן, איז ער פול מיט קליינביר־גערלעכער מרה שחורה...

ביי די עלטערע — און ער שוינט נישט קיינעם — אויך ביי די וואָס ער האָט זיי, ביי זייער אָנהויב, אַרויסגעהויבן, געפינט ער בלויז אָפּנייגן אויף רעכטס. אין דער צייט — זאָגט ער — וואָס דער אויבן געשילדערטער טייל ליטעראַטור איז געוועגדעט מיטן פּנים פאָרויס, אַריינגעטאָן אין קינסטלערישן איבערדיכטן די פּראָצעסן פון סאָציאַ־ליסטישער בויאונג און אירע פערסאָנאַזשן, פאַרנעמט זיך דער רעכ-טער פלאַנג מיט וויינען אויף די טייכן פון בבל. דאָס איז אַ פלאַנגע פון איכה־זאָגער, וואָס האַלטן אין איין קלאָגן אויף די חורבות פונעם שטעטל, אויפן אונטערגאַנג פונעם אַלטן גביר.

מען פרעגט דאָ צי דען טאָר אַ קינסטלער נישט ווייזן ווי עס גייט אונטער דער גביר. ווען איך ענטפערן: אָט זיינען מיר אַלע גע-ווען אויפגעבראַכט קעגן בולגאַקאָווס „דני טורבינים". און דוכט זיך וואָס איז דער טומל? צי דען טאָר מען נישט ווייזן, ווי אַזוי איידעלע קינדער, יונגע קאַדעטן קומען אום אונטערן פּראָלעטאַרישן שווערד? אָבער די פראַגע באַשטייט דאָך דערין, צי זיינען מיר שוין אַזוי גע-זיכערט, צי האָבן מיר שוין פאַרניכטעט דעם קלאַסן-פיינט, אַז מיר זאָלן זיך קענען שוין פאַרנעמען לשם ריינער קונסט מיט אויסגעפינען מענטשלעכע עמאָציעס אפילו ביי שונאים? די לאַגע איז אין קיין פאַל נישט אַזאַ. עס גייט ביי אונדז אַ פאַרשאַרפטער קלאַסן קאַמף, מיר האָבן פאַר זיך די זעלביקע שונאים צי אין זייער אַמאָליקן געשטאַלט, צי איבערגעטוענע לויט די פאָדערונגען פונעם מאָמענט. וועקן רחמנות צו זיי, זיי קינסטלעריש רעהאַביליטירן, זיך גריבלען אין זייערע פּסי־כאָלאָגישע איבערלעבעכצן — איז איצט אַ פאַרברעכן. און די וואָס זייער קינסטלערישער אינטערעס איז צוגעשמידט צו די אַלטע, פאַר־משפּטע עלעמענטן, ווייזן זיי דערמיט אַז קיין אַנדער זאַך זעען זיי פאַר זיך נישט, אַז זיי האָבן נישט קיין אַנדער פאָן פאַר מאָלן קינסט־לערישע בילדער.

מיר האַלטן אַז ליטעראַטור אָרגאַניזירט די פּסיכיק. די פראַגע איז נאָר — וועמענס פּסיכיק. און ווען איך לייען וועגן דעם ווילנער גאונס פּאָרטרעט, און מען טונקט מיך אין די „פּערעזשיוואַניעס", אין די איבערלעבעכצן פון די גבירים, וואָס געפינען זיך „אונטער דער ראַד", רופט עס ביי מיר נישט אַרויס קיין מונטערע שטימונג צו קאַמף קעגן די דאָזיקע עלעמענטן, אויב נאָר, פאַרשטייט זיך, די ווערק וועלכע ריידן דערפון זיינען מיט טאַלאַנט אָנגעשריבן. און אַזוינע שרייבער ווי א. קאַהאַן וואָס האָט שוין אַמאָל געשריבן וועגן איבער־לעבעכצן פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן („מענטשן פון אַלקיר", „שכנים") און וואָס איצטער האָט ער זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט אַ שיכט העכער, אָדער נח לוריא, וואָס זיין שרייבערישע אויפמערק־זאַמקייט איז צוגעשמידט צום מענטשן „אונטער דער ראַד", — אַזעל־כע שרייבער ווייזן שוין דערמיט אַליין אַרויס זייער אָריענטאַציע.

אַ באַזונדער קאַפּיטל גיט אַפּ מ. ליטוואַקאָוו אין זיין רעפעראַט די מאָסקווער ליטעראַטן. ער זאָגט וועגן זיי:

„פאַר די אידישע שרייבער וואָס געפינען זיך אין מאָסקווע, שטייט אַ זייער ווייכטיקע פּראָבלעם, וועגן זייער טעמאַטיק. טעמעס, מאָטיוון, סיוזשעטן ווערן נישט אויסגעזויגן פון פינגער. זיי קומען אויף אין דער אַלטעגלעכער דערפאַרונג. שטעלט זיך פאַר די מאָסקווער אי־דישע שרייבער די פּראָבלעם פון שטענדיקער אוממיטלבאַרער פאַרבינ-דונג מיט די אידישע אַרבעטער מאַסן. די פאַרבינדונג פון די אידישע שרייבער מיט די מאַסן אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס איז שטאַרקער סיי אין ווייסרוסלאַנד און סיי אין אוקריינע. די מאָסקווער אידישע שרייבער האָבן שוואַכע פאַרבינדונגען מיט די היגע אידישע אַרבעטער מאַסן און כמעט קיין פאַרבינדונג נישט מיט די נישט-אידישע אַר־בעטער מאַסן. זיי קומט אויס שאַפן אָדער על פּי זכרון, אָדער על פּי שכל. ביי גאָדינערן למשל, זיינען זיינע געשטאַלטן מער קאָפּ־גע-שטאַלטן איידער דערפאַרונג פון אַ קינסטלער. אָבער זיין אידעאָלאָגי־שע אָריענטאַציע גייט דאָך שטענדיק אויף לינקס."

דאָס גיט זייער פיל צו דענקען וועגן דער סיטואַציע פון אידישע שרייבער נישט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך פון ניו־יאָרק און בוענאָס-

איירעס, און איז אַ שליסל צו אַנדערע וויכטיקע דערשיינונגען אין דער אידישער ליטעראַטור בכלל. נאָר דאָס איז אַ באַזונדער ענין. עטוואָס וועגן דעם ענין האָב איך אָנגעדייט אין מיין אַריינפיר צום בוך וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. דאָ בין איך נאָר אויסן צו־צוגעבן מיינס אַ וואָרט צו דער פּאָלעמיק, לויט די איינדרוקן, וואָס איך האָב באַקומען אויפן אָרט, בעת מיין באַזוך אין די דריי צענטרן פון דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אויגוסט 1929. און צו דעם גיי איך.

3.

דעם ערשטן שאָס אין אָט דער פּאָלעמיק האָט געגעבן לייב קוויט־קאָ, דער באַגאַבטער קינדער־דיכטער און ליריקער, וועלכער האָט אי־נעם כאַרקאָווער אידישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די רויטע וועלט", וואָס איז רעדאַקטירט פון שכנא עפּשטיין, אָפּגעדרוקט אייניקע זשאַרזש־לידער, אין וועלכע ער האָט באַליידיקט מ. ליטוואַקאָוון, אים אָנגערופן „שטינק־פויגל". געווען איז עס נאָכדעם ווי ליטוואַקאָוו האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט אין דער אידישער סעקציע פון דער אַלפאַרבאַנדישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע איבער דעם צושטאַנד און פּערספּעקטיוון פון דער אידישער ליטעראַטור, וואו ער האָט געפאָדערט פון די אידישע שרייבער זיי זאָלן צופּאַסן זייער ליטעראַרישן שאַפן צום קורס פון דער ראַטנפאַרבאַנדישערווירטשאַפט.

דער קורס איז געגאַנגען אויף דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער סאָ־וועטישער אַגריקולטור און אידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך ערשט נעהאַט איינגעוואָרימט אין דער אידעאָלאָגיע פון „חיבת ערד־איינאָר־דענונג", ווי ליטוואַקאָוו האָט דאָס אָנגערופן, אין וועלכער דער עיקר איז געווען די איינאָרדענונג און זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אידילישער פרייד מיט דעם איבערגאַנג פון די רוינירטע באַלעבאַטים אויף ערד־אַרבעט, האָבן נישט מיטאַמאָל געפונען אין זיך אָט די דיאַלעקטישע בויגעוודיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע.

אידישע שרייבער, וואָס האָבן געבויט זייערע נאַציאָנאַלע אידישע פּערספּעקטיוון אויף דער סאָוועטישער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק, האָבן מורא באַקומען, אַז די אַגראַרע קאָלעקטיוויזאַציע וועט אָפּהאַלטן

דעם שטראָם פון די אידישע דעקלאַסירטע מאַסן צו דער ערד און דער־מיט אויך צו דער באַפעסטיקונג פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן. אנדערע, ווידער, האָבן מורא געהאַט פאַר דער אינדוסטריאַלי־זאַציע; די וואָס האָבן געזען די פּערספּעקטיוון פון דער נאַציאָנאַלער אידישער קולטור אין דעם באַלמעלאָכישן שטעטל, האָבן מורא געהאַט, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע זאָל אוועקנעמען ביים שטעטל דעם באַל־מעלאָכישן פונדאַמענט, אויף וועלכן זיי שטיצן זייערע פּערספּעקטיוון.

די קאָלעקטיוויזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע האָבן בכלל ארויס־גערופן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ שאַרפע פּאָלעמיק און צע־רודערונג, פּאַראַלעל מיט דער פּאָלעמיק אין די פּאַרטיי־קרייזן. די אָפּנויגן אויף לינקס און רעכטס, אויף דער זייט פון טראָצקין און בוכאַרינען, האָבן געהאַט זייער אָפּשפּיגלונג אויך אין דער בעלעטריס־טיק. מער ווי אַלץ, אָבער, האָבן אָט די אָפּנויגן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור־קריטיק, אין די קרייזן, וואו מען האָט געטראָגן אויף זיך די אחריות פאַר דער האַרמאָנישער מיטאַרבעט פון דער ליטעראַטור מיט דער רעוואָלוציע.

אַזוי לאַנג ווי די פּאָלעמיק איז געגאַנגען צווישן די קריטיקער, האָבן די שרייבער דאָס באַטראַכט ווי אַ מין אידייען־געפעכט, וואָס איז זיי נישט מחייב צו ענדערן זייערע קאָנצעפּציעס און סימפּאַטיעס; ווי נאָר אָבער די פּאָלעמיק איז אַריבער צו די שרייבער־אָרגאַניזאַציעס מיט דירעקטע אָנווייזונגען אויף די און יענע אָפּניינגלער, איז אַריינ־געטראָטן די דאָזיקע צערודערונג, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו דער אויסלענדישער פּרעסע, ווי אַן אָנזאָג פון אַ „רעוואָלוציע" אָדער פון אַ „בונט" קעגן דער דיקטאַטור פון דער אָפיציעלער ליטעראַטור־קריטיק. צו דער אידישער פּרעסע אין אויסלאַנד איז די ידיעה דער־גאַנגען ווי אַ „בונט" אין דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור קעגן מ. ליטוואַקאָוון.

אין דער אמתן, ווי איך האָב דאָס געקענט זען, איז אין דער אי־דישער ליטעראַטור־קריטיק געוועזן מער מ ו ר א פאַר אפּיקורסות קעגן דעם קורס און דער ליניע איידער ווירקלעכע אפּיקורסות, באַמש אין זיין רעפערעט האָט מ. ליטוואַקאָוו מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף

דעם און אויף יענעם, שיר נישט אויף אַלעמען. די מורא איז געקומען פון דער אחריות אין דעם שאַרפן מאָמענט פון קורס־ענדערונג. די הויפּט חלוקי דעות האָב איך געזען אין דער פריער דערמאָנטער געאָ־גראַפישער איינטיילונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, פון אירע דריי צענטרם: מאָסקווע, כאַרקאָוו־קיעוו און מינסק.

מאָסקווע איז געווען דער צענטער פון דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־קאָנטראָל, פון דעם „עמעס" און איר רעדאַק־טאָר, און מער ניט. די אידישע בעלעטריסטן, וואָס האָבן געוואוינט אין מאָסקווע, האָבן ניט געשאַפן קיין אייגענעם מאָסקווער צענטער, זיי האָבן זיך צוגערעכנט צו איינעם פון די צוויי אַנדערע: צום אוקריינישן אָדער צום ווייסרוסישן.

די ביידע צענטרן האָבן הינטער זיך געהאַט אַלטע איינגעפונדע־וועטע ליטעראַרישע טראַדיציע און אויך ליטעראַרישן איינפלוס פון דער אָרטיקער ליטעראַטור.

פריי פון יעדער ליטעראַרישער טראַדיציע און מיט דעם אויג גע־ווענדט נאָר צו דאָס צערודערטע און צו דאָס ווערנדיקע, האָט „מאָס־קווע" אויפגענומען גערן יעדע מאַניפעסטאַציע אין דער אידישער לי־טעראַטור, וואָס האָט געריסן מיט דעם אַלטן און געטאַדלט יעדן שפּור דערפון.

מ. ליטוואַקאָוו האָט שוין דעמאָלט געהאַט קריטיש איבערגע־שאַצט די קלאַסישע אידישע ליטעראַטור און זי אינגאַנצן אַרויסגע־שטעלט אין דער שיין פון „אומרו", טאַדלענדיק אין איר יעדן קער אויף טראַדיציע, אַלץ אין איר האָט ער אָוועקגעשטעלט אויף דעם וועג צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און האָט פאַרמישפּט, ווי גאָט ברוך הוא לוטס ווייב צו ווערן אַ סטויפּ זאַלץ, יעדן איינעם וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן אויף צוריק, אַנהויבנדיק פון פּרצן.

אַרויסגעהויבן האָט ער די אַרבעטער־שרייבער אָדער די שרייבער אויף אַרבעטער־טעמעס, די וואָס האָבן מיט סימפּאַטיע געזען אידן גיין אין די „שאַכטעס" גראָבן אייזן און קוילן, די וואָס גייען אין די פאַבריקן און די וואָס האָבן זיך אָוועקגעלאָזט קיין ביראָבידזשאַן, אָ י ב ע ר ב ײ ט ן זייער לעבן. נישט פאַרליטן האָט ער אַפילו די

שפּראַכלעכע רעמינעסצענסן פון דער פּאַרגאַנגענהייט ביי די אידישע פּראָזאיקער און פּאָעטן, זייער באַנוצן אימאַזשן פון די עלטערע אידי־שע עפּאָכן, ווער שמועסט פון דער העברעישער, פון דער ביבלישער. געהאט האָט ער אַלס מוסטער נאָר דאָס נייע, וואָס קומט אויף אין מאָסקווע.

דער כאַרקאָווער־קיעווער צענטער, פאַרקערט, האָט געצויגן אַ פּאָ־פּוליסטישן יחוס, דעם יחוס פון דער אידישער פאָלקס ליטעראַטור און האָט זיך אויך געשטיצט אויף דער איינשטעלונג פון דער אוקריייני־שער ליטעראַטור מיט איר פאָלקסטימלעכער טראַדיציע.

די אוקריינישע אידישע שרייבער, מערסטנס אַליין קינדער פונעם פאָלק, פון דער ווייניק דיפערענצירטער אָרימקייט, פון די אידישע שטעטלעך, דערצויגענע אויף דער אידישער ליטעראַטור, האָבן אין מענדעלען און שלום עליכמען, אין פּרצן און רייזינען און הירשביינען, געזען פלייש פון זייער פלייש, מיט אַלץ וואָס זיי האָבן אין זיך, מיט זייער שפּראַך און מיט אַלע זייערע חנען. און די אידישע קולטור, דאַרף מען וויסן, די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, האָט אין אוקריינע גע־קעמפט און אויסגעקעמפט פאַר זיך אַן אָרט, אינמיטן דעם גייעג פון דער אוקרייניזאַציע, וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען.

ליטוואַקאָוו אין מאָסקווע האָט אָט די ספּעציפישע לאַגע פון די אוקריינער אידישע קולטור־טוער און שרייבער נישט געפילט, נישט געשענקט איר קיין אויפמערקזאַמקייט. אוודאי איז אים גרינג געווען צו טאַדלען די אוקריינער אידישע שרייבער אין נאַציאָנאַליסטישע סענטימענטן און אין סימפּאַטיעס צו די קליינבירגערלעכע עלעמענטן.

דאָס אייגענע וואָס דער כאַרקאָווער־קיעווער צענטער האָט גע־האַט פאַר זיך אין אוקריינע וואָס שייך אויסקעמפן אַן אָרט פאַר דער אידישער קולטור אינערהאַלב דעם גייעג אויף אוקרייניזאַציע, האָט אויך דער מינסקער צענטער געהאַט בנוגע דעם גייעג פון די ווייס־רוסן אַריבערצופירן די קולטור אויף די רעלצן פון דער ווייסרוסישער שפּראַך און געווינען דעם טראַדיציאָנעלן עולם פאַר דער סאָוועטישער אָרדענונג.

דער חלוק דאָ איז געווען נאָר דער, וואָס אין ווייסרוסלאַנד האָט

די אידישע קולטור און ליטעראַטור געהאַט אַנדערע טראַדיציעס ווי אין אוקריינע. דאָ איז פאַר דער רעוואָלוציע שטאַרק געווען דער „בונד" מיט זיין אידעאָלאָגיע פון שטעטלשן קלאַסן־קאַמף. דאָ, אין די מער קלאַסן־דיפערענצירטע, מער אינדוסטריאַליזירטע שטעט און שטעטלעך, האָט מען שטאַרק געקלעפּט צו פּרצן פון דעם „שטריימל" און פון זיינע „סאָציאַלע מאָטיוון", פון די „צוויי ברידער" און פון דער „גייטאָרקע"; דאָ האָט מען בכלל געצויגן צו די פּוילישע אידישע שרייבער און אויב מען רעדט שוין פון טראַדיציע, האָט דאָ געלאָזן אַ גאַר טיפן שפּור ה. לייוויק מיט זיין „הירש לעקערט" און מיט זיינע „סיבירער וועגן".

און בעת ביי ליטוואַקאָוון, דעם אַמאָליקן ציוניסט און עס־עסאָווניק, האָט סאָציאַלער מאָטיוו געמיינט דער גאַנצער סאָציאַלער פּראָצעס פון די אידן אין געוועזענעם תחום, האָט ער ביי דוניעצן, למשל, אָדער ביי אָרשאַנסקין געמיינט אַ שטרייק פון די זאָקנמאַכערס, פון די וועבער און גאַרבער.

אַז געוועזענע בונדאָווצעס, געוואָרענע סאָוועטישע טוער, האָבן נישט קיין שטרייקן צו פירן, זוכן זיי דעם קלאַסן־קאַמף אין דער אייגענער מיט, באַזונדערס אין דער ליטעראַטור, פירן זיי איבער דעם קאַמף אויף די כלי קודש, אויף די רעשטן פונעם „שטריימל".

און זיי האָבן טאַקע נישט געקענט פאַרליידן ווען ליטוואַקאָוו מאַכט פון פּרצן אַ רעאַקציאָנער. איך האָב עס שוין געזאָגט, בעת איך האָב געשריבן וועגן שכנא עפּשטיין, אַז ליטוואַקאָוו האָט געהאַט מער אויסצווזעצן קעגן אים פאַר זיינע „סאָציאַלע מאָטיוון ביי פּרצן" איידער פאַר זיין דורכלאָזן, אַלס רעדאַקטאָר פונדעם זשורנאַל „רויטע וועלט", דעם שאַרזש אויף אים פון לייב קוויטקאָ*).

*) די אַלע דיפערענצירונגען פון די דריי אידישע קולטור־צענטרן, ווי איך האב זיי געזען אין 1931, זיינען שוין לאנג פארשוווּנדן, אסך פריער נאך ווי דער נאַציסטישער שונא האט אפגעמעקט פון דער אידישער קולטור־מאפּע כארקאָוו, קיעוו און מינסק. מיר האבן שפּעטער געזען אין קיבישעוו און אין מאסקווע סיי די מינסקער און סיי די כארקאָווער. נאר אז מען קערט זיך אום מיט דעם געדאנק צוריק אין דער צייט צו יענער פּאלעמיק, מוז מען אין איר געפינען די פארשידענע וועגן פון דער אידישער ליטעראטור, וואס פירן אלע צו איין ציל, צו איר גאנצקייט, מיט אלע אירע פארשיידנקייטן.

קולטור־פערזענלעכקייטן

ש. דובנאָוו — דער היסטאָריקער וואָס האָט אַרויפגעפירט די אידישע געשיכטע אויף אירע נאַציאָנאַלע רעלסן

אין יאָר 1882 איז אין דעם פּעטערבורגער זשורנאַל „רוסקי יעווּ־רעי" דערשינען אַן אָפּהאַנדלונג פון א נייעם אומבאַקאַנטן ביז דע־מאָלט אידישן פּובליציסט, ש. דובנאָוו, איבער דער פילאָזאָפיע פונעם אידנטום, אונטערן טיטל: „די הויפּט מאָמענטן אוים דער געשיכטע פונעם אידישן געדאַנק", וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אידישער אינטעליגענץ צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, דערמיט וואָס דער מחבר האָט אויף א זייער געלונגענעם אופן, כאָטש אין אַן אַפּאָלאָגעטישן טאָן, איבערגעגעבן דעם תמצית פון דער גאַנצער מענדעלסאָנישער פילאָזאָפישער סיסטעם וועגן דעם דאָגמען־לאָזן גלויבן וואָס איז געוועזן אַן אָפּלייקענונג פון דער רמב"מס עיקרים אָבער אין דער זעלבער צייט א פּאַרטיפונג פון זיין שכלדיקן גלויבן און וועגן מענדעלסאָנס פאָדערונג אָוועקצונעמען ביי דער רעליגיע איר מאַכט איבערן לעבן, איבערגעבנדיק די גאַנצע מאַכט דער מלוכה, ווי ער פאָרמולירט דאָס אין זיין ווערק „ירושלים", איבערלאָזנדיק פאַר איר דאָס אָפּהיטן די רעליגיעזע מנהגים, וואָס זיי דינען אַלס פאַקטאָר פון פאַראייניקונג... א פילאָזאָפיע, וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיט די אידייען פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן־ראַציאָנאַליסטן און

מיט דער אידייע פון קאַנטס קאָסמאָפּאָליטישן שטאַט און איז געווען אויף דער האַנט פון דער אידישער אַסימיליאַנטישער בורזשואַזיע. צווייטנס, און דער עיקר, האָט געצווינגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די אָפּהאַנדלונג צוליב איר דערשיינען אין א צייט ווען די מענדעלסאָנישע השכלה אין רוסלאַנד איז שוין געווען אין קריזיס ביי דער אידישער אינטעליגענץ.

אין יענער צייט, 1882, איז שוין צווישן דער אידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד שטאַרק פאַרשפּרייט געווען משה לייב ליליענבלומס גרויסער וידוי, ווי ער אַליין האָט אָנגערופן זיין בראָשור „חטאת נעורים" (יוגנט-זינד), וואָס האָט מיט זיך באַצייכנט דעם גרויסן איבערברוך אין זיינע אייגענע השכלה-אידייען און אין די השכלה אידייען פון זיין דור, די אידייען פון דער „השכלה בת השמים" (די הימלישע טאָכטער), וואָס איז מיט אן אמת אזוי ווייט געווען פונעם פאָלק, ווי דער הימל איז ווייט פון דער ערד. משה לייב ליליענבלום האָט שוין דעמאָלט געהאַט ביטער אויסגעלאַכט אין זיין סאַטירע „מישנת אלישע בן אבויה" זיין אייגענע פאָדערונג צו רעפאָרמירן דעם „שולחן ערוך", ווי א תרופה צו אלע איבלען פונעם אידישן פאָלק און אוודאי שוין די מיינונג אז ס'איז גענוג דערצו אידן זאָלן אונטערהאַקן די קאָפּאָטעס און נעמען ריידן רוסיש. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט א נייגונג צו שרייבן אידיש, ווי ער האָט דאָס שפּעטער געטאָן אין דעם „אידישן וועקער" (1887) און מיט זיינע ציוניסטישע פּיעסן, וואָס ער האָט פאַרפאַסט פאַר גאָלדפאַדענען, אַרויסגייענדיק פון דער נוצלעכקייט טעאָריע, פון וועלכער ער איז געווען אן אָנהענגער, אונטער דער ווירקונג פון דעם רוסישן פּובליציסט פּיסאַרעוו.

די אידישע אינטעליגענץ האָט שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט משה לייב ליליענבלום א צייט פון סאָציאַליסטישע נאָכטראַכטענישן אונטער דער ווירקונג פון טשערנישעווסקים סאָציאַליסטישן ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט" (וואָס דאַרף מען טאָן?) און געזען פאַר זיך גאַנץ אַנדערע קאָנקרעטע אידישע פּראָבלעמען: די פּראָדוקטיוויזירונג פון די אידישע מאַסן, די דעמאָקראַטיזירונג פון

די אידישע קהילות, די פאַרוועלטלעכונג פונעם גאַנצן אידישן לעבן... אונטער דער ווירקונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס פּאָגראָמען און זיינע „צייטווייליקע געזעצן", איז שוין שטאַרק פאַרשפּרייט געווען די „חיבת ציון" באַוועגונג, וואָס ליליענבלום — דער ריז פון דער השכלה־באַוועגונג — האָט זיך געשטעלט אָן איר שפּיץ און אין בער־לין איז שוין דעמאָלט געהאַט דערשינען לעאָן פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע", וואָס האָט אין אַ קרעפטיקער פאָרם אויסגע־לייגט די ציון־אידייען פון משה העס און פּרץ סמאָלענסקין און איז געוואָרן די באַזע פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, ווי אַ רעאַקציע קעגן דער אַסימיליאַטאָרישער השכלה.

ש. דובנאָווס אַפּאָלאָגעטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דער מענדעלסאָ־נישער יודנטום־פילאָזאָפיע איז, פון דעסט וועגן, נישט געווען קיין צופעליקייט. דער 22יעריקער מסטיסלאַווער יונגערמאַן, וואָס האָט דעמאָלט אין פּעטערבורג פאַרעקשנט און אומזיסט געקלאַפּט אין אַלע הויכע טירן אויף אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט, האָט דעם ענין גענומען גאַנץ ערנסט און אין אַ דירעקטן ענטפער לעאָן פּינסקערן, דרוקט ער אָפּ אין 1883 אַ סעריע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד" אונטערן טיטל: „וואָס פאַר אַ אויטאָעמאַנציפּאַציע אידן באַדאַרפן". ער רעדט דאָרט אין נאָמען פון דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ, וואָס איר אינדיווידועלע פרייהייט פאַרט זיך נישט מיט דער תלמודישער דיסציפּלין פונעם אידישן לעבנסשטייגער און אַז „אינערלעכע רעלי־גיעז־שטייגערישע רעפאָרם, אָט דאָס איז די שרייענדיקע נויטווענדי־קייט". אין די אַרטיקלען טרעט ער אַרויס שאַרף און אַנטשלאָסן קעגן דעם געדאַנק, אַז אידן זיינען אַ נאַציע. „ביי אידן — שרייבט ער דאָרט — איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע איינקייט און בלויז אַ רעלי־גיעזע; איין רינגעלע פאַרבינדט די אידן — די רעליגיעזע איינהייט" אָבער „אויך אָט דאָס איינציקע רינגעלע, די רעליגיע, געפינט זיך אין אַ נישט געהעריקן הייטל און שולדיק דערין איז דער תלמוד, וואָס האָט אָן שום נויטווענדיקייט דערצו, קאָמפּליצירט און אפילו דערפירט ביז צום אַבסורד משהס געזעצגעבונג" און נאָכמער דער רבניזם. נויטיק איז „אָפּצושאַפן די ראַסן־אָפּגעזונדערטקייט, וואָס

דער רבניזם האָט פאַרהייליקט. און מאַן דאַרף מען דאָס דורך אונ־טערגראָבן זיינע יסודות און ווי מעגלעך פולשטענדיקער זיך צו אסי־מילירן בירגערלעך מיט דער ארומיקער נישט־אידישער באַפעלקערונג".

דעם זעלבן יאָר, 1883, שרייבט ש. דובנאָוו אין „וואָסכאָד" וועגן דער רעפאָרם פון דער אידישער שול־דערציאונג, וואו ער טרעט ארויס שאַרף קעגן די „חדרים", די שעדלעכסטע נעסטן פונעם רבניזם, און לייגט ארויף די זאָרג זיי אָפּצושאַפן אויף דער רעגירונג — די דעמאָלסטיקע פאָגראָם־רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם דריטן און זיין אינערן־מיניסטער איגנאַטיעוו, דער מחבר פון די שרעקלעכסטע אויס־נעם־געזעצן קעגן אידן, — „וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן צוליב דעם פאַר די שטרענגסטע מאָסמיטלען".

אלס היסטאָריקער מאַכט ש. דובנאָוו זיין דעבוט, אין „וואָסכאָד" 1883, מיט אַן ארבעט איבער די סעקטאַנטישע באַוועגונגען ביי אידן — שבתאי צבי און יעקב פראַנק — אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, און רעכנט צו צו די סעקטאַנטישע באַוועגונגען אויך דעם חסידיזם, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן א ריי ארטיקלען, אויך אין „וואָסכאָד", אין די יאָרן 1888 — 1893. און דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דובנאָוון פון יענער צייט, באַזונדערס ווען מען נעמט נאָך אין אכט, אז נישט געקוקט אויף דער גוואַלדיקער דאָקומענטאַציע מיט וועלכער דובנאָוו האָט זיך באַנוצט ביים שרייבן די געשיכטע פון די באַווע־גונגען, ספּעציעל וועגן חסידיזם, טראָגן זיי מער א פּאָלעמישן, ווי א היסטאָרישן כאַראַקטער. ש. דובנאָוו האָט נישט געפאָרשט דעם סאָ־ציאַלן שורש פון די באַוועגונגען, נישט די אומשטענדן וואָס האָבן גע־בראַכט דערצו, אז דאָס פאָלק זאָל באַהערשט ווערן פון מיסטישע געדאַנקען און זאָל ארויסברענגען מיסטיקער פון גרויסן שוואונג ווי די מקובלים און אַוואַנטוריסטן מיט אזא כוח, ווי די פאַלשע משיחים און זאָל זיך לאָזן פון זיי פירן; נאָר מיט דער הילף פון די דאָקומענ־טן, — מערסטנס פּאָלעמישע ליטעראַטור קעגן די באַוועגונגען און די מסירות פון זייערע קעגנער צו דער מאַכט—האָט ער אויפגעדעקט דעם גייסטיקן הינטערגרונד פון דער דערשיינונג גופא, דעם מיסטיציזם, וואָס איז אים אזוי דערווידער געווען אלס ראַציאָנאַליסט, אלס ריינער

בעל שכל. וואָס שייך דער חסידישער באַוועגונג, האָט ש. דובנאָוו גע־האַט צו דער האַנט אַ דאָפּלטן מאַטעריאַל: די ליטעראַטור, די פּאַמ־פּלעטן און די מסירות פון די מתנגדים מיט דעם ווילנער גאון בראש, דאָס הייסט, פון דער זעלבער רבנישער ריכטונג, וואָס ער האָט באַ־קעמפט אַלס דאָגמאַטישע, און די ליטעראַטור פון די משכילים, צווי־שן וועלכע עס זיינען געווען אַזעלכע ווי יוסף פּערל, נחמן קראָכמאַל און ש. ל. ראַפּאָפּאָרט אין גאַליציע און יצחק בער לעווענזאָן אין רוסלאַנד.

באַזונדערס בולט טרעט אַרויס די משכילישע פיגור פון ש. דוב־נאָוו אין זיין אָפּהאַנדלונג, אין „וואָסכאָד" פון יולי 1884, וועגן דעם גרעסטן פון די משכילישע דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן, וועלכן ער באַטיטלט אַלס דער אידישער ניעקראַסאָוו, צו דער געלעגנהייט ווען די געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר" האָט אַרויסגעגעבן אַלע זיינע שי־רים אין פיר בענדער. י. ל. גאָרדאָן איז גראָד נישט געווען פון יענער טייל אידישער אינטעליגענץ, וואָס די פּאָגראָמען פון 1881 און איג־נאַטאָווס „צייטווייליקע געזעצן" פון 1882, האָבן זיי, ווי ש. דוב־נאָוו, נאָך מער איבערצייגט אין דער נויטיקייט פון די רעליגיעזע רעפאָרמען ביי אידן; פאַרקערט, זיי האָבן אים היבש צעטרייסלט און אונטער זייער ווירקונג, האָט ער ווי די „בעלי תשובה" פון ליליענ־בלומס חדר, אפילו גענומען זינגען ציון־לידער. ער האָט נאָר נישט נעגלויבט אינעם ציוניזם. שטאַרק, אָבער, איז י. ל. גאָרדאָן געווען אין זיינע מעכטיקע רעטאָרישע השכלה־שירים, אין יענע וואו ער רופט זיינע ברידער זיי זאָלן זיין „מענטשן אין גאס און אידן אין שטוב".

ווי אַזוי עס קען געמאָלט זיין אַ אידישער ניעקראַסאָוו, וואָס האָט פיינט תכלית השנאה די שפּראַך פון זיין פאָלק, וועלכן ער גייט „וועקן פונעם שלאָף" (הקיצה בת עמי") און וויל אים אויפקלערן, אויפשטעלן קעגן זיינע פאַרדאָרבענע פירער, די קהלם־לייט, וואָס רייסן פון אים דעם ביסן און קעגן די רבנים וואָס פאַרפינצטערן אים און שרייבן וועגן איר, ווי גאָרדאָן האָט דאָס געטאָן אין אַ בריוו צו שלום עליכמען, אַז „דער דאָזיקער לשון איז די טרויעריקסטע דערשיינונג אין דעם היסטאָרישן לעבן פון דעם אידישן פאָלק"? ווי אַזוי מען

קען זיין א ניעקראסאָוו אין א שפּראך וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט און וואָס מען גלויבט אליין נישט אין איר קיום, ווי י. ל. גאָרדאָן האָט געזונגען אין זיין שיר „למי אני עמל?" (פאר וועמען מי איך מיך?): אם לא אחרון המשורר העברי אנכי?" (צי בין איך נישט דער לעצטער פון די העברעאישע זינגער?). דאָס האָט ש. דובנאָוו זיכער אליין איבערגעטראכט נאָכדעם ווי ער האָט געענדערט זיין שטעלונג צו אידיש, ווי צו די פּראָבלעמען פונעם אידישן פאָלק.

נאָר ווען אויפקלערונג באַדייט אוועקגיין פונעם פאָלק און פון זיין שפּראך און איבער אלץ און אלעמען שטעלן די אינדיווידועלע פרייהייט פון דער אינטעליגענץ, די גרויסע אידישע געשעפטס־לייט אריינגערעכנט, הערט מען זיך נישט צו צו אזעלכע אבסורדן וואָס גייען ארויס פונעם אייגענעם מויל און פון דער אייגענער פעדער. דער עיקר איז דאָ געווען די קרובהשאפט פונעם גדאנק צווישן דעם דיכטער און זיין קריטיקער. ביידע האָבן זיי תערומות געהאט צום תלמוד, וואָס האָט אויסגעביטן די פרייהייט פונעם אידישן פאָלק אויף דעם גייסטלאָזן מנהג און אויפן טויטן אות פון דער תורה: „טויט צו זיין אויף דער ערד און לעבעדיק אין הימל", ווי גאָרדאָן זאָגט אין זיין שיר „בין שיני אריות" (ביים לייב צווישן די ציין) וועגן דער רוימישער הערשאפט אין פּאלעסטינע און ביידע זיינען איבערצייגט געווען אז דאָס אידישע פאָלק וועט זיך באקערן צו דער רוסישער שפּראך און קולטור, דער קוואל פון בילדונג. בפרט, אז י. ל. גאָרדאָן האָט אזוי צוגעטראָפן ש. דובנאָוון מיט זיין געלעגנהייטס ליד איבער לעאָן פּינסקערס „אויטאָעמאנציפּאציע", אונטערן טיטל „עדר אדני" (גאָטס סטאַדע). „איר פרעגט מיך — שרייבט ער — וואָס מיר זיינען, א פאָלק צי א רעליגיעזע גרופּע? דאָ האָט איר מיין ענטפער: מיר זיינען נישט דאָס און נישט יענץ; מיר זיינען א סטאַדע, צאָן קדשים, הייליקע שאָף צו דער שחיטה. די פּאסטוכער שערן אונדז אָן רחמנות, די וועלף עסן אונדז אומעטום..."

אינעם אָקטאָבער נומער „וואָסכאָד" פון 1888 טרעפן מיר זיך פּלוצים אָן מיט ש. דובנאָווס אן ארטיקל „איבער דער זשארגאָנישער ליטעראטור", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א גאנצע איבערקערעניש

נישט נאָר אין ש. דובנאָווס באַציאונג צו דער שפּראַך פון די אידי־שע פאָלקס מאסן, וואָס האָט שוין א לעבעדיקע ליטעראַטור, מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, דינעזאָן, און ספּעקטאָר או״וו, נאָר צום גאַנצן וועזן פון אידנטום, וואָס איז שוין ביי אים נישט מער קיין רעליגיעז׳ע גרופּע, נאָר א... קולטור־געמיינשאַפט און טאַקע א נאַציאָנאַלע. פאַרשוואונדן איז ביי ש. דובנאָוון זיין קאָסמאָפּאָליטישע אידייע, מיט וועלכער ער האָט דעבוטירט אלס אידישער פּובליציסט אין 1882 און זיין אסימילאַטאָרישער אידעאַל.

„עס טאָר נישט דערלאָזט ווערן דער געדאַנק אפילו — שרייבט ער אין זיינעם אַן אַרטיקל פון יענער צייט — די פאָדערונג אַז אידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכטן צוליב דער דערגריי־כונג פון זייער בירגער־רעכט״.

פונוואַנען אַזא פּלוצימדיקע ענדערונג? פאַר אלעמען ענטפערט דערויף דער פאַקט גופא, וואָס ש. דובנאָוו אנטפּלעקט זיך מיט זיין נייעם קוק אויף דעם אידנטום אין אַן אַרטיקל איבער דער אידישער ליטעראַטור אין דער אידישער פאָלקס־שפּראַך. דורך דער אידישער ליטעראַטור האָט ער דערזען דאָס אידישע פאָלק, וואָס ער האָט עס דורך דער העברעאישער נישט געזען. דורך דער העברעאישער האָט ער געזען בלויז די משכילים, די אידישע אינטעליגענץ, וואָס וויל עפּעס מאַכן פון דער אידישער סטאַדע, דעם „עדר אדני״ וואָס איז נישט מער ווי א פינצטערע מאַסע, אָן א שפּראַך, אָן אַן אייגן לעבן, און גע־דייעט אונטערן יאָך פון שולחן ערוך, בעת דורך דער אידישער לי־טעראַטור, האָט ער דערזען א פאָלק וואָס אָטעמט און באַוועגט זיך, ליידט און פרייט זיך און קעמפט און די שפּראַך זיינע איז א ריט־מישע, א האַרמאָנישע און דינט אלס כלי פאַר אַזעלכע בריליאַנטענע ווערק ווי „דאָס ווינשפינגערל״, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע״, ווי „מסעות בנימין השלישי״, ווי „פישקע דער קרומער״, ווי „סטעמ־פעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״, ווי „דאָס מעסערל״, וואָס איז ניעק־ראַסאָוו מיט נאָך עפּעס, וואָס די רוסישע ליטעראַטור פאַרמאָגט עס נישט... ש. דובנאָווס איבערגאַנג פון עקסטרעמען קאָסמאָפּאָליטיזם צום נאַציאָנאַליזם, א נישט ווייניקער עקסטרעמען, אַזוי ווייט, אַז ער איז

גרייט נעווען מותר צו זיין אויף אידישע בירגער־רעכט, אויב מען פאָדערט פאר דעם אָפצוזאָגן זיך פון די אידישע נאַציאָנאַלע רעכט, נעמט זיך אויך דערפון, ווי איך האָב דעם איינדרוק, פון זיין פאַר־טיפן זיך אין דער אידישער געשיכטע און אין דער אידישער געשיכ־טע־שרייבונג, אין וועלכער עס האָט אים אריינגעצויגן, ווי י. צינבערג זאָגט, זיין ארבעט איבער דער געשיכטע פון דער חסידישער באווע־גונג. דאָס איז אייגנטלעך די צייט ווען ער פארעפנטלעכט אָט די ארבעט זיינע אין „וואָסכאָד" אין משך פון די יאָרן 1888 ביז 1893, לאָזט ארויס זיין רוף וועגן זאמלען מאטעריאלן צו דער אידישער גע־שיכטע אין רוסלאנד, אין פוילן, באארבעט זיי און דרוקט זיי אין א ריי „היסטאָרישע מיטיילונגען".

און דאָס איז אויך די צייט ווען ער דרוקט אָפּ זיין ארבעט אי־בער גרעצן: „דער געשיכטע־שרייבער פונעם אידנטום. היינריך גרעץ, זיין לעבן און זיינע ווערק" („וואָסכאָד" 1892) און זיין היסטאָריש פילאָזאָפישע אָפּהאנדלונג „וואָס אזוינס איז אידישע געשיכטע". אין דער לעצטער שריפט איז ער אינגאנצן אונטער דער השפעה פון דעם נאַציאָנאַליסטישן גרעץ, וועלכער איז, פון זיין זייט געווען אונטער דער השפעה פון העגעל, וואָס גרעץ רופט אים אָן „דער גרויסער פי־לאָזאָף און נאָך גרעסערער עקוויליבריסט", און זיין בליק אויף דער געשיכטע.

גרעצן האָט דער העגעליאנישער קאָנצעפּט פון געשיכטע־שריי־בונג אימפּאָנירט נישט אזוי מיט דער דיאלעקטיק, וואָס העגעל נוצט אוים גראָד אויף ארויסצושטעלן די אידישע רעליגיע אלס די נידערי־קערע טעזע פון דעם מאָנאָטעאיזם וואָס האָט קענען זיך אלס אנטי־טעזע די העבערע מאָנאָטעאיסטישע פאָרם פונעם קריסטנטום, פון וועלכע עס דארף ארויסקומען דער סינטעז — און גרעץ פארשטייט בכלל די דיאלעקטיק, ווי מיר זעען, אלס „עקוויליבריסטיק", אלס גלייכגעוויכטיקייט, וואָס איז אים שטארק צום הארצן אלס געלערנ־טער וואָס שטייט אין דער מיטן צווישן דער אָרטאָדאָקסיע און דעם רעפאָרמיזם פון זיין צייט; — אימפּאָנירט האָט אים העגעלס אידע־אַליזם, וואָס האָט באקעמפט דעם ראַציאָנאַליזם פון די פראנצויזישע

„אויפקלערער", זיין נאַציאָנאַליסטישער געדאַנק וועגן דער אַנטוויק־לונג פון די באַזונדערע פעלקער און קולטורן אין קעגנזאַץ צום קאָס־מאָפּאָליטישן געדאַנק פון די „אויפקלערער" און באַזונדערס די איינ־שטעלונג וועגן דעם „אייגנאַרטיקן פּרינציפּ", וואָס די געשיכטע פון יעדן פאָלק האָט אין זיך. גרעצס „אייגנאַרטיקער פּרינציפּ" פון דער אידישער געשיכטע איז: „לערנען און וואַנדערן, דענקען און ליידן". דער פּרינ־ציפּ איז כלומרשט א העגעליאַנישער, ער איז א פּראָצעסועלער, אַן עוואָלוטיווער; כדי אָבער צו זיין א פולשטענדיק העגעליאַנישער פעלט אים דאָס דיאַלעקטישע. די מענטשלעכע געשיכטע, לויט העג־עלן, האָט טאַקע נישט איינעם א פּאָראויס באַשטימטן ציל, צו וועל־כן די מענטשהייט גייט ווי אויף א גלייכן שאָסיי, אָבער צ י ל ן האָט זי, טראַנספאָרמאַציעס, וואָס זי מאַכט דורך א דאַנק די דיאַ־לעקטישע פּראָצעסן, ווען די סטירעס וואָס ראַנגלען זיך אין זיי, גייען איבער אינעם סינטעז.

נאָר גרעץ איז געווען צופיל תמים מיט גאָט און האָט אויך נישט געקענט אַזוי דיאַלעקטיש אַריינדרייען זיך און אַרויסדרייען זיך פון אים, ווי דאָס האָט העגעל געטאָן און דעריבער האָט ער סוף־כל־סוף איבערגעגעבן דאָס אידישע פאָלק און זיין געשיכטלעכן גורל אויף גאָטס באַראָט. גרעץ איז אויך געווען צופיל תמים מיט דער ביבל און מיט דעם תלמוד, אַז ער זאָל קענען מאַכן פון דער אידישער געשיכטע דורכויס די געשיכטע פון אידישן „דענקען און ליידן", ווי ער האָט זיך דאָר פירגענומען און די געשיכטלעכע עפּאָכעס פון די אידן ביז נאָכן בר־כוכבא־אויפשטאַנד, קומען דעריבער ביי אים אַרויס נישט קיין געשיכטע פון דעם אידישן גייסט, ווי די ווייטערדיקע עפּאָכעס, נאָר פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן. און אַז מען רעדט שוין פון גרעצס תמימות, מוז מען שוין אויך אָנווייזן אויף זיין צופיל תמימות מיט דעם מערב־אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס האָט אין זיין צייט דער־גרייכט א גאָר הויכע גייסטיקע שטופע, אַז ער זאָל געווען קענען באַ־מערקן דאָס „דענקען און ליידן" פון די אָסט־יודן, פון די געדיכטע אידישע מאַסן־ישובים אין פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. ש. דובנאָוו איז געקומען פאַרפולקאָמענען גרעצן. אויספילן די

בלויזן וואָס גרעץ האָט געלאָזן אין זיין געשיכטע. דערגאַנצן זי מיט דער געשיכטע פון די אידן אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער, ווי מיט א מער דעטאַלירטער געשיכטע פון דער אידישער ראָל אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; אַרונטערפירן די גאַנצע אידישע געשיכ־טע, אויך די ביבלישע, אונטער איין פּרינציפּיעלן דענאָמינאַטאָר אָדער ווי מען רופט עס אין דער געשיכטע־שרייבונג — מאַגיסטראַלער ליניע, וואָס איז דער אידישער גייסט און פּערפעקציאָנירן דעם גרעצ־ישן „איינגאַרטיקן פרינציפּ", אים פאַרוואַנדלען פון א פּאַסיוון אין אַן אַקטיוון; דאָס „לערנען און וואַנדערן, דענקען און ליידן" פון דער „אידישער קולטור־היסטאָרישער גרופּע", ווי ער באַצייכנט דאָס אי־דישע באַוואוסטזיין, וואָס איז אליין דער שאַפנדיקער און אויפהאַל־טנדיקער כוח פון דעם אידישן פאָלק, וועלכער איז א העכערער טיפּ נאַציע, א קולטור היסטאָרישער, א גייסטיקער טיפּ...

זיין אויפגאַבע האָט ש. דובנאָוו אָרנטלעך אויסגעפילט, אויף וויפל ער האָט געקענט אויסמיידן אין זיין באַאַרבעטונג פון דעם רייכן מאַטעריאַל וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט איבערן גהזעלשאַפטלעכן און רעכטלעכן לעבן פון די אידן אין פּוילן און רוסלאַנד, באַהערשט צו ווערן פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָטיוון, וואָס האָבן דערמיט אָנ־געפירט; אויף וויפל אים האָט זיך איינגעגעבן איינצושפּאַנען אין ריי־נער גייסטיקייט די עפּאָכעס פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויס־פורעמונג, פון די אידישע פּאָליטישע קאַמפן אינעווייניק און מיט די אַרומיקע מלוכות פון דעם קאַמף פאַר אויפהאַלטן די אידישע נאַ־ציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, צוערשט קעגן בבל און דערנאָך קעגן רוים, ווי די פּאַרטיי־קאַמפן ביי אידן אין יענע עפּאָכעס און אויף וויפל אים איז געלונגען איינצושפּאַנען אין זיינע גייסטיקע הענעמאָ־ניעס, ווי ער טיילט איין די אידישע געשיכטע פון נאָכן תּלמוד: די גאונישע, די רבניש־פילאָזאָפישע, די רבניש־מיסטישע און די איראָ־פּעאיש־אויפקלערערישע, דעם גאַנצן קאַמף וואָס די אידן האָבן גע־פירט די גאַנצע צייט אין די פאַרשידענע לענדער פאַר זייער פּשוט פיזישן קיום, פאַר זייער רעכט אויף לעבן; אויף וויפל אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצוזעצן אין די מאָדערנע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און

סאָציאַלע באַוועגונגען פונעם אידישן פאָלק זיין אַפּאָליטישן און עקסטעריטאָריאַלן פּרינציפּ פון דער גייסטיקער אָדער קולטור־היס־טאָרישער נאַציע.

נישט די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אויך נישט דער ציוניזם, דער פּאָליטישער אָדער דער דיפּלאָמאַטישער, האָבן גע־קענט מסכים זיין, אַז אָט דער דובנאָווישער געשיכטלעכער פּרינציפּ, וועלכער איז נישט מער ווי אַן איבערגעבאַפּטער און פּערפעקציאָניר־טער פּראָדוקט פון דעם נאַציאָנאַל און פּאָליטיש רעזיגנירטן מערב־אידנטום, זאָל בלייבן הערשן. קעגן דובנאָווס פּרינציפּ האָט מען ספּעצ־יעל אַרויסגעהויבן די ציוניסטישע אויספירונגען פון משה העס אין זיין בוך „רוים און ירושלים", עס האָבן זיך אַרויסגעהויבן ספּעציאַ־ליסטן פאָרשער וועגן אַנטייל פון די אידן אינעם האַנדל און מלאכה אין פאַרשידענע לענדער און צייטן, וועגן זייער רעכטלעכער לאַגע און וועגן זייערע קאַמפן; צווישן זיי, די אָנגעזעענסטע: יצחק שיפּער, קלמן מאַרמאָר, מ. ווישניצער. אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם איצטיקן חורבן־פּוילן, האָט דער „איוואָ" אין ווילנע געפירט אַ ספּעציעלע גע־שיכטע־פאָרשערישע אַרבעט און אַרויסגעגעבן אַ בוך היסטאָרישע שריפטן. מיט היסטאָרישער פאָרשונג האָבן זיך אויך פאַרנומען די אידישע אַקאַדעמיעס אינעם ראַטנפאַרבאַנד. עס זיינען ספּעציעל אַי־בערגעזעצט געוואָרן געשיכטלעכע אַרבעטן פון אַנדערע שפּראַכן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן פון די אידן אין פאַרשידענע צייטן. עס איז נאָך אָבער ביזן היינטיקן טאָג נישט געקומען די אידישע פּערזענלעכקייט אָדער אינסטיטוציע, וואָס זאָל צוזאַמענשטעלן די פולשטענדיקע געשיכטע פון דעם קאַמף וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געפירט אין אַלע צייטן און לענדער פאַר זיין נאַציאָנאַלן און בירגערלעכן עקאָנאָמישן און קולטורעלן רעכט, וואָס זיי האָבן אים ביז איצט אויפגעהאַלטן אַלס פאָלק און זיי־נען די גאַראַנטיע פאַר זיין ווייטערדיקן קיום. אין דעם זין, אין זין פון דעם רעקאַפּילאַטאָר, איז ש. דובנאָוו, דער צום טויט פאַרפייניקטער דורך די נאַצים 1941, אין דעם ריגער געטאָ, דער גרעסטער פון די ביז איצטיקע אידישע געשיכטע־שרייבער.

אונטער דער ווירקונג פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען ביי אידן אָנהויב היינטיקן יאָר הונדערט, האָט ש. דובנאָוו צוגעגעבן אין א נייער אויפלאַגע פון זיינע רוסישע בריוו וועגן דעם אַלטן און נייעם אידנטום (1907), אַז „עס זיינען נישטאָ קיין אייביקע אידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, אַז די אידעאַלן בייטן זיך לויט די דורות און אומשטענדן און אַז מיר אידן האָבן די זעלבע אידעאַלן צו פאַרווירקלעכן, ווי די גאַנצע מענטשהייט". (ציטירט לויט דר. ר. מאהלער „אידישע קולטור", ניו יאָרק, מערץ 1939 — פ. ק.). גובר געוועזן האָט אָבער אין ש. דובנאָוו זיין יודאַיסטישע איינשטעלונג, וואָס זעט נישט פאַר דעם אידישן פאָלק קיין אנדער רעכט אויף עקזיסטענץ ווי נאָר זיין העברעאישן גייסטיקן וועזן.

זשיטלאָווסקי - די פאָלקס פריײַהייטלעכע פערזענלעכקייט

זשיטלאָווסקי — א רייך לעבן פון געדאנק און טאט, די שענסטע פארקערפערונג פון דער אידישער „אינטעליגענציע", ווי פון דער סאָציאַליסטישער, וואָס איז אויסגעוואקסן אויף דעם זאפטיקן באָדן פון דעם אידיש-נביאישן און רוסישן אידעאַליזם, איז אוועק פון אונדז און ווער ווייס צי האָט ער נישט מיטגענומען מיט זיך אין דער אייביקייט אריין, אין דעם אוצר פון די קולטור-ווערטן און קולטור-באַגריפן, אָט דעם גאנצן באגריף אידישע אינטעליגענציע, וואָס ער איז געווען איר העכסטער און שענסטער אויסדרוק.

זשיטלאָווסקי. געקומען איז ער צו אונדז, — צום אידישן פאָלק, וואָס האָט צוזאמען מיט דעם רוסישן מיט דעם אוקריינישן, מיט דעם פוילישן, ווייסרוסישן און אזוי ווייטער, צווישן וועלכע אידן לעבן, גענומען אָפּטרייסלען פון זיך די רעשטן פון דעם מיטלאַלטער וואָס האָט זיי געהאלטן פארגליווערט אין קנעכטשאפט, עקאָנאָמישער ווי פאָליטישער, — פון דער „נאראָדנאיא וואָליא"; געקומען איז ער צו אונדז פון יענער רוסישער „אינטעליגענציע", פון יענעם ספּעציפישן רוסישן שיכט געבילדעטע מענטשן מיט ווארעמער באציונג צום אָרימען, ליידנדיקן, פארשקלאפטן, מיט שווערע שטייערן באלייגטן און אין שכרות און אומוויסנהייט זינקענדיקן פויער; א ווארימע באציונג וואָס איז אריבער אין דער מסירת-נפשדיקער באוועגונג פון „גייען אין

פאָלק", פון אידענטיפיצירן זיך אויסערלעך, אין דער הלבשה, מיט דעם פאָלק און אין א „סערמיענגע" מיט „לאַפּטיעס" אויף די פיס, ווי דער גייער לוקא אין גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט", זיך אויפהאלטן אין די דערפער און אויפקלערן די פויערים, זיי לערנען „גראַמאַטע" און זיי וועקן צום אויפשטאנד קעגן די ערד־באזיצער, קעגן דעם צאר; פון יענער „אינטעליגענציע", וואָס באלויכט ביזן היינטיקן טאָג די גע־שיכטע פון דעם רוסישן סאָציאַליזם מיט דעם הערלעכן און לויטערן אָנדענק פון זשעליאַבאָוון, פון סאָפיא פעראָווסקאיא, פון נעסי העלפ־מאַן, פון ווערא פיגנער, די באבושקע ברעשקאָווסקאיא, פעליקס קאָן, גערשוני און נאָך און נאָך און פון זיינע דיכטער פאָלקס-זינגער ווי ני־קיטין, ניעקראסאָוו, קאָלצאָוו, שעווטשענקאָ און זיינע שרייבער־ווע־קער ווי הערצען, ווי סאלטיקאָוו־שטשעדרין, ווי טשערנישעווסקי און אַנדערע.

געקומען איז זשיטלאָווסקי צו אונדז פון דאָרט, פון זיי, כאָטש ער איז פון זיי נישט אוועק. ער האָט בלויז אריבערגעטראָגן זייערע אי־דייען — די אידייען פון באפרייען דאָס רוסישע פויערטום, דאָס רוסי־שע ארבעטנדיקע פאָלק, פון אונטער די פעאָדאלע רעשטן און אים מאכן פאר דעם באלעבאָס פון זיין ערד אויף דעם אידישן אָרימען, פארשקלאפטן און אָפּגעשטאָנענעם פאָלק.

דאָרט, ביי זיי, ביי דער רוסישער „אינטעליגענציע", וואָס איז זיך מקריב אויס ליבע צום רוסישן פאָלק — האָט ער זיך ארומגעזען, — איז דאָס אידישע פאָלק, פארעכנט פאר א „קלאס פון עקספּלואַ-טאַטאָרן", וואָס העלפן דעם פריץ אויסזויגן ביים פויער דעם מארך פון די ביינער, און בעת די רוסישע פּאָגראָמען, וואָס זיינען אָרגאַני-זירט געוואָרן אונטער אלעקסאנדער דעם דריטן און האָבן באגלייט זיינע „צייטווייליקע געזעצן", וואָס האָבן נאָכמער פארשטעקט דאָס אידישע לעבן אין דער שטעטלשער ענגשאפט, האָבן זיי צוגעקוקט מיט פרייד, ווי פויערים שטייען אויף קעגן זייערע אידישע „עקספּלואַטאַ־טאָרס" אָדער לערנען זיך, אלנפאלס, אויף זייערע פּלייצעס, אויפ־שטיין קעגן די פריצים, די בארויבער פון זייער ערד, און ער איז געקו־מען, זשיטלאָווסקי, צו זיינע אידן, זיי מאַכן פאַר אויס „עקספּלואַטאַ־

טאָרן", פאַר אָרנטלעכע פּויערים און האַרעפּאַשניקעס אַזוי ווי די רו־
סישע און פאַר גראַמאַטנע מענטשן, אַזוי ווי עס וויל דאָס זען די רוסי־
שע אינטעליגענציע ביי די רוסישע פּויערים.

דער דאָזיקער געדאַנק צו מאַכן די אידן פאַר אויס „עקספּלואַ־
טאַטאָרן" האָט דעמאָלט אונטער דער ווירקונג פון די פּאָגראָמען, אַ־
רומגעכאַפּט כמעט די גאַנצע דענקענדיקע אידישע יוגנט, קען מען זאָגן.
מער נישט, וואָס טייל אידישע יונגעלייט, אָן דעם גלויבן אין זייערע
כוחות און אין די כוחות פון דעם אידישן פאָלק צו קענען אויסקעמפן
פאַר זיך אין רוסלאַנד דאָס רעכט אויף אַרבעט און בילדונג, האָבן גע־
נומען אַגיטירן פאַר אויסוואַנדערן קיין פּאַלעסטינע — „בית יעקב
לכו ונלכו" — און דאָרט אין דעם לאַנד, וואו עס האָט אַמאָל געבליט
די אידישע מלוכה, זיך פאַרוואַנדלען אין ערדאַרבעטער; זשיטלאָווסקי,
פאַרקערט, דער רוסישער סאָציאַליסט, האָט די מעגלעכקייט פון דעם
אידישן רעכט אויף אַרבעט און בילדונג געזען אין רוסלאַנד, אין דעם
לאַנד, וואו אידן דאַרפן דאָס רעכט אויסקעמפן צוזאַמען מיט די רוסן.
מען דאַרף נאָר פּראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע אידייע צווישן די אידן און
צווישן די רוסן — האָט ער פאַרשטאַנען — און זי וועט דורכגעפירט
ווערן. צו דעם צוועק האָט ער פאַרטראַכט גרינדן אַ אידישן פאַרלאַג
און אַ אידישן זשורנאַל און דערנאָך אַ אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי
מיט דעם לשון-קודשדיקן נאָמען „תשועת ישראל" (די אידישע הילף),
וואָס זאָל מיט אָט דעם אומשולדיקן, פון איין זייט, און פון דער אַנ־
דער זייט לאָקנדיקן נאָמען, קענען פירן אָט די סאָציאַליסטישע פּראָ־
פּאַגאַנדע אין די באַדינגונגען פון דער דעמאָלסטיקער אומלעגאַליטעט.
די פּראָפּאַגאַנדע — האָט ער ריכטיק פאַרשטאַנען — דאַרף געפירט
ווערן אין אידיש, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט אָנגערופן די אידישע
נאַציאָנאַלע שפּראַך, און נאָכמער, ער האָט אַרויסגעשטעלט אידיש
אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך, פון די אידן, ווי אַ הויפּט-פּונקט פון זיין
פּאַרטיי-פּראָגראַם. די „נאַראָדאָוואָלישע" אידייען, וואָס האָבן שוין
דעמאָלט אַזאַ ווירקונג געהאַט אויף אַ סך אידישע משכילים און האָבן
געפירט צו אידיש שרייבן גאָטלאָבערן, עטינגערן, אַקסענפעלדן, מענ־
דעלען, לינעצקין, דינעזאָנען, פּרצן און שלום עליכמען, מחמת מען דאַרף

שרייבן אין דער שפּראַך וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט, האָבן נאַטירלעכערווייזע געמוזט אין אַ אידישער „נאַראָדאָוואָלישער" פּאַרטיי זיך אויסדריקן אין אַזאַ פּראָגראַם־פּונקט: אידיש — די בילדונגס־שפּראַך פון די אידן.

אָט דער אידישער „נאַראָדאָוואָליזם", וואָס איז ביי זשיטלאָווסקין געגאַנגען געפּאָרט פּאַראַלעל מיט דעם רוסישן, האָט אים נישט פאַרלאָזט ביז דער לעצטער מינוט. ער איז עס די האַרמאָניע אין אָט דער ריזיקער גייסטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אַזוי פּילבאַר, ווי אַ מענטש, ווי אַ רוס, ווי אַ איד און ווי אַ סאָציאַליסט, צו יעדער פּאָליטישער דערשיינונג און צו יעדן געדאַנק, וואָס מאַכט זיך אַ וועג צווישן דעם פאָלק, צווישן דער אינטעליגענץ און אָט דער שיר נישט אָנגעבוירענער שטריך, וואָס איז צו אים געקומען פון זיין פריסטער דערציונג, פון זיין גימנאַזיסטישן אָנטייל אין דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג, לאָזט זיך מערקן אין דעם אופן ווי ער רעאַגירט אויף די דערשיינונגען אין דער פּאָליטישער ווי אין דער געדאַנקען־וועלט. ער, דער דאָזיקער נאַראָדאָוואָלישער שטריך, איז עס די האַרמאָניע, וואָס לאָזט אונדז נישט אויף אַ רגע פאַרזען זשיטלאָווסקים פּערזענלעכע גאַנצקייט דורך אַלע די אומוועגן וואָס זיין געדאַנק מאַכט דורך אין די פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס, וואָס פירן אָן מיט דעם מענטשלעכן דענקען ווי דורך זיינע בלאָנדזשעניש אָדער זוכעניש צווישן די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס מאַכן זיך אַ וועג אין דער מענטשהייט און באַזונדערס אין די פעלקער, וואָס זייער אַנטוויקלונג איז אים אַמנאָענטסטן.

ריידנדיק וועגן די אומוועגן, וואָס זשיטלאָווסקים פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס האָבן דורכגעמאַכט, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף זיין אַנטימאַרקסיסטישער, ריכטיקער קריטיש־מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע, וואָס ער האָט דירעקט באַגרינדעט אין אַ ריי אַרטיקלען און וואָס ווייזט זיך אַרויס אומדירעקט אין די אַרבעטן זיינע. אַלס „נאַראָדאָוואָליעץ", האָט ער זיינע ערשטע טריט אינעם סאָציאַליזם געשטעלט אונטער דער פילאָזאָפישער איינשטעלונג פון די רוסישע דענקער לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי, באַגרינדער פון דעם אַזוי גערופענעם ס ו־

ב י ע ק ט י ו ו ן מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע, וואָס איז מבטל די לערע וועגן די אָביעקטיווע באַדינגונגען — לייען די מאַטעריאַליס־טישע — אין דער געזעלשאַפט אַלס באַוועגנדיקער כוח צום פּראָגרעס און שטעלט אַלץ אויף דעם אידעאַליזם. זיי האָבן דעריבער אין דעם אַנאַליז פון דער געזעלשאַפט פאַרביטן דעם טערמין מאַטעריאַליזם אויף עקאָנאָמיק. פאַראַן עקאָנאָמישע אינטערעסן אין דער געזעלשאַפט, אַלע קענען זיי, אַלע זעען זיי, נאָר אחוץ די עקאָנאָמישע אינטערעסן האָט אויך דער מענטש געפילן פון גערעכטיקייט, פון מענטשלעכ־קייט, מענטשלעכע טוגנטן, וואָס האָבן צו זאָגן אויך אַף דער אויס־פורעמונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מאַרקסיסטן זאָגן, אַז אויך די טוגנטן זיינען אַן אויסדרוק פון מאַטעריעלע אינטערעסן אָדער אָביעקטיווע אומשטענדן, אָבער, ווען די געזעלשאַפט איז וועלכער מען לעבט האָט איר איינציקע מענטשלעכע אחיזה, איר ביסל עטיק אין די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש און צווישן קלאַס און קלאַס, אין די אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע טוגנטן, האָבן אַנדערע דענקער אפילו מורא אָפּצולאָזן זיך פון זיי און זיי קלאַמערן זיך אין דער אי־דעאַליסטישער פילאָזאָפיע ווי אָן דער איינציקער רעטונג פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז גראָד אויף די ערשטע טריט פון זיין סאָציאַליסטישער קאַריערע נישט אַזוי פאַרגלויבט אין דער מאַכט פון דער עטיק און פון דער גערעכטיקייט, איבערהויפּט ווען ער טראַכט וועגן דעם וואָס זיי קענען ביטראָגן פאַר דער אויפריכטונג פון דעם אידישן פאָלק, אַלס פרייע זעלבשטענדיקע אַרבעטנדיקע און קול־טורעלע איינהייט. ער זוכט גראָד אַ מער קאָנקרעטן וועג צו אַט דער צוקונפט פונעם אידישן פאָלק און ער געפינט אים אינעם ע ק אָ ־ נ אָ מ י ש ן קאַמף. עס לייקנט נישט דערביי די ווירקונג פונעם אי־דישן גייסט אַלס פאַקטאָר פון אויפהאַלט ביז איצט און פון ווייטער־דיקע דערגרייכונגען, אָבער אינעם הינטערגרונט שטעלט ער די עקאָנאָ־נאָמיק—ווידעראַמאָל נישט דעם מאַטעריאַליזם, וואָס פילאָזאָפיש מיינט דאָס אוועקשטעלן דעם גאַנצן וועלט-פּרינציפּ אויף דעם פּוס פון דער

מאטעריע, אין וועלכער עס גייט שוין אריין אויך דער מענטשלעכער געדאנק, נאָר די פשוטע עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס א מענטש מיט אן אומבאוואָפנט אויג זעט זיי און טאפט זיי אָן מיט די אייגענע הענט.

כדי אָט דעם קאָנקרעטן וועג צוצוגרייטן, געפינט זשיטלאָווסקי פאר נויטיק אוועקצושטעלן אויף אים די גאנצע אידישע געשיכטע. אין 1887, א דריי און צוואנציק יעריקער, שרייבט ער דעמאָלט אָן זיין זייער וויכטיקע ארבעט אונטערן נאָמען: „געדאנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פונעם אידישן פאָלק", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א פרואוו פאר א נייער אידישער היסטאָריאָגראפיע. ער פירט דאָרט דורך דעם געדאנק און באווייזט, אז אין ארץ־ישראל האָבן די אידן אינערלעך געפירט צווישן זיך אן עקאָנאָמישן קלאסן־קאמף און ווייזט אָן אף די פאָרמען זיינע, זינט דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה ביז איר צעפאלונג; פון דער צווייטער זייט האָבן אידן געפירט א קאמף פאר זייער נאציאָנאלער זעלבסטשטענדיקייט אינערהאלב דעם דעראָבערונגס שטורעם פון די ארומיקע שכנים, אשור און בבל, מצרים און סיריע, גריכנלאנד און רוים.

אָט דעם געדאנק פון דאָפלטן אידישן קאמף, וואָס זשיטלאָווסקי האָט נישט באוויזן סינטעטיש און מאניסטיש צו פארשמעלצן אין איין איינציקן ביי די קעמפנדיקע טיילן פון אידישן פאָלק אין דער אלטער צייט און אפילו נישט סינטעטיש צו פארבינדן, ווי ער האָט דאָס געפרואווט טאָן מיט די אידישע פארטייען פון זיין צייט נאָך זיין באקערן זיך צום ארבעטער־ציוניזם, פירט ער דורך אין א ריי ארטיקלען, וואָס דארפן דינען ווי די באגרינדונג פון זיין פארטיי, צוערשט די „תשועת ישראל" און דערנאָך די „וואָזראָזשדעניע" אָדער י.ס.פ. די ארטיקלען הויבט ער אָן מיט א קריטיק איבער דעם מארקסיסטישן מעטאָד פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם, וואָס איז פול מיט סתירות, לויט זיין מיינונג, מחמת ער פירט צו אלץ צום קלאסן־קאמף און פארזעט דעם קאמף פון די פעלקער פאר זייער עקזיסטענץ, און בפרט די אידישע מארקסיסטישע פארטייען, וואָס שאצן נישט אָפּ אין איר פולן באדייט די היסטאָרישע ראָל, וואָס דער נאציאָנאלער פאקטאָר שפּילט

אינעם לעבן פון דער מענטשהייט, און אַנשטאָט דעם שטעלט ער ארויס אלס צוויי הויפּט־וויכטיקע פּ אַ ק ט אָ ר ן אינעם אידישן לעבן, ווי אינעם לעבן פון דער מענטשהייט בכלל, דעם „ע ק אָ נ אָ מ י ז ם און דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם. אַט די שטעלונג, וועלכע ער דער־פירט צו א פילאָזאָפיע, פירט דורך זשיטלאָווסקי אין זיין ווערק „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע", „דער נאַציאָנאַליזם און די קלאַסן־פּאָליטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט", „עקאָנאָמישער מאַטעריאַ־ליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" און אַנדערע.

זיינע קריטיקער ווארפן אים פאָר זיין עקלעקטישן מעטאָד, וואָס זעט „פּאַקטאָרן" און „קאַמפן", בעת עס איז פאַראַן בלויז איין און איינציקער באַוועגער, דער סאָציאַליזם, וואָס פירט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די קלאַסן און פון די פעלקער אין דער זעלבער צייט, און דעם קאַמף פירט דער פּראָלעטאַריאַט, נעמענדיק זיך צו הילף די קלאַסן, וואָס שטייען אים נאָענט און גייען מיט אים ווי ווייט דאָס איז אין זייער אינטערעס. דער אמת איז, אז מאַרקס האָט נישט פאַרזען דעם קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער באַפרייונג, ער האָט ממש געקעמפט פאַר דער באַפרייונג פון פראַנקרייך פון אונטער דעם פּרייסישן יאָך און פאַר דער באַפרייונג פון פּוילן פון אונטער דעם יאָך פון די דריי שכנים אירע, וואָס האָבן זיך מיט איר צעטיילט. אזוי אויך האָט ער געוואָלט זען באַפרייט איטאַליע פון אונטער עסטרייך און פון אונטער דעם פּויפּסט. פאַרזען האָט ער בלויז דאָס אידישע פאָלק און דערין האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט פון א סאַך אַנדערע, וואָס האָבן געזען אין די אידן בלויז א קלאַס, דעם קלאַס פון דער בורזשואַזיע אין די מערב-לענדער און דעם קלאַס פון קליינהענדלער און מעקלער אָדער פון זעלבסטשטענדיקע באַלמעלאָכעס אין די מזרח-לענדער. און דע־ריבער טאַקע, האָט ער געזאָגט, אז די אידן־פראַגע הערט אויף מיט דעם אונטערגאַנג פון דער בורזשואַזיע.

דער אמת איז, אז פאַרזען האָט דעם קאַמף פון די פעלקער, פון די קליינע אונטערדריקטע פעלקער, יענער טייל סאָציאַליזם, וואָס האָט געזען אין דעם קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער באַפרייונג א זינד קעגן דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע און אינדיווידועלן מענטשן־רעכט און

ניִשט נאָר האָט יענער טייל סאָציאַליזם דעם קאַמף פאַרזען, נאָר ער האָט אים באַקעמפט אָדער אָפּגענאַרט דערמיט, וואָס ער האָט אים, אין די פיל־נאַציאָנאַליטעטן מלוכות, צוגעוואָרפן ווי א ביינדל די קולטור־אויטאָנאָמיע.

מערקווירדיק, ווי אויף דעם ביינדל האָט זיך צוערשט געוואָרפן דער „בונד", אַלס אַנטיטעריטאָריאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי און דערנאָך דר. חיים זשיטלאָווסקי גופא, כאָטשע ער האָט אין תוך נעהאַלטן פון א טעריטאָריאַלער אידישע אויטאָנאָמיע, און געוואָרנט קעגן דעם האָבן גראָד די טעאָרעטיקער פון די מארקסיסטישע אידישע פּאַרטייען, איבערהויפּט בער באָראָכאָוו אין זיין פּועלי ציוניסטישער פּלאַטפאָרם. דער מאָניסטישער באָראָכאָוו האָט געזוכט אן אָרט פאר דער נאַציאָנאַלער פראַגע אינעם קלאַסן־קאַמף און האָט געפונען קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. לעניִן האָט שוין דעמאָלט נעהאָט אָנגעוויזן אויף דעם קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג קעגן דעם פאַרשלינגנדיקן אימפּעריאַליזם און צו די אידישע ארבעטער האָט ער זיך געווענדט מיט זיין רוף *פאַר זייער באַפרייונג אַלס אידן* מיט זייער געמיינזאַמען קאַמף צוזאַמען מיט די נישט־אידישע ארבעטער אויף דער זעלבער באַזע ווי סטאַלין האָט אים געפירט אין קאַווקאַז: *אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַזע פאַר זייערע נאַציאָנאַלע ציִלן.*

אָבער, די עקלעקטיק האָט געשטערט זשיטלאָווסקין זען אַט די פּשוטע נאַציאָנאַלע לייזונג דורך דעם איינהייטלעכן ארבעטער קאַמף, און ער איז אריינגעפאַלן אין נאָך ווייטערדיקע נאַציאָנאַליסטישע סתירות און אין סתירה מיט זיך אַליין. דעמאָלט קערט ער זיך טאַקע ווידער אום צום „בונד", וועלכן ער האָט נאָך אין 1896, אין זיין אָרגאַן „דער אידישער ארבעטער" געהאָלפן באַקעמפן דעם ציוניזם מיט דער הילף פון קולטור־נאַציאָנאַליזם, וועלכן דער „בונד" האָט שפּעטער טיילווייז פאַראייגנט. איך זאָג: טיילווייז, מחמת זשיטלאָווסקי איז מיט זיין קולטור־נאַציאָנאַליזם געגאַנגען א סך ווייטער; ער האָט געפאָדערט פאַר די אידן אין „גלות" אַזעלכע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן

לעבן, וואו די אידישע פּערזענלעכקייט זאָל פאַרבלייבן אינערהאַלב דעם אידישן פאָלק און דאָס אידישע פאָלק זאָל קענען פאַר־בלייבן אַ פאָלק אפילו אין דעם פאַל ווען עס זאָגט זיך אָפּ פון אידישקייט, דאָס הייסט פון דער אידישער אמונה, אידי־שער פילאָזאָפיע און עטיק.

דאָס איז יענער צייט־אָפּשניט אין דר. זשיטלאָווסקיס געדאַנקען־גאַנג, ווען ער דערגרעדט זיך צו דער „אפיקורסות", אַז מען קען זיין אַ אידישער נאַציאָנאַליסט און אפילו אַ ציוניסט און אין דער זעל־בער צייט זיין אַ גלויביקער קריסט". „די אַלט־אידישע גייסטיקע שאַ־פונג, ווי גרויס עס איז איר קולטור־ווערט — זאָגט ער דאָרט — דאַרף נישט זיין דער צענז, וואָס באַשטימט די אָנגעהעריקייט צו דער אידישער נאַציאָנאַליטעט; מען קען זיין אַ איד נישט נאָר לויט דעם בעל-שם-טוב אָדער לויט שפּינאָזע, נאָר אַפילו לויט יעזוסן. שוין דעמאָלט, אגב, איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט שלום אַשם און דר. קלויזנערס טענדענץ אָפּצוגעווינען ביי די אומות העולם יע־זוסן פאַר די אידן, און האָט וועגן דעם געשריבן אין זיין אַרטיקל „דער צלם" („דאָס נייע לעבן", יולי 1909) און „די קריסטנטום שאלה פאַר געבילדעטע אידן". נאָר דאָס איז אַ באַזונדער ענין.

איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף די אומוועגן, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דורכגעמאַכט, פון גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט דעם כוח פון אידיש איבער די רעליגיעז-פילאָזאָפישע טראַ־דיציעס פון דער אידישקייט, ביז צום ציוניזם און צוריק און פון דאַ־נען צו דער סאָוועטישער טעריטאָריעלער לייזונג, אין וועלכער ער האָט געפונען זיין אייגענעם אַלטן פּרינציפּ פון פּערסאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע, די אויטאָנאָמיע פון אידיש לעבן וואו נאָר עס איז פאַראַן אַ אידישער קבוץ, אַ גרויסער צי אַ קליינער, און האָב אויך געוואָלט אָנ־ווייזן, אַז שולדיק אין די אַלע אומוועגן, איז זיין עקלעקטישער מעטאָד.

דער דאָזיקער שטריך איז אויך דער וואָס האָט פאַרמשפּעט אַלע פּרואוון, זשיטלאָווסקיס, אויפצובויען אַ ווירקנדיקע אָרגאַנישע פּאָלי־

טישע פּאַרטיי, אין אַלרוסישן מאַסשטאַב, אָדער אין דעם אידישן לעבן. דער רוסישער „אינטעליגענציע", אַלס אַזעלכער, אויב זי האָט נישט אַליין זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלן קלאַס אָדער שיכט, איז בשום אופן נישט געלונגען צו שאַפן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. בלויז דער אינ־דוסטריעלער רוסישער אינטעליגענציע און אירע אַדוואָקאַטן איז גע־לונגען צו שאַפן די קאַ־דע-פּאַרטיי (קאָנסטיטוציאָנאַליסטן דעמאָק־ראַטן); די עס-ערן, זשיטלאָווסקיס שאַפונג, אַרויסגעקומענע פון די נאַראָדאָוואָלציעס, וואָס האָבן פּרעטענדירט צו ריידן אין נאָמען פון די פּויערים, זיינען ביז דער לעצטער מינוט פאַרבליבן אַן אינטעליגענץ־פּאַרטיי. און די „אינטעליגענציע" האָט דאָך קיין אייגענע פאָדערונ־גען נישט געהאַט, זי האָט דאָך שטענדיק געזוכט בלויז דאָס גליק פונעם פאָלק... אָן דער פּאָליטישער ווירקונג פון דער פּויערים־מאַסע, האָט זי געמוזט באַנוצן טעראָר.

זשיטלאָווסקיס אידישע פּאַרטיי, די אי־עס-פּע (אידישע סאָציאָ־ליסטישע פּאַרטיי), וואָס האָט זיך אויך גערופן „סערפּ" און „וואָזראָ־זשדעניע", אויפן נאָמען פון די זשורנאַלן וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין אידיש און אין רוסיש, די פּאַרטיי וואָס האָט גע־זאָלט מיט דער הילף פון אַ אידישן נאַציאָנאַלן סיים שאַפן אַ אידישע טעריטאָריע, האָט געלעבט נאָך ווייניקער, אויב זי האָט בכלל געלעבט, וואָרום נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן אויסזען פון אַ פּאַרטיי, וואָס די אי־עס-פּע האָט געהאַט, מיט אַ מאַקסימום און מינימום־פּראָגראַם, איז זי אין דער אמתן געווען נישט מער ווי אַ זשורנאַל, נישט מער ווי אַ זאַמלונג פון פּובליציסטישע אַרטיקלען, געשריבן פון אידישע אינטע־ליגענטן, וועלכע האָבן זיך אפילו רעכט נישט צונויפגערעדט. דאָס איז געווען דער שטריך, איבער וועלכן דער סאָציאַליסט זשיטלאָווסקי, וועל־כער האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אַז קלאַסן און פעלקער ווירקן אויף דער געשיכטע בלויז אָרגאַניזירטערהייט, דורך די פּאַרטייען זייערע, איז פאַרבליבן כמעט די גאַנצע צייט אַן אויסער־פּאַרטייאישער אָדער איבער־פּאַרטייאישער, אַ אידישער אינטעליגענט-סאָציאַליסט, וואָס נעמט אויף פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון די אַלגעמיינע, ווי פון די אידישע, דאָס וואָס אים איז צום האַרצן, און דאָס איבעריקע,

ווי אָרגאַניש איינגעוואַקסן דאָס זאָל נישט זיין אין דעם קלאַס אָדער אין דעם קלאַסן־שיכט, וואָס האָט די פּאַרטיי געשאַפן, וואָרפט ער אָפּ. דאָס איז דער שטריך וואָס מאַכט אים פאַר אַן עקלעקטיקער אין דער סאָציאָלאָגיע ווי אין דער פילאָזאָפיע.

בעת מיר זאָגן דאָס, מוזן מיר אָבער זיין געוואָרנט נישט צו פאַרמישן פּאַרטייען מיט פּרינציפּן. זשיטלאָווסקי האָט אָנגענומען פון זיין פריער יוגנט אָן פעסטע סאָציאַליסטישע און אידיש־נאַציאָנאַלע פּרינציפּן און פון זיי איז ער אויף איין מינוט נישט אָפּגעטראָטן ביזן טויט. דאָס זיינען די פּרינציפּן פון זיין נישט געגרינדעטער פּאַרטיי „תשועת ישראל": דער סאָציאַליזם, וואָס איז די העכסטע סאָציאַלע עטיק, און די אויפקלערונג פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס איז דער וועג וואָס פירט צו דער סאָציאַלער אויפוואַכונג און נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פון די אידישע מאַסן און פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. אָט די פּרינציפּן האָט זשיטלאָווסקי געהאַט פאַר די אויגן נאָך ווען ער האָט אין 1887 געשריבן זיינע „געדאַנקען וועגן דעם געשיכטלעכן גורל פונעם אידישן פאָלק", וואָס האָט אַרויסגערופן קעגן אים דעם צאָרן פון דער פּעטראָגראַדער העברעישער צייטונג „היום" און פון ש. דובנאָוו אינעם „וואָסכאָד" און זיי האָבן אים אָנגערופן „עוכר ישראל" און „אידישער אנטיסעמיט", צוליב אָט די פּרינציפּן האָט ער אין 1888 געזוכט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" וועגן אַריינטרעטן אין איר אידישער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער געדאַנק פון זיין עכט „נאַראָדאָוואָלישער" בראָשור „יעוורעי ק'יעוורעיאַם" (א איד צו אידן), אין וועלכער ער רעדט צו דער אידישער אינטעליגענץ, אז איר אָרט איז מיט דעם אידישן פאָלק, וואָרום זייער גאַנצע אַרבעט פאַר דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג וועט קיין שום ווערט נישט האָבן, אויב דאָס אידישע פאָלק וועט פאַרבלייבן אין אָרימקייט און אומוויסנהייט; צוליב אָט די פּרינציפּן האָט זשיטלאָווסקי געגרינדעט די „גרופּע אידישע סאָציאַליסטן פון אויסלאַנד", מיט דעם ציל צו שאַפן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף אידיש און וואָס א דאַנק איר האָבן מיר געהאַט „די מעשה מיט די פיר ברידער", וואָס האָט אַזוי פיל אידישע סאָציאַליסטן געשאַפן; צוליב

אַט די פּרינציפּן, האָט זשיטלאָווסקי מיטגעארבעט אין 1899 אין די אויסגאַבעס פון „בונד" און האָט געווירקט אויף דער פּאַרטיי אריינ־צונעמען אין איר פּראָגראַם דעם פּונקט פון קולטורעל-נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אַט די פּרינציפּן ליגן אין זשיטלאָווסקיס קאַמף, וואָס ער האָט גענומען פירן זינט 1904, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, קעגן דער עם־הארצות און שפּראַך־פאַרקריפּלונג אין דער אַמעריקאַנישער אידישער פּרעסע; צוליב דעם זעצט ער איבער אין אידיש אַ ריי זיינע ווערק, צווישן זיי: „דער נאַציאָנאַליזם און די סאָציאַלע פראַגע", און לייענט לעקציעס אין אַ פּרעכטיקן אידיש איבער דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע (שפּעטער געדרוקט אין בוך־פאָרם). די דאָזיקע פּרינציפּן זשיטלאָווסקיס זיינען דער זין פון זיין אַנטייל אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (1908), וואו ער קעמפט פאַר דער אַנערקענונג פון אידיש אַלס די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך. און ווען די קאָנפערענץ ענדיקט זיך מיט דער באַקאַנטער פּשרה אַז אידיש איז „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם אידישן פאָלק", אויף וועלכער ער גייט איין אונטער פּרעס אָנמערקונג, אַז „אידיש איז נאָך נישט די שפּראַך פון דער אידישער אינטעליגענציע", קומט ער צוריק קיין אַמעריקע, רינגלט זיך אַרום מיט דער דאָרטיקער אידישער אינטעליגענץ און נעמט זיך אונ־טער מאַכן אידיש פאַר דער שפּראַך פון דער אידישער אינטעליגענץ. ער טוט דאָס דורך זיין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", וואו ער נעמט באַ־האַנדלען די קאָמפּליצירטסטע פילאָזאָפישע ענינים אין אַ רייכן, קלאָרן און זויבערן אידיש, וואָס ווערט אַן און פאַר זיך אַ באַוועגונג. שפּעטער טוט ער דאָס אין „די צוקונפט", אונטער אַ. ליעסינס רעדאַקציע וואו ער שרייבט איבער אַזעלכע טעמעס ווי איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע, קונסט־טעכנישע פראַגן און ער דערציט באמת אַ דור אידי־שע אינטעליגענץ, וואָס באַקומען העכערן וויסן דורך דער אידישער שפּראַך.

פּאַראַלעל מיט זשיטלאָווסקיס קולטור־אַרבעט, צו מאַכן פון אי־דיש די שפּראַך פון דער אידישער אינטעליגענץ, וואָס דאָס איז ביי אים אידענטיש מיט אידיש אַלס די נאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך, גייט

זיין ארבעט פאר זיין סאָציאַלן פּרינציפּ: די פּראָדוקטיוויזירונג פון די אידישע מאסן, זייער פארוואנדלונג אין ערדארבעטער. די פארשטאַרקטע וואנדערונג פון אידן קיין פּאַלעסטינע נאָך 1905 ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די גרינדונג פון די „קבוצות, ציט אים צו דער באוועגונג. ער מאכט א באזוך אין ארץ־ישראל אין 1914, ווערט באגייסטערט פון דעם חלוצישן אידעאַליזם און קומט צוריק קיין אמעריקע א דערנענטערטער צו פּועלי־ציון, כאָטש א שטאַרק פאַרביטערטער קעגן דעם אַנטי־אידיש־טעראָר פון די העברעיסטן. ס'איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו מען האָט זשיטלאָווסקין ניט געלאָזט האלטן זיינע רעפעראַטן אין אידיש, אין דער נאַציאָנאַלער אידישער שפּראַך. ער ווערט אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי, אַרבעט מיט אין איר טעגלעכן אָרגאַן „צייט״. זיין עקלעקטישער גייסט אָבער, לאָזט אים נישט האלטן זיך אין די שטרענגע ראַמען פון דער פּאַרטיי און ער טרעט ארויס מיט א פארזוך צו פאַראייניקן אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין איינער א סינטעטישער אידישער פּאַרטיי. און דער סינטעז איז נישט קיין אַנדערער ווי די דערמאָנטע צוויי פּרינציפּן. אין א געוויסן זין האָט זיין אגיטאַציע אין דער ריכטונג געהאַט דערפאָלג. ער האָט צוגעצויגן צו דעם געדאַנק — כאָטש אין א געענדערטער פאָרם: א פאַראייניקונג פון די אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען צוליב באַשטימטע צילן — אזא שטרענגן, אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישן, פּועלי־ציוניסטישן טעאָרעטיקער ווי בער באָראָכאָוו, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען ברענגען אין דער פּראַקטיק, אָרגאַניזאַציאָנעל, זשיטלאָווסקיס גרונד־אידייע.

זשיטלאָווסקי ווארט נישט ביז די סינטעטישע פּאַרטיי וועט געשאַפן ווערן און ער אַרבעט מיט פאַר זיינע פּרינציפּן מיט וועלכער נאָר פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט אין זייער ריכטונג. אזוי אויפן קולטורעלן ווי אויף דעם סאָציאַלן געביט. ער טוט ווי רבי מאיר, וואָס האָט געפונען א מילגרוים און האָט דאָס אינעווייניקסטע אויפגעגעסן און די שאָלעכץ אַוועקגעוואָרפן. ווען אפילו אין דער פּאַרטיי אָדער באַוועגונג זאָל באַטראַכט ווערן ווי דאָס אינעווייניקסטע דאָס וואָס זשיטלאָווסקי האָט באַטראַכט ווי די שאָלעכץ. ער האָט בשום אופן

נישט מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון די פועלי ציון און אלגע-מיינע ציוניסטן צו אידיש אין פאַלעסטינע, נאָר צוליב דער אידישער קאָלאָניזירונג, באַזונדערס אין די „קבוצות", האָט ער זיך דערקלערט פאַר א פּועליציוניסט; ער האָט בשום אופן נישט מסכים געווען מיט די אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פון דער אָרט־געזעלשאַפט, נאָר געווען איז ער אן אייפערדיקער מיטאַרבעטער אירער, ווייל זי טוט די אַרבעט פון פּראָדוקטיוויזירן די אידישע מאַסן; ער איז געווען א קעגנער פון דעם באָלשעוויזם, פון דער סאָוועטישער רעגירונגס פאָרעם, נאָר איז געווען פון די ערשטע נישט־קאָמוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דעם „איקאָר", צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ווי דער „פּראָקאָר" אין אַרגענטינע, מיטגעאַרבעט מיט דעם ראַטנפאַר־באַנדישן „געזערד" אין דער איבערוואַנדערונג פון אידן אויף ערד־אַרבעט אין די ראַיאָנען פון כערסאָן, זאַפּאָראָזשיע און קרים און אין ביראָבידזשאַן און זיין קעגנערישקייט צו דער סאָוועטישער רעגירונגס־פאָרעם האָט אים אויך נישט געשטערט צו אָנערקענען די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט און די גרויסע אויפטוען אירע פאַר די ראַטנפאַרבאַנדישע פעלקער און ספּעציעל פאַר די אידן אויף דעם גע-ביט פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור.

אויף דעם זעלבן אופן האָט ער פאַרשטאַנען אויפצונעמען מיט פרייד די איניציאַטיוו צו פאַרופן דעם אידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז און ווען אפילו נישט פּערזענלעך, צוליב זיין קראַנקייט, האָט ער זיך אין דעם קאָנגרעס באַטייליקט מיט זיין גלענצנדן רעפעראַט וועגן אינהאַלט און פאָרם, אין וועלכן ער וויקלט אויס זיין לאַנגסטיקע טע-אָריע, אַז די שפּראַך פון א פאָלק איז נישט בלויז א מיטל אָדער א כלי, נאָר אויך אַן אינהאַלט, זי איז זיין קולטור-אינהאַלט. צוליב אָט דעם קולטור־אינהאַלט פונעם אידישן פאָלק איז ער געפאָרן מיט דריי־סיק יאָר צוריק קיין טשערנאָוויץ און צוליב דעם אידישן קולטור־אינהאַלט אָדער ווי ער רופט עס אָן אין זיין ספּעציעלער בראָשור וועגן „איקוף" — אידישן קולטור־ווילן, האָט ער זיך באַטייליקט אינעם פּאַ-ריזער אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס; צוליב אים איז ער גע-ווען איינער פון די גרינדער פון „איקוף" אין די פאַרייניקטע שטאַטן

און זיין ערן-פּאַרזיצער און איינער פון זיינע געטרייסטע מיטאַרבע־טער. אויף א ווייילע האָט זשיטלאָווסקי זיך געהאט אָפּגערוקט פון „אי־קוף”. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען דער טאַקטישער „פּאַקט” צווי־שן דער ראַטנמאַכט מיט דער נאַצי-רעגירונג אין 1939, האָט צעטומלט די מוחות פון א גרויסער צאָל אידישער אינטעליגענץ און זשיטלאָווס־קי, ווי אנדערע, האָבן זייער ווידערווילן צו אָט דעם „שותפות” איוס־געלאָזט צום „איקוף”, וואו זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט קאָמוניסטן. אויף א ווייילע איז דאָס געווען, וואָרום ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אז נישט כדי צו פאַרראַטן דעם סאָציאַליזם און די דעמאָקראַטיע, איז דער „פּאַקט” געשלאָסן געוואָרן, נאָר כדי זיי צוראַטעווען, איז זשיט־לאָווסקי צוריקגעקומען צום „איקוף” און האָט פאַרנומען אין אים זיין ערן־אמט. ער האָט עס געטאָן, מחמת דער „איקוף” איז דער וואָס פאַרייניקט אין זיך דעם אויפריכטיקן אידישן קולטור-ווילן, דעם אויפ־ריכטיקן ווילן פון די אידישע מאסן צו לעבן א נאַציאָנאַל אידיש קול־טור-לעבן.

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אונדז איבערגעלאָזט טיפע און הער־לעכע געדאנקען וועגן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן קולטור-לעבן. אין דער איקוף־אַרבעט ווייזט זיך אַרויס די גאַנצע שיינ־קייט פון זיין פּערזענלעכקייט, וועלכע איז א קולטור־פּערזענלעכקייט.

געשטאָרבן איז זשיטלאָווסקי אינמיטן אַן אַרבעט, אין וועלכער זיין פּערזענלעכקייט איז געקומען צו איר פולקאָמענסטן אויסדרוק. דאָס איז די באַוועגונג פאַר דער איינִיקייט פון דעם אידישן פאָלק אין דעם קאַמף פון די פעלקער קעגן דעם נאַציפאַשיזם. די דאָזיקע באַוועגונג נויטיקט זיך נישט אין קיין טעאָרעטישע באַגרינדונגען, נאָר אין טאַט, אין אָרגאַניזאַטאָרישער טאַט און אַזעלכע זיינען אויך געווען זשיט־לאָווסקיס לעצטע אַרטיקלען מכוח אָט דעם ענין אין דעם ניו־יאָרקער „טאָג”, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט. אין אָט דער איינִיקייט האָבן א פּלאַץ נישט בלויז די אידישע פּאַרטייען, נאָר יעדער איד און באַזונדערס יע־דער אינטעליגענטער איד. די אידישע אינטעליגענציע — אויב עס איז נאָך היינט פאַראַן אַזא שיכט א ספּעציעלער, נאָכדעם ווי די אי־

-דישע אינטעליגענץ האָט זיך אזוי ווייט דיפערענצירט און באשטימט איר פּלאץ אויף די פּארטייאישע פּאָזיציעס — האָט איר ריכטיקסטן פּלאץ, געפינט איר ריכטיקסטן תיקון אין דער קאמפּס איינעקייט פונעם אידישן פאָלק. צו דער היסטאָרישער אייניקייט וועלן זיי גע־פירט ווערן פון דער אידישער פאָלקס-פרייהייטלעכער פיגור, וואָס טראָגט אין משך פון איבער זיבן צענדליק יאָר אידיש לעבן דעם נאָ־מען זשיטלאָווסקי.

ווי איך זע און קען קלמן מאַרמאָר

נעוועז איז עס אין יאָר 1906. איך בין ערשט געהאַט אָנגעקומען פון מיין איסקרא-אַטמאָספער אין אַדעס קיין בוענאָס-איירעס, א געבראָכענער, אַזוי צו זאָגן, מיט א געמיט, וואָס האָט אין מיר געפאָדערט אידישע סאַטיספאַקציע, אידישע זיכערקייט, אידישע נאַציאָנאַלע וויזיע, נאָך די געשעענישן אין 1905, וואָס האָבן אזא ביטערן אָפּזאַץ געלאָזן און אזא ביטערן נאָכטאַם ביי יעדן אידן. אריינגעפאַלן בין איך דאָ אין דער אַטמאָספער פון היציקער פּילפּוליסטיק. וואָס איז אהער אריבערגעבראַכט געוועזן דורך דער אידישער אַרבעטער-יוגנט, יונגע אָנהענגער פון די פריש-אויפגעקומענע ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דיסקוסיעס, אַזוי ווייט פאַרטראָגענע, אויפן וויטן דרום פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, ווייט פון דעם שטורעם, וואָס האָט די פּאַרטייען אַרויסגעבראַכט, האָבן, נויטווענדיקערווייזע, געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער, א ביזאַנטינישן, וואָלט איך געזאָגט. מען האָט זיך מפלפל געוועזן אַרום דער טעאָרעטישער האַרמאָניע און מאַרקסיסטישער לאָגיק פון די פּאַרטיי-פּראָגראַמען. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון באַראָכאָווס פּראָלעטאַריש-ציוניסטישן סינטעז, וואָס האָט אַפּעלירט צו מיין אָרטאָדאָקסאַל-מאַרקסיסטישער דערציונג, מיט דער מאַרקסיסטישער פּראָזעאָלאָגיע פון זיין אַרגומענטאַציע: דער „סטיכישער פּראָצעס" און די „אייזערנע נויטווענדיקייט"; די „סטאַטיק און דינאַמיק" פון דער אידישער עקאָנאָמיק, דער אַלוועלטלעכער וועזן פון די אידישע באַשעפטיקונגען; די אידישע וואַנ-

ד ע ר ו נ ג אלס אויסדרוק פון דער אידישער ווירקלעכקייט; די צו־געפאסטקייט פון פאלעסטינע אלס האלב־אגרארע לאנד פאר דער אי־דישער וואנדערונג... דאס האט מיך נישט נאר באפרידיקט טעארעטיש, נאר אויך געגעבן א געוויסע בארעכטיקונג מיינע פראלעטארישע סקרו־פולן, וואס האבן מיך ביז דעמאלט געהאלטן אין א זייט פון די ספע־ציפיש־אידישע סאציאליסטישע פארטייען. דעריקער, געפירט פון באָ־ראָכאָווס האנט און זיין „נאשא פלאטפארמא”, בין איך אומגעגאנגען אזוי זיכער אין דעם אבסטראקטן פראגראמען־לאבירינט פון בונד, עס־עס און אי־עס און האב גוטמוטיק געשמייכלט פון די אנדערע סימפלים־טישע „טאלקן” אינעם ציוניסטישן סאציאליזם.

אט אין יענער צייט, איז מיר צו די הענט געקומען קלמן מרמרס אן ארטיקל מיט אזא סימפליסטיש־ציוניסטישן טיטל, ווי: „דאס פאלק ישראל אין גלות און די ארבעטלאזע אידן”, געדרוקט אינעם ארגאן פון די נארד־אמעריקאנער פועלי ציון, „דער אידישער קעמפער”, פון וועל־כן ער איז געווען רעדאקטאר. עס איז פארשפארט צו זאגן, אז גע־לייענט האב איך דעם ארטיקל מיט א שמייכל איבער דעם „סימפליזם” פון דעם נארד־אמעריקאנישן פועלי ציוניזם, וואס שטאמט, ווי איך פארשטיי דאס, פון דעם זעלבן קוואל, פונוואנען עס שטאמט דער נארד־אמעריקאנער ציוניזם בכלל, פון דער אמעריקאנישער רייכפעטע־רישקייט. דער רוסישער ציוניזם, וועלכער איז מיר גוט באקאנט געווען, האט אין מיינע אויגן געהאט, אין זיין באגרינדונג אלנפאלס, סימפא־טישע שטריכן; ערשטנס, די אידישע פראדוקטיוויזאציע; צווייטנס, זיין דעמאקראטיזירנדיקע ווירקונג צווישן דעם אידישן קליינבירגער־טום און, דריטנס, איז ער אויך געווען א קולטור־באוועגונג אין דעם זין, וואס ער האט גרויסע מאסן אידן, איבערהויפט אין די שטעטלעך, פארוועלטלעכט און פאליטיזירט, ארויסגעריסן פון דעם סטאטישן משיחיזם און געשטויסן צום פאליטישן דענקען. מיר, איסקראָווצעס, האבן באקעמפט דעם ציוניזם ווי א לייזונג צו די סאציאלע איבלען פונעם אידישן פאלק און האבן באקעמפט זיין שעדלעכע ווירקונג אויף דעם קאמף פון די רוסישע אידן פאר זייער גלייכבארעכטיקונג און פון די אידישע ארבעטער פאר דעם סאציאליזם, נאר זיין אויפרודערנדיקע

באַדייטונג האָבן מיר אָנערקענט און זי אויך אויסגענוצט אינעם אַל־געמיינעם קאַמף קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. וואָסזשע פאַר א פּנים האָט געקענט האָבן, ביי מיר, דעם מאַרקסיסט, דער פּראַקטיקאַרישער און דער גלות־ציוניזם! און וואָס פאַר א פּנים האָט געקענט האָבן ביי מיר, דעם באַראָכאָוועץ אַזאַ פּועלי ציוניזם, וואָס ווערט רעדוצירט צו א קאָמיטעט, וואָס העלפט איינאָרדענען ארבעטלאָזע אידן אין פּאַ־לעסטינע!...

איך מוז מודה זיין, אז דער דאָזיקער אַרטיקל פון קלמן מרמר האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג שוין מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געוואָלט באַגרייפן די פּערזענלעכקייט פון אָט דעם געלערנטן, פון אָט דעם היסטאָריקער, ליטעראַטור־קענער און נאַטור־וויסנשאַפט־לער, וואָס האָט אַזאַ וויכטיקע ראָל געשפּילט אין דער אידעאָלאָגי־שער אויספורעמונג פון דער אידישער ארבעטערשאַפט און אידישער אינטעליגענץ אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אין דער שיין פון יענעם אַרטיקל, האָט מיר די עוואָלוציע פון קלמן מרמר צו זיין היינטיקער פּאָזיציע אין דער אידישער פּאָליטישער און קולטור־באַוועגונג, אויס־געזען ווי די אומוועגן פון א פּראַגמאַטישן גייסט, א פּראָדוקט פון דער ספּעציפישער ענגליש־אַמעריקאַנישער „פּראַקטישקייט”, וואָס נעמט אויף די זאַכן אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע, לויט זייער באַלדיקן און אומיטלבאַרן אָדער אויסערלעכן ווערט און לאַכט אויס די „גריב־לער”, די וואָס זוכן אין די זאַכן זייער אינערלעכן צוזאַמענהאַנג, זייער מאָניסטישע האַרמאָניע.

אלס מיטגליד פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי, פלעגט מיך ביזן בלוט פאַרדריסן ווען בונדיסטן פלעגן מיט א כיוון אַריינבראָקן מיין אידיש־פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אין איין שיסל מיט די ציוניסטן און עס פלעגט מיך פרייען דער מינדסטער דערפאָלג פון די אייראָפּעישע פּאַרטיי־טוער אין דער ריכטונג פון אויסווירקן די אָנערקענונג פון דער פּאַרטיי אלס טייל פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיר זיינען נישט קיין ציוניסטישע פּאַרטיי, פלעג איך דערווידערן, נאָר א סאָציאַליסטישע; מיר נעמען נישט קיין אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, מיר זוכן דעם וועג צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל,

און אַט אין דער ריכטונג, איז מיט א יאָר זיבן שפּעטער, כמעט אומ־געריכט, מיר געקומען צו הילף קלמן מרמר — אַט דער פאַרפאַלענער סימפּליסטישער ציוניסט, ווי איך האָב געהאַלטן, — דעם פירער פון דעם פלאַכן נאָרד־אַמעריקאַנישן פּועלי ציוניזם — מיט זיין פאָדע־רונג אין דעם זעלבן „אידישן קעמפער", אז די פּועלי־ציון־פּארטיי זאָל זיך פאַראייניקן מיט דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זאָל ווערן, הייסט עס, א טייל פון איר. דאָס וואָלט, פון איין זייט, אוועק־געשטעלט די פּועלי ציון מיטביידע פיס אינעם סאָציאַליסטישן קאַמף פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער ארבעטערשאַפט און, פון דער צווייטער זייט, וואָלט דאָס געווען די אָנערקענונג פון דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס די פּועלי־ציון פירן אָן אין פּאַלעסטינע, מצד דער נאָרד־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און, אויטאָמאַטיש, שוין אויך פון דעם סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין דער זעלבער צייט, אָבער, האָב איך באַטראַכט אַט דעם פאָרשלאָג פון חבר קלמן מרמר ווי אַן אומ־פאַרשטענדלעכע מעטאַמאָרפאָזע פון זיין פּאַרטיי־פּערזענלעכקייט. און נאָכמער, ווען ער איז — נאָכדעם ווי זיין פאָרשלאָג ביי א פּאַרטיי־צו־זאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון, אָקטאָבער 1913 אין פּיטסבורג, איז דורכ־געפאַלן, — אינדיווידועל אריינגעטראָטן אלס מיטגליד אין דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין 1916, ווען באָראָכאָוו געפינט זיך אין אַמעריקע און ארבעט פאַר דער פאַרופונג פון א אידישן קאָנגרעס אין שייכות מיט די אידישע פאָדערונגען אויף נאָך דער מלחמה, טרעפן מיר קלמן מרמר אין די רייען פון בער באָראָכאָווס מיטארבעטער; ער איז אָבער אויסגעשפּראָכן קעגן דער באַטייליקונג פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין דעם ציוניסטי־שן קאָנגרעס: דאָס אייגנטלעך איז אויך געווען די שטעלונג פון די אַר־גענטינער פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם לאָקאַלן אידישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יענעם יאָר אין בוענאָס־איירעס, און איך בין געווען איינער פון די פּועלי־ציוניסטישע דעלעגאַטן. קלמן מרמר איז מיר דעמאָלט געוואָרן באַזונדערס נאָענט, באָטש טעאָרעטיש אָדער פּאַרטיי־פילאָזאָפיש האָב איך אים נאָך גישט איינגאָנצן תופס געווען.

איך האָב אין מיין פּאָליטישער איינשטעלונג דורכגעמאַכט כמעט דעם זעלבן וועג ווי חבר קלמן מארמאָר.. איך זאָג: כמעט, מחמת ער האָט פארלאָזט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אָנהויב 1919, ווען איך בין נאָך אין איר פארבליבן און בין געווען איינער פון אירע שפּאַלטער דאָ אין ארגענטינע, אין יאָר 1922, ווען איין טייל פון דער פּאַרטיי האָט זיך איינגאנצן אוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון דעם באַלפור־ציוניזם און זיך דערקלערט אלס טייל זיינער, האָט א צווייטער טייל, צו וועלכן איך האָב מיך אָנגעשלאָסן, אָפּגעוואָרפן יעדן אָנשפּאַר פון די פּאַלעסטינע-אויסזיכטן אויף דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. איך האָב נאָר נישט געקענט אָנהאלטן קלמן מארמאָרס קורס, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער „אמעריקאַן לייבאָר אַלייענס״, און אירע שפּעטערדיקע גילגולים, כאָטש איך האָב זשורנאַליסטיש מיך געהאַלטן ביי דער ליניע און האַלט מיך ביי איר ביז היינטיקן טאָג. אָבער, ערשט מיין פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אים, אין 1937, ווען איך האָב מיך מיט אים געטראָפן ביים פּאַריזער אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט מיר אנטפּלעקט זיין דענקערישע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז שוין גאָרנישט אזא סימפּליסטישע, ווי איך האָב געהאַט דעם איינדרוק פון יענעם ציוניסטישן ארטיקל אין 1906.

איך האָב אים, ביי מיין ערשטער באַגעגעניש, דערמאָנט דעם ארטיקל אין „אידישן קעמפּער״ און ער האָט מיר אים אויפגעקלערט אזוי, אז איך האָב פאר מיר דערזען דעם טיפּ מענטשן, וואָס זוכט ארויסצוברענגען זיין טעאָרעטישן געדאַנק מיט דער פּשטות פון קאָנקרעטער טאַט. איך האָב אין יענער מינוט תופס געווען דעם גאַנצן אָפּגרונט, וואָס האָט אונדז צעשיידט אין יענע ערשטע יאָרן פון אונדזער ביידנס פּועלי־ציוניזם. איך, דער פאַרכאַפּטער פון דער שפּעקולאַטיווער טעאָרעטיזירונג, וואָס האָט אויף דעם גרונט פון אזא פּרעכטיקן אנאַליז פון דער אידישער ווירקלעכקייט, אויפגעשטעלט א האַרמאָנישן טעאָרעטישן בנין אין דער אַבסטראַקציע, און ער, וואָס האָט געזוכט דעם סינטעז אין דער טאַט. שוין יענער ארטיקל, וואָס האָט מיר געקלונגען אזוי מאָדנע „אמעריקאַניש״, איז געווען א פּרואוו אָנצוקליידן אין קאָנקרעטע מעשים אָט די טעאָריע. און אזוי אויך זיין

ווייטערדיקער, רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער שריט אין 1913; בעת ביי מיר, ווי ביי די מערסטע חברים מיינע איז דעריקער געווען די אָנער־קענונג פון אונדזער ט ע אָ ר י ע, איז ביי אים, דעם מענטש, וואָס האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט אויף זיין גרויס ווערק וועגן קלאַסן־קאַמף אינעם אַלטערטום, געווען דער עיקר, פּראַקטיש צו פאַרוואַנדלען די אידישע פּאָסטולאַטן, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט, אין פּאָסטולאַטן פון דעם אַקטיוון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און פון דער צווייטער זייט, אויסלייזן דעם פּועלי־ציוניסטישן קלאַסן־קאַמף פון זיין איזאָלאַציע אָדער גאָר פון זיינע ווידערשפּרוכן, וועגן ער באַטראַכט זיך אַלס טייל פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און פון זיין „אויסערן־פּאָליטיק".

מיר איז נישט באַקאַנט צי קלמן מאַרמאָר האָט דעמאָלט שוין געשטיצט זיין שטעלונג אויף דער שטעלונג פון די רוסישע באָלשעוויקעס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, קעגן דער שטעלונג פון דער עסטרייכישער קעניג־קייזערלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט באַוויליקט די פעלקער פון דער עסטרייכישער אימפּעריע בלויז קולטורעלע אויטאָנאָמיע; אַלנפאַלס, איז די באָלשעוויסטישע שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע שוין גוט באַקאַנט געווען פון דער פּאָלעמיק, וואָס לענין און סטאַלין האָבן געפירט נאָך אין 1912 קעגן רודאָלף שפּרינגער און אָטאָ באַוער, ווי קעגן דעם „בונד", וואָס האָט זיך אין דער עסטרייכישער טעאָריע געקלאַמערט.

עס האָט אָבער אויך געקענט זיין, אַז קלמן מאַרמאָר איז צו אָט דער שטעלונג פון איבערגעבן די לייזונג פון דער טעריטאָריאַלער פראַגע פאַר אידן דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, געקומען זעלבשטענדיק, פּונקט ווי איך בין צו אים געקומען זעלבשטענדיק, כאָטש אין א רויער פאָרם, נאָך אין 1909. איך האָב דעמאָלט דעם געדאַנק אויסגעוויקלט אין אַן אַרטיקל וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין שייכות מיט דעם קאַמף, וואָס די עסטרייכער פּועלי ציון האָבן געפירט פאַר דער אָנערקענונג פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט אינערהאַלב דער עסטרייכישער אימפּעריע.

מיין אַרטיקל האָט געהאַט דאָס אומגליק אויסגעלאַכט צו ווערן

פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט דעמאָלט דאָ פאַרוויילט בעת זיין אַנטי־איקאַ־אַקציע, אַלס אַנטי־מאַרקסיסטישע אוטאָפּיע, מחמת די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט ער אַרגומענטירט — איז קעגן יעדן טעריטאָריאַלן סעפּאַראַטיזם... אַ סימן: די עסטרייכישע... און אויף וועמען קענען מיר שטיצן אַזאַ פאָדערונג, אויב נישט אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?...

איך האָב פאַרטיידיקט מיין „אוטאָפּיע" מיט דעם פאַקט, וואָס די רוסישע פּועלי ציון זיינען גראָד געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס די טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג איז ביי זיי געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן: די אַזוי גערופענע אוקראַינישע „באָראָטבאָוצעס" — אַן אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּירונג, וואָס בער באָראָכאָוו האָט געהאָלפן זייער טעאָרעטישער אויספורעמונג און די אַרמענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי דאַשנאַקצוטיון. ביידע, סאָציאַליסטישע גרופּירונגען פון צאַריש־אונטערדריקטע פעלקער. היינט מאַכן מיר אַ חילוק צווישן אימפּעריאַליסטישע סאָציאַליסטן און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע; דעמאָלט איז דאָס נאָך נישט אַזוי קלאָר געווען.

קלמן מאַרמאָר האָט זיכער געוואוסט פון אָט די באַציאונגען און האָט זיך אין זיי אינספּירירט, פּונקט ווי עס האָבן זיך אינספּירירט לענין און סטאַלין אינעם קאַמף פון די קאַווקאַזער און מאָנגאָלישע פעלקער קעגן דעם צאַרישן אימפּעריאַליזם, ווען זיי האָבן פאָרמולירט זייער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין 1912. אַזוי, אגב, האָט אויך פאַרשטאַנען ב. באָראָכאָוו און האָט דאָס באַוויזן דערמיט, וואָס באַלד ווי עס האָט אויסגעבראָכן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917, איז ער אוועק קיין סאָוועטרוסלאַנד און געוואָרן איינער פון די הויפּט־טוער אינעם קאָנגרעס (ראַדאַ) פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס איז פאַרופן געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין קיעוו.

מעגלעך, אַז דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די רוסישע י. ק. פּ. פּועלי ציון, איז פאַרבליבן לעגאַל אינעם ראַטנפאַרבאַנד עט ביז 1929, ווען עס האָבן זיך אין איר אָנגעהויבן אריינרייסן פרעמדע עלעמענטן, פון איין זייט טראָצקיסטישע און פון דער צווייטער זייט אָנהענגער

פון „ענגלישן ציוניזם״. נאָר דאָס איז אַ באַזונדער ענין. וואָס איך וויל דאָ זאָגן, איז, אַז קלמן מאַרמאָר האָט מיט אַ קאָנקרעטן און שאַרף מאַניפעסטירטן שריט, נאָך אין 1913, אָנגעוויזן די טעריטאָריאַלע לייזונג פון דער אידן-פראַגע דורך דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסן און נישט דורך דעם גוטן ווילן פון די אימפּעריאַ־ ליסטישע מאַכטן. שפּעטער, אין 1919, האָט ער אָפּן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ציוניזם, אַזוי לאַנג ער שטיצט זיך אויף דעם אימפּעריאַליזם.

קלמן מאַרמאָר, ווי אַנדערע וואָס האָבן ווי ער געדענקט, האָבן געהאַט די גרעסטע סאַטיספאַקציע צו זען, ווי די באַפרייטע ראַטנפאַר־ באַנדישע פעלקער האָבן געגעבן די אידן אַ טעריטאָריאַלע באַזע סיי פאַר זייער עקאָנאָמישן און סיי פאַר זייער קולטורעלן לעבן. פאַר־ וואַנדלט האָט אָט די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק באַלד פון אָנ־ הויב אַ גרויסע צאָל אוקראַיינישע און ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך, אָדער טיילן זייערע, אין אידישע מלוכהשע איינסן, מיט דער גרינדונג פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַטן. אָט די פּשוטע לייזונג פון דער נאַציאָ־ נאַלער פראַגע, האָט אויך אַזוי פּשוט, אָן אַבסטראַקטן פּילפּול, נאָר מיט קאָנקרעטער יושרדיקער טאַט, ווי קאָנקרעט יושרדיק עס איז די אָק־ טאָבער־רעוואָלוציע צו די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אַלע פעלקער, וואָס בילדן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָפּגעשאַפט מיט אָט די ראַטן דעם „גלות״, אין וועלכן עס האָבן זיך געהאַט אַזוי איינגעלעבט די קרעכצער און חצות-אָפּריכטער זייט הונדערטער יאָרן און צוזאַמען מיט זיי די בערך גייע מאָדערנע אידישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן דערמיט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זייערע פיס.

אויס „תחום המושב״, אויס גוייאישער פּריסטאַוו, אויס גוייאישער געריכט, אויס צאַרישע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אַזוי פיל ברען־שטאָף און מאַטער־קראַפט געגעבן אָט די פּאַרטייען, און דער עיקר אויס אַנטי־אידישע גזירות, וואָס האָבן כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט גע־ מאַכט פון דעם אידן אַן אייביקן ערב עמיגראַנט: אָפּן איז פאַר אים דאָס פעלד און וואָרט ער זאָל דאָס איבערגיין מיט דעם אַקער, פאַר־ וואַרפן אין דעם די קערנער און דערנאָך שניידן די זאַנגען; אָפן איז פאַר אים די פאַבריק און די שאַכטע, דער מלוכה־אַנשטאַלט און די

אַרמייאישע יעראַרכיע און אָפּן איז פאַר אים די בילדונג, אָן שום באַ־שרענקונג. געבליבן איז נאָר איין שטיקעלע „גלות", דער גלות פון דעם שיינעם אידן, וואָס האָט נעבעך געמוזט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ אין דער נייער אידישער קהילה, אינעם שטאָטישן נאַציאָנאַלן ראַט, דעם באַל־מעלאָכע, דעם נעכטיקן „כאַצדאַרגע"...

אָט די טעריטאָריאַלע באַזע פון אידישן נאַציאָנאַלן לעבן אינעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך באַלד אויסגעברייטערט מיט דער גרינדונג פון די אידישע ערד־אַרבעטער ראַיאָנען אין קרים און אוקריינע און מיט דער באַשטימונג פון בּיראָבּידזשאַן פאַר אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט, און איז געוואָרן אַ ביישפּיל פון דעם, ווי אַזוי פעלקער־פרייהייט איז נישט עפּעס אַ זאַך וואָס שטייט אויסער דער פרייהייט פון די אַרבעטנדיקע. אָט טאַקע אַזוי ווי קלמן מאַרמאָר האָט דאָס אַזוי קלאָר און פּשוט פאַרשטאַנען.

אין יאָר 1932 איז קלמן מאַרמאָר געפאָרן זען מיט די איי־גענע אויגן זיין טעאָרעטישע איינשטעלונג אין דער פּראַקטיק, ווי אַ פאַקט. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט צוויי יאָר צייט און פון דעמאָלט אָן שטייט ער בראש פון דער איקאָר־באַוועגונג אין די פאַריייניקטע שטאַ־טן, וואָס פרעדיקט מיט דעם ביישפּיל, מיט דער פּראַקטיק די שוין אויסגעפּרואווטע טעאָרעטישע איינשטעלונג זיינע, אַז די דערלייזער פון די פעלקער, זיינען זייערע קעמפנדיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, ווען זיי שטעלן זיך אויף דעם וועג פון דעם סאָציאַליזם, קעגן די אימפּע־ריאַליסטישע אונטערדריקערישע גרויסמאַכטן.

רעדט מען וועגן קלמן מאַרמאָר, קען מען נישט פאַרגעסן זיין ביז נאָר וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף דעם געביט פון דער אַל־טערטום־געשיכטע. אַן אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין זיי־נע סטודענטישע יאָרן אין דער שווייץ. דאָס זיינען זיינע פאָרשונגען וועגן דעם קלאַסן־קאַמף אינעם אַלטערטום, אין די ערשטע ציוויליזאַ־ציעס פון דער מענטשהייט, אין דער עגיפּטישער, אין דער אידישער, אין דער גריכישער און אין דער רוימישער. וועגן אָט דער מאַטעריע לייענט ער לעקציעס, אַלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע, זייט לאַנגע יאָרן, צוערשט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געלעבט ביז 1906 און דערנאָך אין

די פאַרייניקטע שטאַטן. איבער דער מאַטעריע האָט ער אויך געלייענט לעקציעס אינעם מאָסקווער אוניווערזיטעט פון די מזרח־פעלקער.

אָט די פאָרשונגען און די לעקציעס קלמן מאַרמאָרס זיינען אויך זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, דעם פשוטן, דעם קעגנער פון דער אַבסטראַקטער חקירה און פּילפּול, וואָס זוכט אַרויסצוברענגען אין אַלץ דאָס קאָנקרעטע. מאַרקסיסטן האַלטן, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון דעם קלאַסן־קאַמף, פּונקט ווי דער קלאַסן־קאַמף איז דער באַוועגער פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און באַשטימט אירע טריט צו דער צוקונפט. און קלמן מאַרמאָר איז אַ מאַרקסיסט. ער איז עס אָבער נישט דערמיט, וואָס ער פאַרלאָזט זיך אויף מאַרקסן, נאָר דערמיט, וואָס ער זוכט אים צו באַשטעטיקן.

אַנדערע באַגנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי טייטשן אויס די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט ווי אַ קייט פון קלאַסן-הערשאַפטן, — די האַרן איבער די שקלאַפן אינעם אַלטערטום, די פעאָדאַלן איבער די לאַנדקנעכט אינעם מיטלאַלטער, די פאַבריקאַנטן איבער די אַרבעטער אין דער מאָדערנער צייט, די אימפּעריעס איבער די פעלקער אין אונדזער צייט — און זיי ווייסן אויך, אַז די איבערגאַנג זיינען געווען נישט קיין פרייוויליקע, אַז דער איבערגאַנג פון שקלאַפעריי צו פעאָדאַליזם, איז פאַרבונדן מיט דעם קראַך פון דעם רעזשישן אימפּעריאַליזם, אַז דער סוף פון דער פעאָדאַליסטישער הערשאַפט-פאָרעם הויבט זיך אָן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַז די בורזשואַזע הערשאַפט האָט שוין פאַקטיש אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דער הערשאַפט פון די אימפּעריאַליסטישע קאָנסאָרציומס פון איין זייט און פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער אַנדערער, אָבער, נאָר ווייניקע האָבן זיך געגעבן די מי צו ווייזן אָט דעם קאַמף אין זיינע קאָנקרעטע מעשים, איבערהויפּט דעם קאַמף פון די שקלאַפן אינעם אַלטערטום.

אויסגעפאַלן איז אָט די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף דעם קאָנקרעטן מאַרקסיסטישן דענקער קלמן מאַרמאָר. אַזאַ איז אויך זיין אַרבעט איבער דעם קלאַסן־קאַמף ביי די פאַרצייטיקע אידן, פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג זינט איר אַנטשטייאונג און פון דער אידישער פרעסע און ליטעראַטור אין די פאַרייניקטע שטאַטן. זיינע אַרבעטן

אויף די געביטן, זייגען נישט נאָר גרינטלעך און קאָנקרעט, נאָר זיי רעסטאַווירן ווי לעבעדיק די עפּאָכעס אונטער דער שיין פון קאַמף און באַוועגונג.

פּאַראַלעל מיט קלמן מאַרמאָרס אַרבעט אַלס וויסנשאַפטלער און פּאַרטיי־מענטש גייט זיין אַרבעט אויף דעם געביט פון אידישער דער־ציאונג. אויך אויף דעם געביט, איז ער דער מאַרקסיסט פון דער טאַט. די טעאָריע האָט ביי אים בלויז אויף אַזוי פיל ווערט, אויף וויפל זי ווערט אָנגעווענדעט אין דער פּראַקטיק. און ער איז טאַקע נישט דער פּובליציסט פון דער אידישער דערציאונג, נאָר דער פירער, דער לערער. און דאָס אַלץ מיט זיין איינגעבוירענער רואיקייט און פּשטות, וועלכע איז די גאָב פון די לערער און פירער.

זאָל מיר דערלויבט זיין דאָ ווידער צו דערמאָנען מיין באַגעגעניש מיט דעם לערער און דענקער אין פּאַריז בעת דעם ערשטן קולטור־צו־זאַמענפאָר אין 1937. אין געמאָסטענע פראַזן האָט ער געגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן דעם וועלטלעכן דערציאונגס־וועזן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. און באַוויזן האָט ער מיט זיי אָפּצולייקענען אַלע שוואַרצע נביאות וועגן אונטערגאַנג פון אידיש אין אַמעריקע. געטון האָט ער עס ריין וויסנשאַפטלעך, מיט פאַקטן, מיט קאָמפּאַראַציעס. דערביי, איז, ווי קענען זיין ווילן, קלאָר געוואָרן דאָס פּנים פון די שוואַרץ־זעער, וואָס דעקן צו מיט זייערע נביאות זייער אייגענע שולד לגבי דער אי־דישער שפּראַך און דער אידישער קולטור בכלל, לגבי דער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער.

איך האָב דעמאָלט געזען קלמן מאַרמאָרן, און אַזוי זע איך אים, ווי אַ פעסטן זייל פון דעם גלויבן אין דער אידישער צוקונפט, וואָס שטייט אויף דער באַזע פון קאָנקרעטן דענקען און קאָנקרעטן טון. ער איז נישט נאָר דער היסטאָריקער פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער טעאָרעטיקער פון דער צוקונפט; ער איז דער אַנטפּלעקער פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיטשאַפער פון דער צוקונפט.

שאַכנע עפּשטיין און די אייניקייטס באַוועגונג אינעם אידישן פאָלק

דער נאָמען פון שאַכנע עפּשטיין, דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבע־נעם סעקרעטאַר פון דעם אידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָס־קווע, איז פאַרבונדן מיט אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער אידישער באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען אייִנציִיטיק מיט דעם אַריינטריט פון דעם ראַטנפאַרבאַנד אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז די באַוועגונג פון אידישער אייניקייט אין אַנבליק פון דער איצט שוין פאַרענדיק־טער וועלט־מלחמה קעגן דעם פאַשיזם און דער פאַרויסגעזעענער אי־דישער לאַגע אין דער נאָך־מלחמה־וועלט.

דער אַריינטריט פונעם ראַטנפאַרבאַנד אינעם קריג, נאָכדעם ווי היטלער איז אויסגעריכט און פאַרעטעריש אריבער דעם בוג מיט זיין קריגסמאַשין און געבראָכן דעם געשלאָסענעם נישט־אַנגריף־אָפּמאַך, האָט איבער נאַכט פאַרוואַנדלט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ מלחמה פון די דעמאָקראַטישע פעלקער פאַר זייער פרייהייט קעגן די אַנגרייפער און וועלט־שלינגער, און האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט אַרום דעם קאַמף קעגן דעם נאַצי־פאַשיזם. באַזונדערס בולט איז דאָס גע־וואָרן פאַר דעם אידישן פאָלק, דער ערשטער ציל־ברעט און דער ער־שטער קרבן פון דעם פעלקער־שונא.

דער טשעמבערליין־גייסט, וואָס האָט באַהערשט אייראָפּע און די פעלקער־ליגע; דער גייסט, וואָס האָט אַנגעהאַלטן די ווערסיילער טראַ־

דיציע פון שטעכיקע דראטן און אוואנפאסטנס קעגן ראטנפארבאנד און האט זיך ערשט געהאט ארויסגעוויזן אין זיין פולן גלאנץ מיט אויסשליסן דעם ראטנפארבאנד פון דער פעלקער-ליגע פאר זיין פרואוו צו ענדערן די דאזיקע סיסטעם דורך א פרידלעכן גרעניץ-טויש מיט פינלאנד; דער דאזיקער גייסט, וואס האט מיט אזא הנאה צוגעקוקט דאס פוילישע חנדלען זיך צו נאצישן דייטשלאנד און האט מיט אזא לייכטן געמיט אפגעטראטן היטלערן איין פאזיציע נאך א צווייטער אינעם מזרח — עסטרייך און טשעכאסלאוואקיע — האט זיך דער-פילט פאראטן און אים איז קיין אנדער ברירה נישט געבליבן ווי אליין צו ברעכן דעם אנטיבאלשעוויסטישן קארדאן און פארברידערן די מערב-פעלקער מיט דעם גרויסן ראטנפארבאנדישן אנטיפאשיסטישן כוח.

דעם גרויסן נצחון פון אט דעם כוח, האבן מיר שפעטער געזען נישט בלויז אינעם צעשמעטערנדיקן מיליטערישן זיג פון די פארבינ־דעטע מלוכות איבער דעם נאצישן דייטשלאנד און זיינע פארבינדעטע און אין דער ספאנטאנער הילפס-באוועגונג פאר די אליאירטע ארמייען, וואס האט ארומגעכאפט אלע אמעריקאנער לענדער, די פראנקיסטיש נייטראלע ארגענטינע נישט אויסגעשלאסן; מיר האבן אים געזען אי־נעם גרויסן זיג פון מיסטער רוזוועלט איבער דעם פאשיסטישן „אי־זאלאציאניזם" בעת די פרעזידענט-וואלן אין די פאראייניקטע שטאטן און אינעם נאך גרעסערן זיג פונעם לאבאריזם אין ענגלאנד איבער דער אימפעריאליסטישער רעאקציע פון די „טארים", ווען זיי האבן גענו-מען ארויסווייזן זייער טענדענץ צוריקצוקערן צו דער אלטער פאליטיק פון די שטעכיקע דראטן און אוואנפאסטנס קעגן דעם ראטנפארבאנד.

אט דער ראדיקאלער קער אין דער וועלט-פאליטיק, וואס האט אפ-געשאפט די קינסטלעכע מחיצות פון חשד און אומצוטרוי צווישן די פעלקער און האט זיי פאראייניקט אין קאמף קעגן דעם פאשיזם, האט אויך געשאפן נייע באציאונגען צווישן די סאוועטישע אידן און די אידן וואס אויף דער אנדער זייט „רוביקאן" אדער אויף דער אנדער זייט פון דעם „בארדזשיא-שטריך", ווי ס'האט זייער געלונגען באצייכנט

די אַלטע ענגלישע פּאָליטיק בנוגע ראַטנפאַרבאַנד, די לאַבאָריסטישע פירערן עלען ווילקינסאָן.

פון איין זייט חרם־וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן די סאָוועטישע אידן און די נישט־סאָוועטישע אָדער אַנטיסאָוועטישע, האָט זיך געגרינדעט אַט דער אידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אונטערן פּאָרזיץ פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס, מיט דעם אָנטייל פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטיש־אידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטסלייט און מיליטער־לייט, צוזאַמען מיט שרייבער און קינסטלער פון די סאָוועטיש געוואָרענע פּוילישע „קרעסן", רומענישע „פּראָווינצן" און באַלטישע לענדער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין זשורנאַל „איינינקייט" און צוערשט פון מאָסקווע, דערנאָך פון קויבישעוו און ווידער פון מאָסקווע געשריבן ווענדונגען צו די ברידער פון דער גאַנצער וועלט, וועגן געמיינזאַמען שונא און געמאָנט בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט אין אָנבליק פון די היטלעריסטישע רציחות איבער די אידן פון פּוילן, פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

פון דער אַנדער זייט, האָט זיך אויף דעם רוף אָפּגערופן דאָס פּאַלעסטינער אידנטום מיט אַ גרויס דורך ראַדיאָ. גערעדט האָט אין זיין נאָמען נישט קיין אַנדערער ווי דער סימבאָל פונעם רוסישן ציוניזם, מנחם מענדל אוסישקין. באַלד דערויף איז צום ראַדיאָ־גרוס צוגעקומען אַ צווייטער, אַ גרוס אין דער פאָרעם פון איינינקע סאַניטאַרע אַמבולאַנסן, וואָס דאָס פּאַלעסטינער אידנטום האָט געשאַפן דורך אַ זאַמלונג, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרן אויף דעם קויף פון טאַנקן, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען פון די אידישע היסטאָרישע העלדן: בר־כוכבא, יהודה הלוי, הירש לעקערט, אשער שוואַרצמאַן, א"א. ביי אונדז אין אַרגענטינע, אין באַדינונגען פון אומלעגאַליטעט, האָט דער אידישער קאָמיטעט צו הילף די אַליאירטע, געשיקט טראַנספּאָרט נאָך טראַנספּאָרט וואַרימע קליידונג, מעדיקאַמענטן און קאָנדענסירטע שפּייז.

אין דער זעלבער צייט, האָט דער רוף צו איינינקייט, וואָס איז געקומען פון די סאָוועטישע אידן זיך אָפּגערופן אין אַמעריקע מיט אַן איינינקייטס באַוועגונג, וואָס אין איר שפּיץ האָבן זיך געשטעלט דער

פארשטארבענער דר. חיים זשיטלאָווסקי, שלום אַש, דער רב אברהם ביק, דער רעדאַקטאָר פון „טאָג״, בן-ציון גאָלדבערג, דער פּועלי־ציוניסט דר. רפאל מאהלער, דר. ראָבאַק א״א. און בכלל די אַלע וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער אידישער קולטור־אייניקייט, מיט זייער אָנטייל אין דער גרינדונג פון „איקוף״, נאָך דעם צוזאַמענ־פאָר פון סעפּטעמבער 1937 אין פּאַריז און מיט זייער מיטאַרבעט אין דער דאָזיקער אַלוועלטלעכער און איבער־פּאַרטייאישער אידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע.

נאָך מער פאַרשטאַרקט האָט די אייניקייטס־באַוועגונג די שליחות פון דעם אידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט קיין אַמעריקע, אין דער פּערזאָן פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס, דעם אָנפירער און קינסטלער פונעם אידישן מלוכהשן קונסט־טעאַטער אין מאָסקווע, און דעם דיכטער איציק פעפער. זייער טריומפאַלע רייזע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, איבער קאַנאַדע, מעקסיקע און קובא, ווי זייער אָפּשטייגן אויף זייער צוריקרייזע אין ארץ־ישראל, האָט איבערגעלאָזט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אין די דאָזיקע ישובים און האָט פאַרזייט די קערנער פון דער אידישער אייניקייט אויך אין די לענדער, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צו באַ־זוכן.

אינעם גייסט פון אָט דער אייניקייטס-באַוועגונג, האָט דער אי־דישער אָפּטייל פון אינטערנאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן אָרדן, וועלכער איז די גרעסטע פונקציאָנירנדיקע, מיט פון א סך צענדליקער טויזנטער לינק־געשטימטע אידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ, אָנטיילגענומען אין די אידישע קאָנפערענצן וועגן אַרויסשטעלן געמיינזאַמע פאָדערונגען צו דער פרידנס־קאָנפערענץ אינעם נאָמען פונעם גאַנצן אידישן פאָלק און אינעם זעלבן גייסט, איז אויף זיין איניציאַטיוו באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין עטלעכע שפּראַכן דאָס „שוואַרץ־בוך״, געזאַמלטע דאָקומענטן וועגן די נאַצישע רציחות איבער די אידן, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך דער אידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָס־קווע, צוזאַמען מיט דעם „ועד לאומי״ (נאַציאָנאַל־ראַט) פון פּאַלעס־טינע, דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס און דעם אידישן שרייבער און קינסטלער־קאָמיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיט אַט דער צעצווייגטער איבער דער אידישער וועלט און אויס־געוואַקסענער באַוועגונג פאַר אידישער אייניקייט אינעם קאַמף קעגן דעם אידישן שונא, דעם פאַשיזם, און פאַר דער אידישער אויפריכטונג נאָך דער מלחמה, איז פאַרבונדן דער נאָמען פון שכנא עפּשטיין, וועל־כער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם אידישן אנטיפאַשיסטישן קאָ־מיטעט אין מאָסקווע זינט זיין גרינדונג, און זיין נאָמען איז נאָך אונ־טערגעשריבן אויף דעם נצחון־רוף צו די אידן אין אמעריקע, וואָס דער קאָמיטעט האָט געשיקט דורך דעם „איקוף": פאָרויס צו דעם נייעם לעבן! וואָס שטרייכט אונטער די געשטיגענע „קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג צווישן די אידן פון אלע לענדער" און דעם „פונדאַ־מענט, וואָס איז געלייגט געוואָרן פאַר פעסטער אייניקייט אין דעם קאַמף פאַרן לעבן, פאַר דעם וואוילזיין און דער קולטור פון אונדזער פאָלק".

צווישן די וואָס שאַצן אָפּ די גרויסע פאַרדינסטן פון שכנא עפּ־שטיין פאַר דער אידישער אייניקייט געפינען זיך גאָר א סך פון זיינע חברים, וואָס בעת און נאָך דעם ערשט פאַרענדיקטן וועלט־קריג, האָבן זיי צוזאַמען מיט אים געאַרבעט פאַר און בעת דעם ערשטן וועלט־קריג אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג פון צאַרישן רוסלאַנד און אמע־ריקע און אויפן געביט פונעם ראַדיקאַלן אידישן געדאַנק, דעמאָלט ווען אידישע אייניקייט איז געווען די גרעסטע אפיקורסת קעגן דעם קלאַסן־קאַמף און דעם סאָציאַליזם און דאָס וואָרט „כלל־ישראל" פלעגט גע־וואָרפן ווערן ווי א מאַדלונג צו יענע וואָס האָבן געזינדיקט מיט אלגע־מיין אידישע סענטימענטן, אָדער מיט אינטערעס פאַר אלגעמיין אי־דישע פּראָבלעמען.

ווי זאָגט ערגעץ דוד האָפּשטיין אין זיינעם א ליד פון די ערשטע צייטן סאָוועטישער אידישער דיכטונג: „פון דער וואָלגע ביז צום ירדן, איז פאָלג מיך א גאַנג". א היפּשער מהלך איז פון יענעם חרם אויף כלל ישראל־סענטימענטן און כלל־ישראל־פּראָבלעמען, וואָס האָט ביז ניט לאַנג נאָך געהערשט אין די רייען פון שכנא עפּשטיינס געוועזענע

און איצטיקע חברים, ביז דער היינטיקער אידישער אייניקייטס-באוועגונג וואס פאדערט, צוזאמען מיט דער פולער פארניכטונג פונעם פאשיזם און אויפריכטונג פון די אידישע היימען, די פרייע איינוואנדערונג קיין פאלעסטינע און דאס רעכט פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג פאר די פאלעסטינער אידן.

צי איז נישט דער דאזיקער מהלך אזוי ווייט ווי פון די ווערסיילער, שטעכיקע דראטן" און „אוואנפאסטנס פון קאפיטאליזם" קעגן דעם ראטנפארבאנד, ביז דעם געמיינזאמען קאמף פון די מערבדיקע דעמאקראטיעס מיט דער סאוועטישער קעגן דעם נאצי־פאשיזם? און דאך איז קיין קפיצת־הדרך אין דער געשיכטע נישט פאראן. אין דער טיפעניש פון די פעלקער, איז זייער געמיינזאמער קאמף קעגן דער רעאקציע, וואס פאר א געשטאלט זי זאל נישט אננעמען, געווען אויסגעצייטיקט. דאס אייגענע אינעם אידישן פאלק. און דאס אייגענע מיט די פראבלעמען פונעם אידישן פאלק.

שכנא עפשטיין און א סך פון זיינע חברים האבן אויסגעצייטיקט זייער אידייאישע „מעטאמארפאזע" אין דער סאוועטישער אידישער ווירקלעכקייט, וועלכע איז דורכוים א נאציאנאלע, פונקט ווי די ווירקלעכקייט פון אלע אנדערע סאוועטישע פעלקער, נאכדעם ווי עס זיינען אינעם ראטנפארבאנד אפגעשאפט געווארן די עקספלואטירנדיקע קלאסן. נאציאנאל, אין דעם זין פון באפעסטיקן זייער לעבן אויף זייער באשטימטן באדן, אויף זייער לאנד.

כדאי איז דא צו דערמאנען יענעם מאמענט, ווען שכנא עפשטיין, א דערצויגענער און אויסגעהאמערטער אין די אידייען און אין די שטרייטן פון דעם אלטן סאציאליזם, האט זיך אנגעטראפן מיט דעם נייעם, מיט דעם סאציאליזם פון בויען און איבערבויען דאס נאציאנאלע לעבן. דער דאזיקער מאמענט, די סאציאלע איבערקערעניש פון 1917 אין רוסלאנד, האט א סך פאליטישע קאנצעפציעס ביזן גרונד צעטרייסלט און צווישן זיי די קאנצעפציעס פון די אידישע ארבעטער-פארטייען.

איינע פון די פארטייען, די ציוניסטיש־סאציאליסטישע, איז אונטער דעם קלאפ פון דער איבערקערעניש אינגאנצן צעשמעטערט

געוואָרן און אירע עלעמענטן האָבן זיך גענומען אריינפּאַסן אין דער נייער סאָציאַלער ארבעט אָדער זוכן אן אַנשפּאַר אָן די אַלטע פּאַרטייען, וואָס זיינען פארבליבן אין דער אונטערערד אלס סאַבאָטירער אָדער זיינען אריבער אַף דער אנדער זייט גרעניץ. אן אנדערע, די פּועלי־ציוניסטישע, האָט זיך געשפּאָלטן אויף לינקס און רעכטס און זיך דער־קלערט א קאַמף אויף טויט און לעבן, ווי די צוויי סאָציאַלע שיטעס, צו וועלכע זיי האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט.

די מערסטע מיטגלידער פון דער ערשטער פון די דערמאָנטע פּאַרטייען, וואָס איר פּראָגראַם איז באַשטאַנען אין דער שטרעבונג צו דער פּראָלעטאריזאציע און פּראָדוקטיוויזאציע פון די אידישע מאַסן דורך עמיגראציע און קאָלאָניזאציע, וואו נאָר עס איז פאראן א מעג־לעכקייט דערצו, מיט דעם צוגאָב פון קאַמף קעגן דעם צאריזם און אי־דישער קולטור ארבעט, האָבן זיך די ערשטע אריינגעוואָרפן אין די רייען פון דער מלוכה־פּאַרטיי און גענומען אויסנוצן פאר די אידישע מאַסן די מעגלעכקייטן, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן. טייל פון זיי זיינען אריבער צום שונא, צו פּעטליורען און סקאָראָפּאַדסקין, די פּאָגראָם־רעגירער, וואָס האָבן געשטיצט די קאַפּיטאַליסטישע אינטער־ווענטאָרן פון מערב.

די לינקע העלפט פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי, האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציע אלס א גאַנצע קערפּערשאַפט. אירע לידערס האָבן געהאָלפן אויספורעמען דעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט, פון וועלכן עס איז שפּעטער ארויסגעקומען דער ראַטנפאַרבאַנד און האָבן מאָביליזירט אירע מיטגלידער צום אָנטייל אין דער רויטער ארמיי. זייערע חברים אין פּאַלעסטינע האָבן געזאָלט ווערן די פּאַלעסטינער פּאַרטיי פון קאָמינטערן. אלס גאַנצע קערפּערשאַפט אָדער פּאַרטיי, האָט די דאָזיקע לינקע טייל אָנגעהאַלטן איר עקזיסטענץ אינעם איין־פּאַרטייאישן ראַטנפאַרבאַנד אין משך פון כמעט א יאָרצענדליק, ביז זי איז צוליב דרויסנדיקע מאָטיוון און אינעווייניקסטער ליקווידאַטאָ־רישקייט, אויפגעלייזט געוואָרן. די רעכטע טייל פון דער פּאַרטיי, איז אויך פארבליבן א גאַנצע אינעם ראַטנפאַרבאַנד, אָבער, אין דער אונ־טערערד, שטיצנדיק די רעשטן פון דער „קערענשטשינע“.

שווערער ווי פון די פריערדיקע צוויי אידישע פּאַרטייען, איז גע־ווען די לאַגע פונעם „בונד", צו וועלכער עס האָט באַלאַנגט שאַכנע עפּשטיין. שווערער, מחמת די דאָזיקע פּאַרטיי האָט בכלל נישט אָנער־קענט — און אָנערקענט נישט ביזן היינטיקן טאָג — דעם סאָציאַליזם פון בויונג און איבערבויונג און בפרט האָט זי געלייקנט און זיך דער־ווייטערט פון איבערבויערישע נאַציאָנאַל־אידישע פּראָבלעמען. איר פונקציע האָט זי באַגרענעצט אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער און אויף דער זאָרג פאַר זייערע קולטור־נויטן אין זייער מוטער-שפּראַך.

איז ווי אַזוי, ערשטנס, האָט די פּאַרטיי געקענט מסכים זיין צו אַזאַ אַרבעט ווי אידישע איבערוואַנדערונג, קאָלאָניזאַציע און פּראָדוק־טיוויזאַציע, וואָס זי האָט שטענדיק אויסגעלאַכט ביי די אַנדערע אידי־שע פּאַרטייען אַלס „קליינבירגערלעכקייט" און „זינד קעגן דעם מאַרק-סיזם" און ווי אַזוי האָט זי, צווייטנס, בכלל געקענט מסכים זיין צו דער באָלשעוויסטישער קאַפּיטאַלער זינד קעגן דעם מאַרקסיזם, ווי דאָס „איבערהיפּערן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד"?

אָרגאַניזאַציאָנעל, איז דער „בונד", פון איין זייט געווען אָנגע־שלאָסן צום מענשעוויסטישן פליגל פון דער „רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי", וואָס האָט געשטיצט קערענסקיס קאָאַליציע-רעגירונג און פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך באַ־טראַכט אַלס איינציקער פאָרשטייער פון דער אידישער אַרבעטער־שאַפט. די פּאַרטיי האָט ממש אָרגאַניש, ווי איר זעט, נישט פאַרליטן די סאָציאַלע איבערקערעניש אין רוסלאַנד, און האָט זיך שנעל גע-קייקלט, צוזאַמען מיט דער קערענשטשינע, צו דער ערגסטער קאָנטר־רעוואָלוציע.

שאַכנע עפּשטיין, דער אויסגעפּרואווטער בונדישער טוער, אויס־געפּרואווט אין טורמעס און פאַרשיקונג, אין אונטערערדישן קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, אָרגאַניזאַטאָר פון בונ-דישער טעטיקייט אין לאָמזשע, אין גראָדנע, אין סמאַרגאָן און גאַלי־ציע, אין זשענעווע און אין ניו־יאָרק, דער בונדישער פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער מיט זיינע צאָלרייכע פּסעוודאָנימען, דער רע־

דאָקטאָר פון אַ גרויסער צאָל אידישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס אין רוסלאַנד און אַמעריקע, געפינט זיך דעמאָלט אין אוקריינע.

די מאַרץ־רעוואָלוציע וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר, האָט אים נישט געלאָזט רוען ביי זיין ליטעראַרישער און קולטור־אַרבעט אין נ. אַמעריקע און ער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד (זיין פרוי רע־וועקאַ רובינשטיין, אַן אַנטלאָפענע פון 12 יאָריקער פאַרשיקונג אויף קאַטאָרגע אין יאַקוטסק), צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אינעם מינסקער בונדישן „וועקער“ און רעדאַקטירט די קיעווער „פאָלקסצייטונג“. און דאָ, אין אוקריינע, פּרוּווט ער אוים אויף זיין אייגענעם לייב די טראַגעדיע פון זיין פּאַרטיי, די גוואַל־דאָווגע סתירות צווישן אירע טעאָרעטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינ־ציפּן מיט דער ווירקלעכקייט.

זיין פּאַרטיי־טראַדיציע האָט אים איינגעהאַלטן ביים „בונד“ אַ צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. נאָר ער איז שוין מיט זיין פּאַרטיי נישט שווה בשווה. שוין אפילו דעמאָלט ווען דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי ווערט אַראָפּגעזעצט פון דער מאַכט דורך דער אַזוי גערופענער „דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער ראַדע“, שפּעטער אונטערן פאָרזיץ פון פּעטליורען, האַלט ער זיך אָפּ פון מיטמאַכן דעם קאָנטרעוואָלוציאָנערן שפּיל פונעם „בונד“ אויף דער האַנט פון דער אינטערווענציאָניסטישער רעאַקציע.

זיין פּאַרטיי שיקט אים דעמאָלט מיט אַ מיסיע קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט דער מיסיע פון דער „ראַדע“, כדי אָנצושליסן קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער, נאָר ער פאָרט נישט. ער נוצט אוים דעם דיפּלאָמאַטישן פּאַס וואָס ער האָט באַקומען, אויף דורכצורייזן די פּאָגראָמירטע אידישע שטעט און שטעטלעך; די קרב־נות פון סקאָראָפּאַדסקים אוקריינישער „זעלבסטשטענדיקייט“ און פּעטליורעס „סאָציאַליזם“, ער זעט דאָרט זיינע חברים אין דער זעלבסט־שוץ קעגן זייערע אייגענע פאַרבינדעטע מיט זייערע אידישע מיניס־טאָרן, ער זעט זיינע פּוילישע חברים אין די רייען פון דעם סאָציאַ־ליסט פּילסודסקים מאַרש אויף קיעוו, אַ באַוואָפנטן פון דער אינטער־ווענציאָניסטישער רעאַקציע פון מערב און שוין דעמאָלט זעט ער ווי פּראַגיש זיי זיינען.

ער האָט זיך זיכער דערמאָנט אָן זיי איצט, אין די לעצטע חדשים פאַר זיין טויט, ווען ער האָט זיי געזען אזוי טראַגיש זיך קלאַמערן אָן דער שליאַכטעסקע־אַנטיסעמיטישער פּוילישער גלות־רעגירונג, אויף געהאַלט ביי דער ענגלישער טאָרי־רעגירונג, קעגן דער באַנייענדיקער רעגירונג אין פּוילן. צי נישט אויף זיי באַציט זיך אָט דער זאַץ אין דער באַגריסונג פון דעם אידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אינעם ראַטנפאַרבאַנד צו די אידן פון דער וועלט מיט דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון: „צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון רעאַקציע אין דער אידישער סביבה"?

שאַכנע עפּשטיין טרעט צו דעמאָלט צו דער נייער בונדישער פּאַר־טיי, דעם „קאָמבונד", וואָס האָט זיך געגרינדעט אויף א צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטיש־געשטימטע בונדיסטן אין ווילנע, א פּאַרטיי, וואָס האָט געפּרוּווט איינהיטן דעם בונדישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ, אַלס פאָרשטייער פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. נאָר די ערשטע אַרבעטער האָבן דעמאָלט, שוין אויף א גאַנץ רעאַלן אופן, געפונען זייער פּאַסיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם; די איינגלידערונג אין דער מלוכהשער פירונג פונעם לאַנד אויף דער באַזע פון זייערע אונטערנעמונגען: פאַבריקן, װערקשטאַטן, אַר־טעלן, קאָפּעראַטיוון, קאָלאָניעס.

דעמאָלט גרינדעט שאַכנע עפּשטיין, צוזאַמען מיט יודא נאָוואַקאָוו־סקי — אָן אומרואיקער אידישער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער — דעם „אידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד". אָבער ער איז שוין צו שפּעט געקומען. די אידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, דער אידישער איבער־בוי, די אידישע איינגלידערונג אין דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, איז שוין אין פולן גאַנג, עס שטייען ביי איר די געוועזענע מיטגלידער פון די אַנדערע אַרבעטער פּאַרטייען און בכלל געזעלשאַפטלעכע טוער און שאַכנע עפּשטיין גיסט זיך אריין צוזאַמען מיט א סך חברים זיינע אין דער קאָמפּאַרטיי און ווערט איינער פון די בויער פונעם סאָוועטישן אידישן לעבן.

ערשט דעמאָלט מאַכט שאַכנע עפּשטיין א נסיעה קיין אַמעריקע, שוין נישט אַלס בונדיסט און נישט פון א פּעטליורישער „ראַדע"; ער

ווערט דער צענטער פון דער לינקער באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, צוזאַמען מיט ב. סאַלוצקי און מ. אָלגין, און נעמט אָנטייל אויף אַלע געביטן פון איר פאַרצווייגטער טעטיקייט, אין אירע צייטונ־גען און זשורנאַלן, קלובן, ביבליאָטעקן, טעאַטער, אין דער וואָרקערס פּאַרטיי, אינעם „איקאָר" (געזעלשאַפט צו העלפן דער אידישער קאָ־לאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד).

אין 1929, ווען איך האָב געמאַכט מיין רייזע איבער דעם ראַטנ־פאַרבאַנד אַלס דעלעגאַט פון דער אַרגענטינער געזעלשאַפט צו העלפן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד (פּראָקאָר), האָב איך געטראָפן שאַכנע עפּשטיין אין כאַרקאָוו. גראָד דעמאָלט האָט אין כאַר־קאָוו זיך געגרינדעט א נייע אידישע געזעלשאַפט, דער „געזקולט", א געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן מיט קולטור די נייע אידישע ישובים פון ערדאַרבעט, די אידישע פאַבריקן אאַ"וו. מען האָט זיי באַדאַרפט העלפן איינאָרדענען ביי זיך ביבליאָטעקן, דראַמקרייזן, רעפעראַטן, קלובן. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַלס גאַסט. געפירט דעם פאָרזיץ האָט א איד מיט אַן אָפּגעלייגטער רוסיאַווער באָרד, איינער פון די בכבודיקע אי־דישע תושבים פון כאַרקאָוו: פּאַטעל האָט ער געהייסן און איז נאָכ־דעם געווען א צייט פאָרזיצער פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, פון ביראָבידזשאַן.

געווען איז די פאַרזאַמלונג אַן אמתער קיבוץ פון געוועזענע פּאַר־טייען. פאַרייניקט האָט זיי אַלעמען איין זאַך, איין אויפגאַבע, שאַפן אידיש קולטור־לעבן אין די אידישע ישובים און הייזער, נאָר אויף יעדן פון זיי איז נאָך געלעגן דער חותם פון זיין אַמאָליקער פּאַרטיי, וואָרום יעדער נאָמען וואָס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, איז געקומען ביי מיר אין געדאַנק באַגלייט מיט זיין אַמאָליקער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט; וויי־ניקער, אָבער, ווי אַלע האָט אויף מיר געמאַכט אַ דעם איינדרוק שאַכ־נע עפּשטיין. אין אים האָב איך שוין נישט דערקענט דעם אַמאָליקן בונדיסט. ער איז געווען דורכויס סאָוועטישער איד.

שפּעטער, ווען צו אונדז האָט זיך דערטראָגן די שאַרפע פּאָלע־מיק צווישן די דריי צענטערן פון דער אידישער קולטור אינעם ראַטנ־

פארבאנד; פון דעם מאָסקווער מיט משה ליטוואקאָוון אָן דער שפּיץ און איר אָרגאַן „דער עמעס"; פון דעם מינסקער, מיט דוניעצן און אָר־שאנסקין און זייער אָרגאַן „אָקטיאבער" און דעם כארקאָווער מיט לע-וויטאנען, קוויטקאָ, מארקישן א.א. און זייער אָרגאַן דער „שטערן", איז שווער געווען נישט צו זען אין איר, אין דער פּאָלעמיק, די אלטע פּארטיי־ירושה און דעם אלטן פּארטיי־קאמף צווישן די געוועזענע ציו-ניסטן־סאָציאליסטן, פּועלי-ציון און בונדיסטן.

מ. ליטוואקאָוו, וועלכער האָט אייפערדיק געצויגן אין זיין ליטע־ראטור־קריטיק דעם פאָדים פון דער אידישער סאָציאלער אידייע דורך מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, בערגעלסאָן און אלבערטאָן, פון דער עדה צאן קדשים, דורך דעם שטאָטישן אויפשטייג און שטעטלשן אָפּגאנג ביז בירעבידזשאן, האָט נישט סובל געווען די מינסקער הת־פּעלות פאר א „סאָציאלן מאָטיוו" ביי פּרצן, למשל. ס'איז בונדישע רעמיניסענץ, האָט ער געזאָגט, און האָט די „אָקטיאבער"-קריטיקער אָנגערופן „אָן ארטעל פון קארליקעס". די מינסקער, פארקערט, האָבן פאָרגעוואָרפן ליטוואקאָוון סאָוועטישן ציוניזם. די כארקאָווער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען געוועזענע פון אלע מינים, האָבן פארטיידיקט דאָס אידישע קולטור-פארמעגן און זיי האָבן געזוכט.

איך פלעג לייענען ליטוואקאָוון און האָב געפילט ווי ער צילט זיינע פייל נישט אין דוניעצן, נאָר אין שאכנע עפשטיין, דעם ליטעראטור־קריטיקער, וואָס האָט געזוכט אין דער ליטעראטור מער דעם סאָציאלן פּראָטעסט איידער די סאָציאלע אידייע. נאָר שאכנע עפשטיין האָט זיך נישט אָפּגערופן, ער האָט זיך געשטעלט העכער פון דער דאָזיקער פּאָ־לעמיק. העכער איבער אלץ, האָט ער געשטעלט די סאָוועטישע אידישע אייניקייט.

שאכנע עפשטיין האָט די אידישע אייניקייט קולטיווירט אין זיך און אויסער זיך. דאָס האָט אים ראוי געמאכט צו זיין לעצטן אמט, סעק־רעטאר פון „אידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט" און רעדאקטאָר פון דעם זשורנאל „אייניקייט", אָן אמט א היסטאָרישער, אין א היסטאָ־רישער צייט, ווען אידישע אייניקייט איבער גאָר דער וועלט הויבט אָן ווערן א פאקט.

משה כ״ץ דער שרייבער און קעמפער

משה כ״ץ שרייבט אין זיין נעקראָלאָג-אַרטיקל וועגן שאַכנע עפּשטיין, דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם לאַנגיאָריקן אַרבעטער-טוער, ליטעראַטור-קריטיקער און זשורנאַליסט — אין די לעצטע פאַר יאָר סעקרעטאַר פונעם אידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד — אַז ער איז פּאָפּולער געווען ביי דעם אידישן אַרבעטער-לייענער פון צוויי קאָנטינענטן, פון אייראָפּע און אַמעריקע. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו זאָגן דאָס אייגענע וועגן משה כ״ץ גופא, צו זיין 60טן געבורטסטאָג, צום לאַנגן לעבן אים, וואָס ווערט איצט געפייערט, צווישן אָט די אַרבעטער-לייענער פון די צוויי קאָנטינענטן.

ער איז איינער פון אַ גרויסער פּלעיאַדע אידישע זשורנאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-טוער, וואָס האָבן אין משך פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר געהאַלטן פאַרבונדן דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור-לעבן פון די אַלטע אידישע ישובים אין מזרח-אייראָפּע מיט אָט דעם לעבן פון גרויסע אידישע מאַסן אין זייער נייער היים אַמעריקע, און זייער פּאָפּולאַריטעט איז נישט בלויז פון זשורנאַליסטן, נאָר פון בויער און איבערבויער פונעם אידישן לעבן.

אויפגעקומען איז אָט די פּלעיאַדע, צווישן וועלכע משה כ״ץ פאַרנעמט אַ גאָר אָנגעזעענעם פּלאַץ, אינעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערלייזונג פונעם אידישן פאָלק און אינעם קולטור-אויפשטייג, וואָס אָט דער קאַמף האָט געבראַכט מיט זיך אויף ביידע זייטן ים. פּונקט ווי שאַכנע עפּשטיין, אַזוי איז אויך משה כ״ץ אַ מזרח-

אייראָפּעאישער און אין דער זעלבער צייט אַמעריקאַנישער טוער און שרייבער.

מיר איז זיין נאָמען באַקאַנט געוואָרן פון זיין אַקטיוויטעט אַלס עס־עסאָווינעץ, אַלס פירנדיקער מיטגליד פון יענער דינאַמישער טעריטאָ־ריאַליסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט אין איין און דער זעלבער צייט געקעמפט מיט גרויס ברען קעגן דער רוסישער זעלבסט־הערשאַפט און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי פאַר דעם געדאַנק פון אַ טעריטאָריע ערגעץ וואו אויף דער וועלט־מאַפּע, וואו די אידישע מאַסן זאָלן זיך פּראָלעטאַריזירן און בילדן אַ אידיש פאָלקס־לעבן. פּערזענלעך האָב איך מיך באַקאַנט מיט אים, ווען ער האָט שוין אָט די טעריטאָריע געהאַט אויסגעפונען אויף דעם אָרט גופא, וואו ער האָט געקעמפט קעגן דער רוסישער זעלבסטהער־שאַפט און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. איך האָב אים געטראָפן אין יאָר 1929 אין מאָסקווע, אַלס פאַרוואַלטער פון דער אידישער אָפּטיילונג ביים ראַטנפאַרבאַנדישן מלוכה־פאַרלאַג (גאָסיזדאַט), וואָס האָט באַזאָרגט מיט אידישער ליטעראַטור די ביבליאָטעקן, די בוך־האַנדלונגען און די מערק פון די פּראָלעטאַריזירטע אידישע מאַסן אין די קיעווער, זשיטאָמירער, וויניצער, אדעסער, מינסקער און כאַרקאָווער אידישע פאַבריקן און באַלמעלאָכישע אַרטעלן און אין די קאָלאָניעס פון די אידישע ראַיאָנען אין קרים, אין זאַפּאָראָזשיע, אין כערסאָנ־שטשינע און אין געגנט פון אדעסער קרייז, מיט טעקסט־ביכער און מאַפּעס פאַר זייערע אידישע שולן און האָט שוין אויך איינזיינען גע־האַט די טעריטאָריע ביראָבידזשאַן ביים אַמור, וואָס די ראַטנמאַכט האָט באַשטימט פאַר אַ צוקונפטיקער אידישער רעפּובליק.

איך האָב שוין ביי מער ווי איין געלעגנהייט אָנגעוויזן, אַז די מיטגלידער פון אָט יענער פּאַרטיי — שפּעטער די „פאַריייניקטע" — צו וועלכער עס האָט ביז דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געהערט משה כ"ץ האָבן גרינגער ווי די מיטגלידער פון אַלע אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג צו דער באָל־שעוויסטישער טעאָריע און פּראַקטיק, אין דער צייט וואָס אַ צווייטער טייל זייערע חברים איז אויך גרינגער אריינגעשפּרונגען אין די פּאַר־

טייען פון דער קאָנטררעוואָלוציע. געווען איז עפּעס אַזוינס אין יענער פּאַרטיי, וואָס האָט צו זיך געצויגן מענטשן וואָס זיינען אין דער זעל־בער צייט געווען זוכער און פּראַקטיקער. נישט געווען צווישן זיי יענע פאַנאַטיקער, וואָס זיינען גרייט געווען אומצוקומען און מקדש השם צו זיין פאַר יעדן אות פון זייער טעאָריע; זיי זיינען מערסטנס געווען מענטשן פון טאַט און די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן האָבן זיי גע־מאַדלט אלס פּראַגמאַטיקער.

ס'איז גאָר קיין צופאַל נישט, מיין איך, וואָס פון אַט דער פּאַר־טיי, דער עסעסישער, וועלכע איז פּרי אראָפּ פון דער אידישער פּאַר־טייען־אַרענע, זיינען אַרויסגעקומען די שפּעטערדיקע עמיגראַציע־טוער און אָרט־טוער; פון זוכן אַ טעריטאָריע און פּרעדיקן די פּראָלעטאַרי־זאַציע פון די אידישע מאַסן, זיינען זיי אַריבער צו דער פּראַקטישער רעגולירונג פון דער אידישער וואַנדערונג און פּראָדוקטיוויזאַציע דורך פאַך־שולן פאַר דער אידישער יוגנט און עס איז אויך קיין צופאַל נישט, וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע מיט אימפּעט זיך אַריינצוואַרפן אין דער סאָוועטישער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ביי דער איבער־וואַנדערונג פון די דעקלאַסירטע אידן אויף ערד אין די געגרינדעטע קאָלאָניעס, פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער אידישער יוגנט אין די פאַ־בריקן, אָרגאַניזירונג פון די באַלמעלאָכעס א. אַ. וו.

באַזונדערס דאַרף דאָס געזאָגט ווערן וועגן די אַרבעטזאַמסטע צווישן זיי. און אַזאַ איז משה כ״ץ געווען א קוק צו טאָן אויף דעם שלל מיט פּסעוודאָנימען, וואָס ער האָט גענוצט, אַז מען זאָל זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן אַט דער אַרבעטזאַמקייט און פּראָדוקטיוויטעט זיינער. אחוץ די עסייען, פּאָליטישע אַרטיקלען און פּאָלעמישע, וואָס ער שרייבט אונטער מיט זיין אמתן נאָמען, שרייבט ער פּאָפּולער־וויסנ־שאַפטלעכע אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים פון פ. רייזאַנד, טאָג־נאָ־טיצן און קאָמענטאַרן אונטער זיינע איניציאַלן מ. א. כ., פעליעטאָנען אונטער דעם פּסעוודאָנים א. מיצרי, לייטאַרטיקלען אונטער א. מ־רי, קאָרעספּאָנדענצן אונטער די פּסעוודאָנימען מ. אַבראַמאָוויטש, מ. אַוויטש, ש. אַבראַמסאָן; רעצענזיעס אונטערן פּסעוודאָנים דילעטאַנט און נאָך און נאָך. ער איז אַ וואָגיקער פּובליציסט, ווי אַ לייכטער און

בייסיקער זשורנאַליסט און פּעליעטאָניסט; ער שרייבט אַזוי גרינטלעך אַ רעצענזיע איבער אַ טעאַטער-אויפפירונג ווי איבער אַ בוך; ער זעצט איבער פילאָזאָפישע ווערק (יערוזאַלעמס „פילאָזאָפיע" און העבערטס „עוואָלוציע"), ווי לידער און דערציילונגען (ריכאַרד דעהמעל, היינע, קיפּלינג, איוואַן פראַנקאָ און אַנד.) און ווען מען דאַרף, פאַרנעמט ער זיך אויך מיט אַזאַ אַרבעט ווי צוזאַמענשטעלן אַ טערמינאָלאָגישן ווער־טערבוך.

די ליטעראַרישע אַרבעט פון משה כ"ץ גייט געפּאָרט מיט זיין רעוואָלוציאָנער־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין 1905, שרייבט ער אין דער רוסיש-אידישער „בודושטשנאָסט" און ווערט אַרעסטירט פאַר צושטעלן געווער דער אומאַנער זעלבסטשוץ; ער שרייבט אין די עסע-סישע אָרגאַנען „נייער וועג", „אונדזער וועג", „דאָס וואָרט", „פּראָפּע־סיאָנעלע באַוועגונג" און גייט דורך אין דער זעלבער צייט די תפיסות פון ווילנע, וואַרשע, זשיטאָמיר, מינסק, סאָסנאָוויץ א. אַנד.; אין 1907 זעען מיר אים אין פּאַלעסטינע און אין מצרים, וואו ער אַרבעט מיט אין אַ העקטאָגראַפירטן וואָכנבלאַט (דערשינען אין קאַירא) און אין 1910איז ער ווידער אין וואַרשע, וואו ער אַרבעט מיט אינעם „פריינד"; אין 1913 איז ער שוין אין ניו־יאָרק, וואו ער רעדאַקטירט ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן" און קאָרעספּאָנדירט אין די רוסישע צייטונגען, ווערט געהילף־רעדאַקטאָר פון „טאָג" און רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „אונדזער וואָרט"; אין יוני 1917, אין די טעג פון דער קערענשטשינע, איז ער ווידער אין רוסלאַנד און רעדאַקטירט די קיע־ווער „נייע צייט", אין וועלכער ער האָט איינגעפירט דעם פאָנעטישן אידישן אויסלייג. דאָרט האָט ער געגרינדעט די אוקריינער אידישע קולטור-ליגע און איז געווען פאַרוואַלטער פונעם אידישן מלוכה־פאַר־לאַג און אין 1920 איז ער שוין ווידער אין אַמעריקע, אַרבעט מיט אינעם „פאָרווערטס" מיט זיינע אַרטיקלען וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אין איין צייט מיט משה אָלגין און שאַכנע עפּשטיין, פּ. נאָוויק, סאַ־לוצקי א. אַנד. ביז עס גרינדעט זיך די קאָמוניסטישע „פרייהייט", וואו ער טרעט אריין מיט זיי אַלעמען. די גרינדונג פונעם אידישן אָפּטייל ביים אַלפאַרבאַנדישן מלוכהשן פאַרלאַג, ווי די גרינדונג פו־

נעם פאַרלאַג „עמעס“, רופט אים צוריק קיין ראַטנרוסלאַנד און די אויסברייטערונג פון די „פרייהייט“ רופט אים ווידער קיין ניו־יאָרק.

ווי אַ זעלנער פון דעם רעוואָלוציאָנער־געזעלשאַפטלעכן אידישן פראָנט, האָט משה כ״ץ דורכגעלעבט די פערציק יאָר פון זיין רייפן לעבן אויף די פאָדערשטע און פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס און איצט אויך פאַרנעמט ער איינעם פון די פאָדערשטע און פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס אין דער רעדאַקציע פון „די פרייהייט“, אין דער רעדאַקציע פון „די אייניקייט“ און אַלס מיטאַרבעטער פון די „אידישע קולטור“, אָרגאַן פון „איקוף“, וואו ער העלפט אויסבילדן דעם נייעם אידישן באַוואוסטזיין פון געאייניקטן קאַמף פאַר דעם אָרט פון דעם אידישן פאָלק אין דער געמיינשאַפט פון די פרייע פעלקער און פאַר זיין עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפריכטונג.

פרידריך ניטשע – דער מאָדע־פילאָזאָף פון סוף 19־טן יאָרהונדערט

צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון זיין געבוירן

אין א בריוו פון פרידריך ניטשע צו געאָרג בראַנדעס, וואו ער גיט אים אָן די הויפּט־דאַטן פון זיין ביאָגראַפיע, גיט ער צו צום סוף: „צי בין איך א פילאָזאָף? דאָס איז נישט וויכטיק...” ווען מע לייענט ווייטער ניטשעס בריוו צו בראַנדעסן און צו אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון זיין דור, זעט מען, אַז די דאָזיקע אין פלוג באַשיידענע פראַזע באַהאַלט אוים אין זיך א געוואַלדאָווגע גאווה, א גרוים-וואַנזין, וואָס גייט „אין קרעשטשענדאָ”, אָנגעהויבן מיט דער באַרימעריי וועגן „דעם שרעקלעכן סקאַנדאַל” וואָס ער האָט אויפגעהויבן מיט זיין פּאַמפלעט קעגן דאַוויד שטראַוס, דעם מחבר פון דעם בוך „פון דעם אַלטן און נייעם גלויבן”, אין וועלכן שטראַוס שטעלט ארוים יעזוסן אַלס מיטוס, און פאַרענדיקט זיך מיט זיין בריוו פון דער סאַנאַטאָריע אין טורין — ציטירט פון בראַנדעסן — אין וועלכן ער שרייבט אַז... ער גרייט זיך פאַרופן קיין רוים אַלע מאָנאַרכן פון דער וועלט, בכדי צו האָבן א געלעגנהייט צו דערמאָרדן דעם יונגן קאַיזער... און שרייבט זיך אונטער: ניטשע־צעזאַר.

אָט די מעגאַלאָמאַניע ניטשעס גייט האַנט אין האַנט מיט זיין נעיעג נאָך סקאַנדאַל. וועגן זיין אויבן דערמאָנטן פּאַמפלעט קעגן דאַוויד שטראַוס, שרייבט ער: „דער בייזער חוזק פון א „פרייען גייסט” אויפן חשבון פון איינעם וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר א ליבעראַל,

האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן סקאַנדאַל: איך בין שוין דעמאָלט געווען באַטיטלט פּראָפעסאָר און נישט געקוקט אויף מיינע 27 יאָר און מיין אָנערקענטער אויטאָריטעט, האָט מען מיך שאַרף קריטי־קירט. דעם אָפיציעלן און אומפּאַרטייאישן באַריכט איבער דעם „אַפעיר״, אין וועלכן עס האָבן זיך־באַטייליקט כמעט אַלע „באַרימט־קייטן״, שטעלנדיק זיך אויף מיין זייט אָדער קעגן מיר, גיט איבער קאַרל הילעבראַנדט אין צווייטן באַנד „צייטן, פעלקער און מענער״... און ווייטער: „מיין פּאַמפלעט איז געווען דער ערשטער קלאַפּ דער דייטשער קולטור (יענע קולטור, וואָס לויט זיי זאָגן, האָט זי באַזיגט פראַנקרייך). דער עפּיטעט „קולטור־פיליסטער״, וואָס איך האָב גע־וואָרפן אין פּנים דער דייטשער אינטעלעקטועלער וועלט, איז ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין דער געברויך־שפּראַך, אַלס אָפּקלאַנג פון יענעם הייסן קאַמף״.

איר קענט געפינען אין זיינע בריוו אַזעלכע באַרימערייען: „איך האָבן געגעבן די דייטשן דאָס טיפסטע בוך, וואָס זיי האָבן ביז איצט״, „איך האָב געגעבן דער מענטשהייט דאָס טיפסטע בוך״. וועגן זיין „עקצע האָמאָ״ שרייבט ער: „איך, דער אַלטער אַרטילעריסט, באַנוץ אַזעלכע שווערע קאַנאָנען, אַז קיין שום שונא פונעם קריסטנטום האָבן זיי זיך ביז איצט אַפילו נישט געחלומט״. און דערביי שרייבט ער וועגן זיין בוך „איבערשאַצונג אַלער ווערטן״, וואָס ער האָט געגרייט: „איך שווער אייך, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט די וועלט אין קאָנ־וואולסן אויפגעטרייסלט ווערן פון דעם גרויסן דעבאַקל (קאַטאַסטראָ־פע, איבערקערעניש), וואָס איך בין זיין פאַקטאָטום״. זיין מיינונג וועגן זיך אַלס דיכטער איז נישט ווייניקער פריי פון דער באַרימעריי: „מען וועט אַמאָל זאָגן — שרייבט ער אַז איך און היינע זיינען מיר געווען די גרעסטע שרייבער אין דער דייטשער שפּראַך״.

קיינעם פאַלט נישט איין צו לייקענען, אַז ניטשע איז געווען אַ פילאָזאָף, ווען אַפילו זיין גאַנצן פילאָזאָפישן כוח האָט ער אוועק־געגעבן אויף צו נעגירן די אידייען־וועלט און די קולטור־ווערטן, וואָס האָבן באַהערשט זיין דור און גאַנץ ווייניק אויף אויסצובויען זיין אייגענעם פילאָזאָפישן בנין. — נאָך ווייניקער קען מען לייקענען זיין

דיכטערישן וועזן. זיין סטיל האָט באמת צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער דייטשער שפּראַך. נישט אומזיסט רופט מען אים דער פילאָזאָף־דיכטער. אָבער קיינמאָל ביז אים האָבן פילאָזאָפן אזוי הויך, אזוי הים־טעריש, וואָלטן מיר געזאָגט, נישט געשריבן און קיינמאָל ביז אים האָבן פילאָזאָפן נישט גערעדט וועגן זיך מיט אזויפיל גאווה און נישט אזוי געיאָגט זיך נאָך סקאַנדאַלן ווי דאָס האָט געטאָן ניטשע. מען מוז דעריבער זאָגן אז אויב ער איז געווען א פילאָזאָף, איז ער עס געווען נישט אין דעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט.

וואָלטער געץ כאַראַקטעריזירט ניטשען מיט אָט די ווערטער: „אין די אויגן פון דעם דאָזיקן זון פון א פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר, האָבן די ווערטן פונעם טראַדיציאָנעלן קריסטנטום געהאַט אזא נישטיקע באַדייטונג ווי די ווערטן פון דעם קאַפּיטאַליזם און פון דעם נאַציאָ־נאַליזם. דער לעבנסציל פאַר אים איז די גייסטיק־קינסטלערישע מענ־טשהייט, ווי ער האָט זי געזען אין דער אַלטער גריכנלאַנד. אינעם קעגנוואַרטיקן לעבן האָט ניטשע געזען א פאַרניכטונג פון יעדער עכ־טער קולטור. וואָרום נישט אין דער מאַסע, נאָר אין די גרויסע יחידים געפינט זיך דער קולטור־פּראָגרעס. און אזוי האָט ער מיטליידנשאַפט־לעכע קולות געשטורעמט קעגן דעם מאַסן־גייסט, קעגן דער האַלבער קולטור פון זיין צייט, קעגן אַלע אין א געוואוינהייט פאַרוואַנדלטע עטישע און רעליגיעזע געזעצן. די „איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן", אָט דאָס דאַרף זיין, ווי ער האָט געזאָגט, די אויפגאַבע פון א נייער צייט. אַן אַנטשידענעם קריג האָט ער דערקלערט דער טראַדיציע, דער געשיכטלעכקייט, וואָס דערדריקט יעדע שעפערישקייט. געוואָלט האָט ניטשע די גרינדונג פון א נייער וועלט, אין וועלכער דער שעפערישער יחיד זאָל זיך פולשטענדיק אויסלעבן, האָבנדיק צו זיין דינסט אַלע אַנדערע מענטשן; א וועלט, וואָס זאָל דאָס לעבן אָנערקענען און נישט נעגירן, ווי דאָס טוט דאָס קריסטנטום. די וואָס האָבן זיך גערעכנט צווישן די שעפערישע גייסטער און האָבן געשטרעבט צו אומבאַ־שרענקטער פרייהייט, האָבן אָנגענומען דעם נייעם עוואַנגעליום מיט זיינע אָנקלאַגעס און מיט זיינע פאָדערונגען. יעדע טראַדיציאָנעלע עטיק מוז אין איר וואָרצל צעטרייסלט ווערן. דער קאַמף קעגן קריסטנ־

טום מוז ווערן די טעמע פון דער עכטער קולטור. די בירגערלעכע גע־זעלשאַפט, ווי אויך די קירכע, האָבן אין ניטשען געהאַט אַ שונא, וואָס האָט אָן רחמנות אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויף יעדער וואונד, אויף יעדער אומעכטיקייט און האָט די באַרימטע קולטור פון זיין צייט באַקעמפט אַלס אומקולטורעלע. ניטשעס דערפאָלג אינעם קאַמף פאַר דער נעגאַציע פון די טראַדיציאָנעלע ווערטן, האָט זיך גענומען דערפון וואָס קיין איין לעזער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער באַ־צווינגערישער קראַפט פון זיין סטיל. געווען איז ער אַ קריטיקער, אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ הויך־קולטורעלער גייסט און גאָרנישט קיין פילאָזאָף אינעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט. זיין ווירקונג אויף דער צייט איז געווען אַזוי מעכטיק, ווייל ער האָט געוואָרפן איבערן באָרט עכטע און אומעכטע אידעאַלן פון די הערשנדיקע שיכטן אין ווייל טראָץ זיין שנאה צו די מאַסן, האָט ער זיי געליפערט די באַווייזן פון דער אומאויפריכטיקייט וואָס ליגט אין דער בירגערלעכער קול־טור. קיינער האָט נישט אַזוי ענערגיש אונטערגעשטראָכן דעם גייס־טיקן פונאַנדערפאַל פון דער דאָזיקער קולטור און קיינער האָט נישט געקוקט מיט אַזאַ ביטול צו די טרעגער אירע, ווי דאָס האָט געטאָן ניטשע. אין דייטשלאַנד איבערהויפּט, וואו דער נייער שטאַט האָט זיך גערן געשטיצט אויף דעם קריסטנטום און אויף דעם גערמאַנענטום און וואו די בירגערלעכע געזעלשאַפט האָט אירע וועלטלעכע פּריווי־לעגיעס געשיצט מיט די רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און גייסטיקע ווערטן, איז ניטשע דערשינען אַלס שונא פון יעדן נאַציאָנאַלן לעבן, אַלס צע־שטערער פון אַלדאָס עקזיסטירנדיקע, אַלס פאָרפירער פון דער יוגנט, אַלס אָנרעגער פון דעם אינדיווידואַליזם, וואָס זונדערט זיך אָפּ פון יעדן שטאַט און יעדער געזעלשאַפט. אין אַנדערע לענדער, פאַרקערט, האָט געווירקט דאָס גייסטיקע וואָס איז געווען אין זיין קריטיק. אין פראַנקרייך איז ניטשעס ווירקונג אויף דעם יונגן דור געווען כמעט אַזוי טיף ווי אין דייטשלאַנד".

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער פילאָזאָף פון דער סאָציאַליס־טישער יוגנט און פון דער אַרבעטערשאַפט איז ניטשע קיינמאָל נישט געווען. מענטשן פאַר וועלכע קולטור און אידייען בכלל זיינען נישט

קיין שפּיל און צייט־פאַרטרייב, נאָר האַרטער קאַמף פון די פעלקער קעגן זייערע באַדריקער פאַר רעכט און פרייהייט פאַרוועריקט אין אַלץ נייעם געוועזן פאַר זייער געדערבטער זאַך, האָבן קיינמאָל נישט באַטראַכט אַלס זייערן אַ פילאָזאָף דעם פאַרניינער פון די עטישע ווערטן, פון דער גערעכטיקייט און פון דעם פעלקער־רעכט. מענטשן, וואָס קעמפן זייער גאַנץ לעבן קעגן דעם מאַטעריעלן רויב, וואָס גייט אָן אין דער וועלט זינט טויזנטער יאָרן, פון איינצלנע באַזיצער ביי מיליאָנען באַזיצלאָזע, קענען נישט מסכים זיין, אַז דער זין פון דער מענטשהייט זאָל זיין אויסצוכאַוועון עטלעכע גייסטיקע ריזן אויפן חשבון פון דער אַלגעמיינער קולטורלאָזיקייט. און דעריבער גייט ביי זיי די קולטורעלע דערהויבונג פון די פעלקער האַנט ביי האַנט מיט דעם קאַמף פאַר זייער עקאָנאָמישער, פיזישער און רעכטלעכער דער־הייבונג. דאָס מיינט קעגן יעדן מין סאָציאַלער פּריווילעגיע און אַריס־טאָקראַטיע, אויך גייסטיקער.

אויב ניטשע איז דאָך געווען איינער פון די געלעזנסטע פילאָזאָפן צווישן די וואָס האָבן אים באַקעמפט, איז ער עס געווען ווי לודוויג פייערבאַך, ווי פּרודהאָם, ווי מאַקס שטירנער א. אנד. פאַר מאַרקסן און ווי דירינג פאַר ענגעלסן. ניטשע האָט פאַר זיינע סאָציאַליסטישע צייט־גענאָסן געדינט אַלס שליפשטיין פאַר זייער געווער אינעם קאַמף קעגן יעדן פאַרניינער פון דער גערעכטיקייט און פון די מענטשלעכע רעכטן אין נאָמען פון כלומרשט גייסטיקער העכערקייט. געווען איז עס דערפאַר, וואָס ער האָט געוואַגט ווי אַלע אַנדערע ביז אים און אויך שאַרפער און אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן אופן פאָרמולירט זיינע אי־דייען. געווען איז דאָס אָבער אויך דערפאַר, וואָס אין אַ געוויסן זין האָט ניטשעס פאַרדיקונג זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אויפגאַבן פון די סאָציאַלע פאָלקס־באַוועגונגען און ער איז צו דעם אויסגענוצט געווען: די פאַרוועלטלעכונג פונעם לעבן.

דער סאָציאַליזם, וואָס אין זיין גרונד ליגט די גערעכטיקייטס אידייע, די עטיק „פאַר עקסעלאַנס", וואָס אירע קוואַלן ריזלען אַזוי מעכטיק אין דער אַלטער אידישער געזעצגעבונג, אין די פלאַם־פייער־דיקע שטראַף־רייד פון די נביאים קעגן מענטשלעכן אומרעכט און אין

זייערע וויזיעס פון פעלקער־פרידן, האָט נישט געקענט מסכים זיין צו דער פאַרניינונג פון יעדן עטישן ווערט, וואָס ניטשע האָט פון איר געמאַכט דעם יסוד פון זיין פילאָזאָפיע און דעריבער אויך נישט צו זיינע אַנגריפן אויף דעם יודאַיזם און זיין קריסטלעכער פאַרצווייגונג, ווי קעגן עטישע לערעס. ער האָט אָבער גערן מסכים געווען צו ניטשעס שאַרפער קריטיק פון דער קירכע און פון דער מלוכה, וואָס נוצט זיך מיט איר, אויף צו באַשרענקען דעם געדאַנק פון דעם מענטשן און שאַפן פאַר אים דאָס וואָס אונדזער זיידע מענדעלע האָט אָנגערופן אַ געמויזעכץ, אַ זומפּ, ווי ניטשע האָט דאָס אָנגערופן אויף זיין שאַרפער שפּראַך. אַן איינגעשטאַנען לעבן אויף אַלע געביטן פון זיין אויסערונג.

ווען מען לייענט ניטשעס בייסיקע קריטיק פון דעם דייטשן „קולטור פיליסטערטום”, פון דער זעלבסטצופרידנקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דייטשע פאָלק נאָך דעם נצחון איבער פראַנקרייך, וואו ער זאָגט, אַז פאַראַן זיינען נצחונות וואָס זיינען ערגער פון מפּלות, מחמת געזיגט האָט די דייטשע טעמפּקייט איבער דער פראַנצויזישער גייסטרייכקייט און ווען מען לייענט ביי אים ווי אַזוי די דאָזיקע טעמפּקייט און זעלבסטצופרידנקייט האָט זיך ברייטלעך צעלייגט איבער דייטשלאַנד, אָנהויבנדיק פון דער פאַמיליע און מאַן און ווייב-לעבן, ביז דעם מלוכהשן און געמיינדע־לעבן און פון דער דאָרף־שול ביז דעם אוניווערזיטעט, איז נישט שווער צו אידענטיפיצירן מיט איר די קריטיק פון דער „קליינבירגערלעכקייט”, וואָס איז אַזוי שאַרף אָנגעגאַנגען אין די סאָציאַליסטישע רייען.

נישט ווייניקער איז מען אין די סאָציאַליסטישע רייען געווען גערן געווען ניטשעס ראַציאָנאַליזם און זיין קאַמף קעגן דער מעטאַפיזיק. קיינער וועט נישט לייקענען, אַז דער גייסט פון כפירה, פון אָפּוואַרפן דעם גלויבן אין ניסים, וואָס האָט באַהערשט די אינטעליגענץ און די יוגנט אין די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אונטער דעם אויפשוואונג פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, האָט שטאַרק געהאָלפן דער פאַרשפּרייטונג פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און איז פאַר אַ סך אַרבעטער אַפילו געווען דאָס ערשטע טרעפּל, וואָס

האָט זיי געפירט צו די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די סאָ־ציאַליסטן אָבער האָבן איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ היסטעריקער, מיט אַן עגאָצענטריקער און האָבן גע־קוקט אויף אים ווי אויף אַ געפּיעשטשעטן בן־יחיד, וואָס האָט נישט קיין אָפּהאַלט פאַר זיינע קאַפּריזן און אינסטינקטן, וועלכע דערפירן זיינע מעשים ביז צום אבסורד.

די אָנהענגער פון זיין אַנטיכריסט־טעאָריע, וואָס פאַרניינט יעדן עטי־שן פּרינציפּ און פון זיין אויבערמענטש־טעאָריע, צוליב וועלכער ער פאַרמשפּט די פעלקער אויף אייביקער שקלאַפעריי, האָט ער געפונען צווי־שן יענער יוגנט, וואָס יאָגט זיך נאָך דער לעצטער מאָדע, אין דער לי־טעראַטור און צווישן די שריפטשטעלער פון זיין צייט, וואָס האָבן געזוכט אָריגינאַליטעט, ווייניק עקספּלואַטירטע אידייען.

ניטשע אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויבערמענטשן, פאַר אַ גייסטיקן ריז, אַלנפאַלס. אָבער, ווי עס זאָגט וועגן אים דער בעסטער פון זיינע ביאָגראַפן, געאָרג בראַנדעס, וועלכער האָט אים געקענט פון דער נאָענט, מחמת ער האָט מיט אים אָנגעהאַלטן אַ כסדרדיקע קאָ־רעספּאָנדענץ כמעט ביז צו זיין טראַגישן סוף, איז ער אין דער אמתן פול געווען מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס האָבן זיך אויפגעלייזט — ווי ער דריקט זיך אוים אויף זיין העפלעכן אופן — אין דער גראַנ־דיעזקייט פון סטיל, וועלכן ער האָט זיין לעבן געווידמעט. פּשוטער און אָפענער גערעדט, מיינט דאָס, אַז געווען איז ניטשע מער סטי־ליסט ווי פּערזענלעכקייט.

דער אמת איז אויך, אַז דעם גרויסן דערפאָלג זיינעם ביי דער יוגנט, האָט ער באַקומען אַ דאַנק זיין סטיל, דער לירישער פאָרם פון זיינע פילאָזאָפישע אַפאָריזמען, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי ער אַליין האָט וועגן זיך געשריבן און אַלס שרייבער זיך געשטעלט אויף איין ברעט מיט היינען. נאַטירלעך, מוז מען צוגעבן, אַז צווישן אים און היינען ליגט דער טיפער תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם ביטערן סאַרקאַזם פון דעם גוטמוטיקן הומאָר און פיינער איראָניע. צו ניטשען פּאַסט זיך זייער גוט דאָס פראַנצוי־זישע וואָרט „לע דערניער קרי" (דער לעצטער אויסגעשריי), וואָס

ווערט באַנוצט אויף צו באַצייכענען דאָס לעצטע וואָרט פון דער מאָדע און שטאַמט, ווי איך מיין, פון דעם מאַרק, וואו סוחרים שרייען איבער איינער דעם צווייטן, לויבנדיק זייער סחורה און רופנדיק צו זיך די קונים.

ניטשע איז געקומען אויפן וועלט-מאַרק פון דער קולטור אין אַ צייט ווען די נאַטור-וויסנשאַפט האָט געהאַט הויך פּראָקלאַמירט איר אולטימאַטום: די פיזיק אָדער די מעטאַפיזיק! דאָס וויסן אָדער דער גלויבן! דער ענגלישער פּאָזיטיוויסטישער פילאָזאָף אויגיוסט קאָמפּט האָט הויך געפאָדערט אָפּצוטרייסלען דאָס לעבן פון יעדער מעטאַ-פיזיק און ריכטן עס אויסשליסלעך לויט די נאַטור-געזעצן. די מוחות זיינען באַהערשט געווען פון דאַרווינס טעאָריע פון דער עוואָלוציע און פונעם „קאַמף פאַרן דאַזיין". קיינער האָט נישט געקענט ווידערשטיין דעם נסיון כאָטשבי אַ לעק צו טאָן פון דער נאַטור-וויסנשאַפט און פון דעם ראַציאָנאַליזם, אַפילו נישט די טעאָלאָגן. אונטער אָט דער ווירקונג האָט דער דייטשער ביבל-קריטיקער דאַוויד שטראַוס אָנגע-שריבן זיין ווערק „פון אַלטן און נייעם גלויבן", וואו ער האָט גע-וואָגט צו זאָגן, אַז יעזוס איז נישט מער ווי אַ מיטוס, אַן אויסגע-טראַכטע פיגור, וואָס זאָל מיט זיך פאַרקערפּערן די לערע פון דער מענטשן-ליבע און זי טראָגן צווישן די פעלקער און דער פראַנצויזי-שער גלח רענאַן האָט אונטער דער זעלבער ווירקונג אויסגעטאָן די גלחישע זשופּעצע און אָנגעשריבן „דאָס לעבן פון יעזוס", וואו קריס-טוס קומט אַרויס אַ באַפרייטער פון די ניסים מיט וועלכע די קירכע האָט אים אַרומגעוועבט. און אין אָט דער אַטמאָספער פון פּאָרזיכטיקן פאַרוועלטלעכן דעם מענטשלעכן גייסט, האָט ניטשע אַ געשריי געטאָן אויף די העכסטע טענער: נידער מיט די האַלבקייטן!

און מיט דעם געשריי, האָט זיך ניטשע אַריינגעריסן אינעם גאָרטן פונעם מענטשלעכן גייסט און גענומען עוקר זיין מן השורש אַלץ נאָר וואָס דאָרט האָט זיך געפונען עטישעס, אַלץ, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען מעטאַפיזיש: ליבע, רחמנות, גערעכטיקייט, געוויסן און צוזאַמען מיט זיי — די גייסטיקע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך אויף זיי געשטיצט און זיי גענומען אַלס דער יסוד פון דעם מענטש-

לעכן פאַרשריט: דעם יודאיזם, דעם קריסטנטום, דעם הומאַניזם, דאָס מענטשן־רעכט, דעם סאָציאַליזם. געלאָזן אין אים האָט ער נאָר די קונסט און דעם קריג, די שאַפונג פון די גריכישע „געטער", וואָס זיי האָט ער גענומען אַלס אַ מוסטער פון זיין אידעאַלער וועלט פון גייס־טיקע ריזן, פון „איבערמענטשן", וועלכע טרעטן צו זייער שטראַליקן ציל איבער די המונים אויפן שטייגער פון די געטער.

אוודאי האָט ער אַזוי אַרום אַלעמען איבערגעשריגן: נישט נאָר די טעאָלאָגן, די אָרטאָדאָקסישע ווי די קריטישע, נאָר אויך די פֿי־לאָזאָפן פון אַלע צייטן, די דיכטער און די וויסנשאַפטלער, די נביאים און די געזעצגעבער... און אוודאי איז מען געלאָפן טרינקען פון זיינע קוואַלן די העכסטע און די טיפסטע פון אַלע חכמות...

מען וויל האָבן, אַז היטלער איז אַ פּראָדוקט פון דער ניטשעאַנישער פילאָזאָפיע אָדער אַז ער איז אינספּירירט פון איר. דאָס וואָלט געווען דער ביטערסטער חוזק פון ניטשען און פון זיין פילאָזאָפיע, דער עיקר פון זיין העכסטער קרעאַציע, דעם אַלערהעכסטן און אַלער־ליכטיקסטן, אַלערקלוגסטן און אַלערמוטיקסטן זאַראַטוסטראַ. ווי פיינט געהאַט וואָלט ניטשע, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, אָט דעם שונא פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס כאַפּט זיך צום רעוואָלווער ווען ער דערהערט נאָר איר נאָמען! ער, וואָס האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן דירינגן פאַר זיין אַנטיסעמיטיזם, ביסמאַרקן פאַר זיין גערמאַ־נישקייט און כדי נישט אויסגעמישט צו ווערן מיט דעם טעמפּן דייטשן געזינדל, האָט ער זיך באַרימט מיט זיין פּוילישן אָפּשטאַם און שטענדיק געוואוינט אויסער דייטשלאַנד, קען נישט זיין דער לע־רער פון דעם יונקער־משרת, וואָס האָט אויסגעבאָוועט זיין יעראַרכיע אויף די זאַפטן פון דער דייטשער אונטערוועלט און געמאַכט אַ קולט פון אַנטיסעמיטיזם און גערמאַנישער טעמפּקייט. גענוג, אַז מען זוכט זייער קרובהשאַפט אין זייער ביידנס מעגאַלאָמאַניע און היסטעריקע.

Este libro se terminó de imprimir el día 2 de Setiembre de 1947 en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976 - Bs. Aires.